STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07400

LEYD UN FREYD

Z. Weinper

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ליד און פרייד

3 ביכער
לכבוד
ז. ווײַנפּערס
60־יאָריקן יובילײ

צײכענונג פֿון ע. קלינג (1938)

באַנד 1 — ראָמאַן
אַ גאַסט פֿון אַמעריקע

באַנד 2 — פּאָעזיע
לײד און פֿרײד

אַרויסגעגעבן דורך די

ז. ווײַנפּער יובילײ־קאָמיטעטן
מיט דער הילף פֿון אל. ראָער אין לאָס־אַנדזשעלעס
לכבוד זײַנע 60 יאָר

אין דרוק
באַנד 3 — עסייען
ייִדישע שריפֿטשטעלער און קינסטלער

לייד און פרייד

לידער און פאָעמען

פון

ז. ווײַנפער

ביים פאַרלאַג

ניו-יאָרק — איקוף — 1954

LEID UN FREID

POEMS

Copyright, 1954

by

Z. WEINPER

209

מיין טיפסטן דאַנק

צו די אָרגאַניזירער פון די יובילײ־קאָמיטעטן און די אָנטײלנעמער אין זײ פאַר דעם כבוד פון באַצײכענען מײנע ששים שנה מיט אַזעלכע האַרציקע יום־טובים אין אַזױ פיל ערטער, און דער עיקר פאַר דעם באַשלוס אַרויסצוגעבן דרײ פון מײנע ביכער, פון װעלכע דאָס ערשטע „אַ גאַסט פון אַמעריקע" איז שױן אין פאַרשפּרײטונג, דאָס איצטיקע, װאָס איז שױן דאָס צװײטע, „לײד און פרײד", און דאָס דריטע, „יידישע שריפטשטעלער און קינסטלער", װערט געמאָנט פון מיר, כדי דאָס איבערצוגעבן דעם „בחור־הזעצער".

דאָס װאָרט פאַר דער הקדמה האָבן די יובילײ־קאָמיטעטן אינעם ערשטן בוך גענומען פאַר אַן אײגענער דערקלערונג, און אַזױ װי זײ פאַרלאַנגען דאָס זעלבע װאָרט פאַר זיך אויך אינעם דריטן, װאָס װעט זײן דער שלוס פון זײער אונטערנעמונג, בין איך צופרידן, װאָס אָט דאָס שטיקל װאָרט װערט איבערגעגעבן אין מײן רשות, און איך נוץ דאָס גערן אויס אויסצודריקן דעם דאַנק, װאָס איך פיל אין מײן טיפסטער טיפעניש צו אָט די אַלע טײערע פרײנט, און חברים פאַר אָט דער באַציאונג צו מיר.

אַז איך בין טיף גערירט פון אָט דער באַציאונג, איז דאָך נישט שײך צו פאַרזיכערן.

די נעמען פון די אָרגאַניזירער און די אָנטײלנעמער אין די יובילײ־קאָמיטעטן, װאָס געפינען זיך בײם סוף פון דעם איצטיקן בוך, װי אין דעם פריערדיקן בוך, באַטראַכט איך װי שותפים אין דער טואונג, װאָס איך טו, און זײ זײנען מיר אַלע זײער טײערע שותפים.

קוקנדיק אויף אָט די אַלע נעמען, זע איך פאַר זיך די געשטאַלטן הינטער זײ, אָפּגערעדט פון די, װאָס איך קאָן פּערזענלעך, און פיל צו זיך זײער װאַרעמע פרײנטשאַפט שױן יאָרן און יאָרן, אָבער אויך די, װאָס איך קאָן נאָך נישט פּערזענלעך, זע איך, און פיל די שײן פון זײ, און איך װאַרעם זיך אין איר.

איך פיל זיך אין אָט דער שײן אַ דערהויבענער, און אַ פרעמירטער, און װאָס קאָן זײן אַ העכערע דערהויבונג און אַ שענערע פּרעמירונג, װי די, װאָס קומען פון אַזאַ צאָל יידישע פאָלקס־מענטשן, — דײנע לײענער, און מיט־טוער פון דײן קולטור־טואונג ?

בײ אָט דער געלעגנהײט זאָל אויך גײן מײן דאַנק צו דעם „איקוף"־פאַרלאַג פאַר אַרײנגעמען מײנע ביכער צװישן די װיכטיקע װערק פון אונדזער יידישער ליטעראַטור, װאָס ער גיט אומאויפהערלעך אַרויס פאַר דעם פאָלק דורך די לעצטע פערצן יאָר. דער זעלבער דאַנק גײט אויך צו אַלע איקוף־אָפּטײלונגען, װי דער שרײבער־פאַראײן, די פּלאַסטישע קונסט־סעקציע, די פּרויען לײען־קרײזן, צענטראַלע אינעם צענטער, װי אויך צו די איקוף־קלובן, לײען־קרײזן איבערן לאַנד און אין די שכנהשע לענדער — קאַנאַדע און מעקסיקע פאַר אָפּנעמען מײנע װערק, און פאַר העלפן אין דער פאַרשפּרײטונג.

מײן װאַרעמסטן גרוס צו די װאָרט־און פען־קאָלעגן פון הי און פון אַנדערע לענדער פאַר די ברכות צו מיר.

די טעלעגראַמעס און בריװ פון זײ אַלע זײנען בײ מיר אומגעהויער אָנגעלײגט, ליב און טײער.

איך הער דורך זײ דאָס קול פון יידישער שעפערישקײט אויף אונדזער אײגן יידיש לשון,

וואָס איז נאָך דער מוראדיקסטער קאַטאַסטראָפּע אין אונדזער געשיכטע, להכעיס אַלע בייזע ווינטן, נאָך אַלץ אַזוי קרעפטיק שעפעריש און פול מיט בטחון.

דער מוראדיקער שטורעם, וואָס האָט זיך דורכגעטריבן איבער אונדזער דור און אַזוי פיל בוימער אַרויסגעריסן ביי אונדז מיט די וואָרצלען, האָט דאָך נישט באַוויזן מיטצושלעפּן מיט זיך דעם גאַנצן וואַלד, און פאַרשטומען אַלע זינגענדיקע פויגל.

אַוודאי פילן זיך די איבערגעבליבענע בוימער שווער פאַריתומט, און אינעם געזאַנג פון די געבליבענע פויגל הערט זיך נישט איין מאָל דער טיפער ציטער־צאַפּל פון געוויין אויף די, וואָס זיינען אַזוי גרויזאַם אָפּגעשניטן געוואָרן פון אונדז. אָבער דאָס פאַרשניטענע וויגט זיך אום אין דעם רוים, ווי דאָס קול פון אַ צוואה, וואָס דערמאָנט און מאָנט, און דערמאָנענדיק און מאָנענדיק געפינט עס אַ תיקון אין דעם קול פון דעם איבערגעבליבענעם, וואָס איז ממשיך דעם המשך נישט נאָר פאַר זיך אַליין, נאָר אויך פאַר דעם אומגעקומענעם.

ווי און ווינד איז אונדז, די איבערגעבליבענע אינעם לעבן, נאָך אַזאַ מוראדיקן שטורעם צו טרעטן איבער די חורבות. נישט איין מאָל ציטערן ביי אונדז די קניען פונעם געוויין אין די טריט, דאָך טרעטן מיר, און אין אונדזער עקשנות זיינען אונדזערע הענט איינגעקלאַמערט אויף די אַקער־אייזנס איבער דער חורבער ערד פאַר וויטערדיקן פאַרזיי. מיר אַקערן און פאַרזייען אין אונדזער טיפסטער לייד מיט דער האָפענונג אויף פרייד. און אָט די האָפענונג בלאָזן מיר פאַנאַנדער מיט דעם גאַנצן אָטעם אונדזערן אין אַ גלויבן, וואָס שטעלט זיך אַנטקעגן יעדע בוכהאַלטערישע לאָגיק.

אונדזער גלויבן לאָזט זיך נישט אויסלעשן פון קיין שום שטורעם־ווינטן אפילו אין יענע לענדער, וואו אונדזער איבערבלייב איז נישט מער, ווי אַ פּאָר מנינים, — בפרט אין די יידישע קאָמפּאַקטערע ישובים, וואָס זיינען נאָך דאָ אין אַזוי פיל לענדער איבער דער ערד. אונדזער גלויבן שטאַרקט אונדז מיט דער טרייסט, אַז בשום אופן איז נאָך נישט אויסגעטריקנט געוואָרן דער קוואַל פון יידישער שעפערישקייט, — אַז ממשיך זיין וועט זיך דאָס אומעטום : אין די לענדער פון אייראָפּע, אין די לענדער פון דעם אַמעריקאַנישן קאָנטינענט, און אונדזער אייגן גרויסן און באַליבטן לאַנד, וואו עס געפינט זיך איצט דער רוב מנין ובנין פון אונדזער פאָלק, און אַז אויך אין אונדזער מדינת ישראל וועט די שעפערישקייט אויף אונדזער יידיש לשון האָבן איר אָרט זייט ביי זייט מיט העברייאיש — איר עלטערע שוועסטער פון די זעלבע טאַטע־מאַמען.

מדינת ישראל איז אונדז ליב און טייער, ווייל ליב און טייער איז אונדז דער עיקר עם־ישראל.

ווי זכיהדיק עס איז צו לעבן, שאַפן און בויען, ווען עס איז דאָ מיט וועמען און פאַר וועמען, און אַז עס איז בפירוש דאָ מיט וועמען און פאַר וועמען, באַווייזט מיר קלאָר די באַציאונג צו מיר ביי מיינע ששים שנה.

פיל איך זיך טאַקע דערפאַר ביז גאָר זכיהדיק, און פאַר אָט דער זכיהדיקייט, וואָס איך פיל איצט אין זיך, — אַ דאַנק ! אַ דאַנק !

ז. וויינפּער

1954

צו זיטאַן

פאַרוואָס איז מיר דאָ אַזוי גוט אין אָט־דער שפּעטער אָוונט־שעה?
איך ווייס, איך ווייס גענוי און אַקוראַט פאַרוואָס דאָס איז אַזוי.
עס איז דערפאַר, ווייל אָט אַזאַ, ווי דו, מיט מיר ביסט דאָ.
אָט זיצסטו קעגן מיר, און פאַרבסט דעם שווערסטן גרוי אויף בלוי,
און זינגסט דערביי אַ ליד פון אַזאַ ליכטיקן קאַיאָר
אין גאַנג אַהער צום שוועל פון אונדזער טיר.
אַזאַ וואונדערלעכער חלום איז מיר איצט די וואָר,
און אַלצדינג איז איצט אַזוי גרינג אין מיר!
מיין האַרץ איז ווי דאָס קעפל פון אַ קינד אונטער צאַרטן גלעט, —
די טאָכטער אונדזערע האָט אַזוי ליב געזאָגט: — אַ גוטע נאַכט,
און איינגעדעקט און איינגעקושט איז זי איצט אין איר בעט.
אַ ליבע שטילקייט אונדז אַרום, און דאַך אַזוי צעוואַכט
ביסטו צו מיר, און איך צו דיר. דער לאָמפּ איז ווייך צעגליט,
און אויף מיין טיש — אַ שורה פון אַן אָנגעהויבן ליד.

אין אַ מנוחהדיקער שעה

אוונט שטילער ביי מיין אַרבעט־טיש, דעם היימישן, אין מיין הויז.
ביסלעכווייז ווערט אויפגעלייזט דער טאָג פאַרגאַנגענער מיט זיין געברויז.
און איך וויקל זיך אין אַ מנוחהדיקער און מחיהדיקער שעה.
היינט האָט מיך אָן אויפגערייצטע, בייזע, שוואַרצע קראָ
אָנגעשאָלטן אויף איר גרילצנדיקן, קראַקענדיקן קול הלמאי, —
אָבער טראַכטן איצט דערפון איז בפירוש נישט כדאי!
מאַלע, וואָס אַ ווילדע קראָ צעקראַקעט זיך אויף דיר פון דאַך, —
שלעכט איז נאָר, וואָס לעצטנס זיינען זיי ביי אונדז אַ סך,
און זיי ליאַרעמען, פאַרליאַרעמען מיט זייער קראַקעריי אין כאָר.
מילא, נו, איך שיק זיי איצט צו אַלדי שוואַרצע יאָר,
און גוט איז מיר דאָ ביי מיין טיש אין העלן לאָמפּנשיין.
אויער מיינער הערט זיך צו דעם צוויטן צימער איין,
וואו מיין ליבע פרוי פאַרשלעפערט אונדזער קינד אין רו
מיט אַ מעשהלע, וואָס האָט געטראָפן ערגעצוואו.
און דאָס קול אירס איז אַ וויגנדיקס אַזאַ, ווי אַ געזאַנג.
האַרץ מיינס פילט זיך אָן מיט שטילן לויב און דאַנק
פאַר דער ליבער היימישקייט איצט דאָ אַרום מיר.
האָב איך שוין פאַרשלאָסן אויפן שלאָס די טיר?
יאָ, נעכטן האָב איך דאָס פאַרגעסן דאָך צו טאָן
און געשטעלט מיין ביסל האָב און גוטס אין קאָן.
האַרץ מיינס חוזקט, — מעשטיינסגעזאָגט דיין האָב און גוטס!
סיידן לידער דיינע אפשר? וועמען קומען זיי צונוץ?
פּלוצלינג כאַפּ איך זיך, אַז אַזוינס האָט דאָך געקראַקעט היינט די קראָ,
און אַ שאָד ווערט מיר די שטילע רו פון דער מנוחהדיקער שעה.
זאָל איך אפשר גאָר פאַרשטאָפּן איצט זיך דאָס געהער?
אָבער באַלד קומט אָן פון ערגעצוואו אַ גאַסט צו מיר אַהער,
און איך וואונדער זיך נישט, וואָס דער ליבער גאַסט איז דאָ,
שוין פון יאָרן, אַז ער קומט צו מיר אין אָט אַזאַ מין שעה:

ז. וויינפער

— זיי געגריסט, מיין גאַסט, זיץ און פיל זיך היימיש, פיל זיך פריי.
— היינט איז נישט קיין צייט צו זיצן, — און איך איל זיך בלויז פאַרביי.
— איז פון וואַנען אַזוי שפעט ביינאַכט, און די איילעניש וואוהין?
— פון דער קאַלטער זאַווערוכע צו דעם שיינעם לאַנד פון זון און גרין.
— איז פאַראַן נאָך ערגעצוואו דען אָט אַזאַ מין רואיק לאַנד?
— קום מיט מיר — איך וועל פירן דיךביים האַנט.
— אין אַזאַ מין זאַווערוכעדיקן חושך איז נישט אַ געפאַר צו גיין?
— זאַווערוכעדיקער חושך יאָ, אַוודאי, אָבער וועסט נישט גיין אַליין!
— ווי־זשע לאָט מען איבער די מנוחה און אַזאַ מין לאָמפּנשיין?
— ווילסט מנוחה, אין אַ וועלט קאָנוואולסעדיק פון פיין?
— זע, אַ טאָג געווען אַ ברויזיקער, און איך בין אַזוי מיד.
פלוצלינג אַזאַ ווייכער גלעט. — אָ, זיי מיר מוחל, שרייבסט אַ ליד?
און אַ פאַרשולדיקטע פאַר שטערן, קוקט אויף מיר מיין פרוי.
בלייב איך זיצן אַ צעטומלטער און איך ווייס שוין נישט גענוי,
וואָס צו זאָגן, זאָג איך טאַקע גאָרנישט אין אַזאַ צעטומלטן מאָמענט,
און איך גלעט בלויז אַ פאַרלוירענער אירע מידע, שיינע הענט.

לייד און פרייד

מיט אַ באַנייטער פרייד

די זון פאַרגייט, פאַרגייט, און ווייסט דער גוטער יאָר וואוהין.
זאָל זיין, — זי ציט איר גאָלדנקייט צו דעם אַהין, אַהין,
וואו זינגער זינגען שענער וועגן איר, ווי מיר, די זינגער זינגען דאָ?
קאָן זיין, קאָן זיין, — נו, זאָל זי, זאָל זי, אין אַ גוטער שעה!
אַפּנים, אַז אַ זון אפילו קאָן אויך נישט פאַרטראָגן, ווען דער טאָן
אין דעם געזאַנג צו איר ווערט אויסגעדראָשן און שאַבלאָן.

און אפשר איז זי אייפערזיכטיק גאָר אויף דעם פּאָעטס פאַרלאַנג
אַליין צו שיינען און צו בלענדן דורך דעם טרילערנדיק געזאַנג
נאָך שענער און נאָך בלענדיקער, ווי דאָרט אויבן זי?
קאָן זיין! קאָן זיין! — אָט גיבן מיר זיך נישט די מינדסטע מי
די שווערע און געדיכטע וואָלקנס אַרום איר אַוועקצוטרייבן, אַז
צעשיינען זאָל זי זיך נאָך גאָלדיקער אויף אונדזער גאַס.

ווער ווייסט? ווער ווייסט? פאַרוואָס אַ זון, אַ גאָלדענע, פאַרגייט?
און אפשר איז דאָס גאָר נישט קיין פאַרגאַנג, נאָר גאַנג צו דעם באַשייד
פון אונדזער דאָאיקייט, וואָס איז איר נישט אינגאַנצן קלאָר?
קאָן זיין! קאָן זיין! אַ סימן? ווי נאָר עס ווייזט זיך דער קאַיאָר
קומט זי צוריק אַהער צו אונדז פון אַלע וועגן אירע, און
אַפּנים, אַז ווי דו און איך, איז אַ זוכנדיקע אויך די זון!

ווי דו און איך, וואָס בענקען נאָך דער רו און קוקן אויף איר אויס,
כאָטש פרעג צו וואָס? די רו איז דאָך פאַרגליווערטקייט אָן מינדסטן ברויז,
פאַרשטיינערדיקטע גולמדיקייט, וואָס טוט זיך נישט קיין ריר!
פונוואַנען אַזאַ בענקשאַפט נאָך דער רו? וואָס איז דער רייץ אין איר?
וואָס איז אַזוינס דאָס ציִעניש? דער שווערער גאַנג צוט אָט אַזאַ?
וואו איז די פרייד אין דער מנוחה, וואָס איז נישט מער, ווי שטיל, און שאַ?

ז. װײַנפּער

דערלײזונג פּונעם אומרו? נאָר װאָס פּאַר אַ דערלײזונג איז דער גאָרנישט נישט?
שױן ליבער מיר דער אומרו. די זון פאַרגײט? נײן, נײן! — זי גײט דערפרישט
צו װערן אױף אַ נײַעם װעג, װי װאָרט אין מיר דורך אָט דעם ליד,
װאָס איז אַ זוכנדיקס אַזאַ, און איז, צעשײַנט, צעבלענדט, צעגליט.
זעט, זעט, כאָטש אַרום מיר איז איצט די כמאַרע אַזױ שװער געדיכט,
איז װאָרט מײַנס אָנגעלאָדן מיט אַ שײַנענדיקן, בלענדנדיקן ליכט.

די זון פאַרגײט? נײן, נײן! זי גײט זיך דורך איצט בלױז אַזױ צו גאַסט.
אַ זון, אַ גאָלדענע, טראָגט אױך אױף זיך די שװערע און אחריותדיקע לאַסט,
װײַל מענטש פון אומעטום איז פול מיט גרױסער בענקשאַפט נאָך איר שײַן,
און אױך אַ זון אפילו קאָן נישט אין דער זעלבער צײַט מיט יעדן זײַן.
איז װאָס־זשע זאָל זי טאָן? איז גײט זי, גײט זי, אָבער נישט פאַרגײט, —
קאַיאָר װעט זי זיך אומקערן צו אונדז מיט אַ באַנײַטער און צעהעלטער פרײד!

מיר, פרייע יידישע אַמעריקאַנער

מיין ליבשאַפט זינגט צו דיר פון שטערן און פון שטרייפן איבער אונדזער באַגער,
און שטאָלץ איז דאָס געזאַנג, — מיר פרייע און געטרייע, יידישע אַמעריקאַנער.

מיין ליבשאַפט זינגט אויך איצט אפילו אין דער מיט פון ווינטן אויפגעברויזטע.
און זינגען וועט זי אָט אַזוי צו דיר אפילו אונטער הענט געביילטע און צעפויסטע.

איך זע און הער, און אַזוי שווער, איז דאָס געזעענע, דערהערטע צו באַנעמען, —
אַזוי פיל שנאה, און אַזוי פיל רשעות, און וואָלקנס שווערע איבער יעדנס ברעמען.

נאָר ליבשאַפט אָט אַזאַ ווי מיינע איז געזונטער בוים, וואָס ווערט פון ווינטן נישט צעבראָכן.
זי טראָגט אַריבער מיט געדולד, — זי האָפט, זי האָפט, און וואַרט, — זי האָט בטחון.

ווייל בישט דער ווינט, און נישט די פויסט ביסטו, און דו ביסט אויך נישט די היסטעריקע.
איך קוק און קוק, און שטוין, און דערקאָן דאָך נישט דאָס פנים פון מיין לאַנד אַמעריקע!

זע, זע, פאַרכמאַרעט איז מיין האַרץ, מיין פנים איז צערויטלט איצט דאָך פון בזיון,
נאָר ליבשאַפט מיינע איז צעהעלט, און ביישטיין וועט זי אויך אָט דעם נסיון.

און העל זיין וועט זי ווייטער, — דער ווינט צעברויזטער וועט זי נישט פאַרצערן,
און זינגען וועט זי העלער נאָך דאָס ליד צום באַנער פון די שטרייפן און די שטערן.

פון וואַנען אָט די ליבשאַפט, וואָס זינגט צו דיר צעהעלט אפילו אין איר צאָרן?
זי קומט פון דיין בראשית, וואָס איז אין ליכט פון צדק אויסגעשמידט געוואָרן.

ווי פיינלעך איז צו זען אַזאַ ווי דו, אין קראַמפּן שווערע פון היסטערישע חולאתן, —
זע, זע, דער פחד שאַרט זיך אום ביי אַלע וועגנט אויף דיינע ליבע גאַסן.

איך זע, און הער, און אַזאַ שווערער אומרו איז אין מיר היינט פאַר דעם גורל דיינעם, —
געבענטשט זאָל זיין די ליבשאַפט און די האָפענונג אין דעם וואַרט צעגליטן מיינעם!

הער, הער, עס זינגט דאָך איצט פון מיר אַרויס נאָך העלער און צעגליטער
צו דיינע האַמערער און רידלער, צו דיינע אַקערער און זייער און די שניטער.

צו פעלקער־ברידערשאַפט, וואָס כאָטש פאַרשידן זיינען די קאָלירן פון די הויטן,
איז דער קאָליר דער זעלביקער ביי דיר, ביי אים און מיר אינעם בלוט דעם רויטן.

אַ פעדעמל — אַ ווייס, אַ שוואַרץ, אַ ברוינס, אַ געלס, און פאַרביק ווערן די געוועבן.
אַ טאָן אַזאַ, אַ טאָן אַן אַנדערער, און ביידע זינגען דעם באַגער אין זיך צום לעבן.

די ליבע ערד דאָ אונדזערע האָט אויפגענומען וואָגלענדיקע וואַרצלען פון אַזוי פיל שיפן,
און ווי אַ מאַמע־ברוסט, האָט זי זיי אָנגעטרינקען מיט די זאַפטן פון די שפעדיקע טיפן.

ז. וויינפער

איצט זינגט די בליאונג אויפגעגאַנגענע, געזאַנג אויף אייגן קול שוין צו די הויכן,
און ווי דאָס קול, איז אייגן דער קאָליר, און אייגן איז דאָ אויך שוין אונדזער תוכן.

אויך וואָרצל מיינער איז שוין איינגעהיימישט, — די בליאונג זיינע — רחבותדיק־נגידיש, —
הערט, הערט, איך זינג די רחבות פון אַמעריקע אויף אונדזער היימיש לשון יידיש!

אַ פרייד אַזאַ, אַ שטאָלץ אַזאַ, — דאָס האַרץ צעהעלט איז פון דער גרויסער זכיה,
וואָס אין דעם אויפבלי דאָ ביי אונדז אין לאַנד איז פאַראַן אויך אונדזער זריעה.

אין אַלע וואונדערלעכע וואונדער איז אויך אונדזער וואונדער דאָ באַוואונדערט,
און אין די עכאָס פון די נעכטנס איז אונדזערער צעעכאָט יאָרן גאַנצענע דריי הונדערט.

נישטאָ דאָ אַזאַ וועג, וואָס אונדזער טראָט האָט איבער אים נאָך נישט געטראָטן, —
געבענטשט זאָל זיין אַמעריקע, וואָס האָט דעם גאַנג פון אונדזער טראָט דאָ נישט פאַרבאָטן.

נישטאָ דאָ אַזאַ בליאונג, וואו אונדזער חלק איז אין איר איינגאַנצן גאָר נישטאָאיק,
פון דעם אַטלאַנטיק ביז צו דעם פּאַסיפיק איז אונדזער העלער צייכן דאָאיק.

זעט, זעט, אין ליכט פון אונדזער היכל, ווי אין דעם האָב און גוטס פון אונדזער שייער
אויך אונדזער לויטערער און בלענדיקער און פריידיקער צושטייער.

אין שיין פון דעם סאָלדאָט, דעם אומבאַקאַנטן — אויך שיין פון אונדזערע אבדות,
אין די קרבנות צו דעם בייזן גאָט פון קריג אויך אונדזערע אויף די עקדות.

אין קלאַנג פון שער און אייזן, אין נאָדל־שטעפּ און אין גערויש פון די מאַשינען,
אין גאַנג נאָך אונדזער זיסן האָניק געווען איז אויך דער סם פון שטעכעדיקע בינען.

געווען, געווען, נאָך דאָ אויך איצט אפילו, — דער גאַנג איז נאָך אינמיטן, —
דריי הונדערט יאָר, — געאַקערט און געזייט מיט טרערן און מיט פרייד געשניטן.

די ציכטיק־צניעותדיקע עמאַ לאַזארוס מיט איר געזאַנג — נביאיש און הערויאיש,
און עדעלשטאַט און באָוושאָווער, ווי ראָזענפעלד, ווינטשעווסקי, ליעסין און יהואש.

צי הערט מען נישט דורך זייער ליד — דאָס ברויזיקע, דאָס בלענדיקע, דאָס טרעריקע,
דעם זעלבן רוף, ווי אינעם ליד פון לאָנגפעלאָ, און פּאָו און וויטמאַן, צו אַמעריקע?

פאַראַן אַזוי פיל צו דערציילן און דערציילן פון אָט די מענטשן, וואונדערלעכע אַלע, —
אין זייער זכות דעם לויטערן, דעם ליכטיקן, זיינען מיר דאָך היינט נתעלה!

אָט וויקלט זיך פאַנאַנדער אין זכרון איצט מיין אייגענעם ניו־יאָרק אין ווינטיקע זאווייען,
ווען איך, אַ היימלאָזער, האָב מיין ברויט געגעסן אינעם דרויסן ביים ריניקן די שנייען.

ליד און פרייד

די וויליאַמסבורגער בריק, וואָס צווישן ברוקלין און דעם אינדזל אונדזערן מאַנהעטן,
גיי פרעג די בענק דאָרט איבער איר, — זיי זיינען אָפט דורך נעכט געווען דאָך מיינע בעטן.

גיי פרעג די זוילן פון די שיך צעלעכערטע דעם טעם פון אַ פּאָליסמאַנס שטעקן,
וואָס צווינגט די מידע, שלאָפנדיקע פיס, פון ווייטיק און פון שרעק זיך אויפצואוועקן.

און דווקא דעמאָלט, ווען ווינטן פראָסטיקע געגנאַדלט האָבן איבער מיינע פינגער,
האָט אויפגעהעלט אין מיר די ליבשאַפט און די פרייד און געוואָרן בין איך זייער זינגער.

אין יענע טעג פון איינזאַמקייט און הונגער, — ווי מאָדנע, מאָדנע, וואָס דווקא דעמאָלט
האָט אַזוי העל די ליבשאַפט אין מיין האַרצן צו ניו־יאָרקער גאַסן אויפגעפלעמלט.

אַן אַנגעפילטער מיט „איב" לינקאָלן און זיין „געטעסבורג" — „אַ רעגירונג פון די מענטשן,
דורך מענטשן און פאַר די מענטשן!" און איך האָב אים נישט אויפגעהערט צו בענטשן.

דאָס האַרץ האָט זיך געריסן צו דער הויך, אויף די פליגל רוישיקע פון פעינען,
און אָפּגערוט זיך אין צעהעלטער וואַרעמקייט אין וויכן שויס פון טוועינען.

און דזשעפערסאָן, און עמערסאָן און טאָראָ, און אויך די יורשים זייערע, די דעבסעס, דאַראָס,
עס האָט געליכטיקט זיך פון זיי אפילו ווען דער הימל איז געווען אין כמאַרעס.

די גרינע האָבן זיך געגעלט אין זייער שוויס ביי די מאַשינען אין די שעפּער,
און מאָריס ראָזענפעלד באַזונגען האָט די פרייהייט פאַר די פרעסער און די שטעפּער.

און איצט — אָ, האַרץ, מיין האַרץ, נישט ברויז, און שטורעם נישט וואולקאַניש, —
מען קאָן נאָך אויסטראַכטן אַ בלבול גאָר אויף דיר, אַז ביסט, חלילה, אומאַמעריקאַניש!

און דורך אַ בלבול אָט אַזאַ אויף דיר, וועט ווי און ווינד זיין דאָך צו דיינע ביינער, —
עס איז דאָך איצט קיין נייעס נישט, אַז אַ מסור זאָל אויף דיר אַ שאַרף טאָן זיינע ציינער.

בלבולים־פאַבריקאַנטן און ווערעמדיקע מוסרים שווּיבלען איצט און גריבלען, —
אַז דו דערמאָנסט זיך בלויז אָן אָט אַזאַ, הויבט האַרץ דיינס אָן צו איבלען.

אַ נס, די ליבשאַפט, וואָס איז נאָך אין דיר, — זי טרייסט דיך, אַז די בלאָזער פון היסטעריקע,
די מוסרים, און די שנאה־שפּרייטער זיינען נישט די לעגיטימע קינדער פון אַמעריקע.

הער, הער, די ליבשאַפט רעדט, — זי טרייסט דיך, און זאָגט צו דיר: — און וויסן זאָלסטו וויסן,
אַמעריקע איז וואָרט, דאָס פרייע, געדאַנק, דער פרייער, די ריינקייט פון געוויסן.

די שטערן און די שטרייפן, — זיי זיינען דאָך די ליבשאַפט איבער אונדזער באַנער, —
דריי הונדערט יאָר, — מיר זיינען שטאָלצע, פרייע, יידישע אַמעריקאַנער.

ז. ווייננער

אַ יורש־עצר ווערט געבוירן צווישן אונדז

אַ שטיפקינד ביסטו, יידיש מיינער, דאָך ביי זיי זיי דורך אַלע דיינע יאָרן,
כאָטש זיי אַליין האָבן דיך פון אייגן לייב און בלוט געבוירן.
אַפּנים, אַז דאָס אייגן לייב איז דעמאָלט זיי געווען אַ דאָרן,
און ליד פון גרויסן טרויער האָט אין זייער בלוט געיוירן.
אַ סימן איז פאַר אונדז דאָך דיין בראשיתדיק כאַלאַטל מיט די לאַטעס,
וואָס האָסט אין די שבתים און יום־טובים דיינע איבער זיך געטראָגן.
און דאָך האָסטו להכעיס אויך אפילו דיינע טאַטעס
מיט אַ געזונטן לעבן אַנגעהויבן פון זיך אַרויסצושלאָגן,
און פרייד האָט זיך צעפריידיקט זייט ביי זייט מיט זייער טרויער.
געווען אַזוינע רגעס ווען מען האָט אַ קוק געטאָן אויף דיר מיט חידוש, —
אוי, זעט נאָר, זעט! אוי, הערט נאָר, הערט! און טיר און טויער
צעעפנט האָבן זיך ביי אַלעמען צו זייער שטיפקינד יידיש.

נאָר זיך פאַרקנסן צו אַזוינס? און מיט אַ חתונה ביי דעם זיך פרייען?
דאָס זעט איר איז גאָר קיינעם נישט פון זיי געקומען אויפן זינען!
און ווען דאָס שטיפקינד האָט אַליין געגומען אַקערן, פאַרזייען
מיט שוויס און בלוט פון אייגן לייב און פעלד האָט אָנגעהויבן גרינען,
האָט דאָס זיי נישט געפרייט, — מען האָט געברומט, אַז אַ פרעמדער איז דער ריח,
כאָטש נעם דאָס ליבע האָב און גוטס פון אייגענעם פאַרמעגן,
און וואַרף דאָס אין די פלאַמען העלישע אויף דעם מזבח,
צי גאָר דעם ווינט צעיאָגטן און צעבושעווען אויף די וועגן.
ווי גוט, וואָס אונדזער שטיפקינד האָט אַ כלה, אַ געזונטע זיך גענומען,
און זי איז אים אַ מאַמע צו די קינדער זיינע אויך געוואָרן.
זעט, זעט, קיין עין־הרע נישט, אַזוי פיל קינדער זיינען אָנגעקומען,
און אייניקלעך שוין אויך אויף לאַנגע, לאַנגע יאָרן.

אַז ווײ און ווינד צו אַט אַזוינע טאַטע־מאַמע, וואָס מאַכן נישט קיין ברכה,
און ווײ און ווינד צו אַט אַזוינע שוועסטער און אַזוינע ברידער,
וואָס שעמען זיך פאַר לייטן מיט דער אייגענער משפּחה,
וואָס רייסט זיך צו די העכסטע הויכן פון דער טיפער נידער.
זעט, זעט, ווי אייגענע זיך ברוגזן און בלאָזן זיך אין פּוסטן יחוס,
כאָטש אַרום זיי אַן אויפגעגאַנגען פעלד אין שפּרודלדיקער שפע.
ווי גוט, וואָס שטיפקינד אונדזערס לעבט להכעיס זייערע רציחות,
און שטייט אויף פונעם אַש נאָך יעדער נייער שׂרפה,
און אַקערט נאָכאַמאָל און זייט, פאַרזייט דער וועלט אויף חידוש.
זעט, זעט, — עס גרינט שוין ווידער דאָ און דאָרטן.
ווי שיין, און ווי קאָלירנדיק דו ביסט, אָ לשון מיינס, — מיין יידיש,
די גאַנצע ערד באַוואונדערט די געוויקסן פון דיין גאָרטן!

אָ יורש־עצר ווערט געבוירן ערגעצוואו פאַר דיר, וואָס וועט להכעיס
די שונאים ביטערע די שיינקייט דיינע איבערנעמען, ווי אַ טייערע ירושה.
הערט, הערט! אָ ליד אַ נייס גייט אויף צווישן אונדז, — צעוועק עס, און צעוואַך עס!
דער בלענד אין דעם — אַן אייגענער, און דאָס געזאַנג איז מיט קדושה
פון אונדזער פּיין און אונדזער שיין אויף אונדזער אייגן לשון יידיש־קודש.
דער גרויער טאָג טוט אויס דאָס קאָרטענע כאַלאַטל און בייט דאָס איבער
אויף מלבוש סאַמעטענעם, זיידענעם און שבת יום־טוב און ראש־חודש
צעזינגען זיך דערהויבענע אַרום די רייך־געדעקטע טישן אין די שטיבער.
ווער זאָגט, אַז דו ביזט קראַנק? אַז גרייט ביזטו שוין פאַר דעם קבר?
די זאָגער אָט אַזוינע וועלן זיך דערוואַרגן מיטן צוגעגרייטן „קדיש".
זעט, זעט, צעלויכטן איז נאָך אַלץ דיין וואָרט אין אונדזער יעדן אבר,
און יעדער דור, וואָס קומט, איז דאָך דיין לויטערקייט אויפסניי מחדש.

אָ קלאָג צו דעם, וואָס בריט אויס סם מיט דעם באַגער דיך צו פאַרדאַרבן,
ווייל מיט דער שיינקייט דיינער ביסטו אים אַ דאָרן אין די אויגן.
צו וואונדערלעך ביסטו, צו לעבעדיק, צו שיין ביסטו צו שטאַרבן!
זעט, זעט, איך טונק מיין פּינדזל אין דער שיינקייט פונעם רעגנבויגן,
וואָס איז די אָפּשפּיגלונג פון דיינע בלענדיקע און רייכע פאַרבן,
און וועלט באַוואונדערט דיך און קוקט אויף דיר געפּלעפט פון חידוש.
אָ יורש־עצר ווערט געבוירן צווישן אונדז, ער וועט דיך אַרבן.
אָ, וואונדערלעך, מיין וואונדערלעך, מיין מאַמע־לשון יידיש!

ז. װײַנפּער

איך זע אים אויפן פעלד, אַ זון־באַגאָסענעם, — ער בינדט די גאַרבן,
און שמייכלט צו דער זון, װאָס איז אויפסניי היינט אויפגעגאַנגען.
בלויז קראַנקער זעט דורך קוטשעראַװע האָר די נאַקעטקייט פון שאַרבן,
געזונטער זינגט צו זייער שיינקייט העל־צעלויכטענע געזאַנגען.

אַ, ייִדיש מיינער, — איך קוק אויף דיר, — געזונט און פריש, קיין עין־הרע!
איז דען אַ חידוש, װאָס דו װעקסט צו זיך אַזוי פיל קנאה?
דער תמימותדיקער יצר־טוב אין דיר, באַזיגן װעט דעם יצר־הרע,
די ליבשאַפט, װאָס אין דיר, פאַרװישן װעט צו דיר די שנאה.
הערט, הערט, אַזאַ מחיהדיקע פרייד גייט אויף איצט פון די ליבע
דערהויבענע, דערװאַרעמטע און בלענדיק־זינגענדיקע לידער,
דורך הערצער אויפגעפלאַמטע אין אונדזער היימישער מסיבה.
הערט, הערט, — עס זינגען דיך נאָך אומעטום אַזוי פיל שװעסטער, ברידער,
און קינדער קולעכלעך פאַרװעבן אויך זיך נאָך אין דיינע ערלעכע געזאַנגען.
פאַר װעמען שיינקייט און דיין ריינקייט איז אַ שטעכעניש פון דערנער,
פאַר אונדז, די שטיפקינדער, ביסטו דער גלעט פון זון־ליכט איבער זאַנגען
מיט זאַפטיקע, מיט צייטיקע און זיס־געשמאַקע קערנער.

דאָס ליד פון דעם קאַיאָר

איך בין דער העלער, שייניקער קאַיאָר,
וואָס האָט דורך נאַכט זיך דורכגעבראָכן, —
אַז ווי אַן ווינד איז צו דעם דור,
וואָס האָט נישט קיין בטחון.

איך בין דער העלער, שייניקער קאַיאָר,
וואָס גייט אויף העל, דערהויבן, —
אַז ווי אַן ווינד איז צו דעם דור,
וואָס פאַרהענגט פאַר מיר די שויבן.

איך בין דער העלער, שייניקער קאַיאָר,
נאָך שוואַרצער נאַכט אין קאַלטן רעגן,
אַז ווי אַן ווינד איז צו דעם דור,
וואָס גייט מיר נישט אַנטקעגן.

איך בין דער העלער, שייניקער קאַיאָר,
וואָס קומט מיט ליכט צו אַלע שוועלן,
אַז ווי אַן ווינד איז צו דעם דור,
וואָס זוכט דעם וועג מיך צו פאַרשטעלן.

איך בין דער העלער, שייניקער קאַיאָר,
וואָס זינגט פון הויכן צו דער נידער, —
אַז ווי אַן ווינד איז צו דעם דור,
וואָס דערהערט נישט מיינע לידער.

איך בין דער העלער, שייניקער קאַיאָר,
וואָס וועבט די ליכטיקסטע אוצרן, —
אַז ווי אַן ווינד איז צו דעם דור,
וואָס זינגט מיך נישט אין כאָרן.

ז. ווײַנפּער

עס שוועבט נאָך די גאָלדענע פּאַווע

דער חלום פון אַ העל־צעהעלטער וואָר, — ער ציט זיך שוין פון דורות,
און קוקסטו אָן די וואָר, איז ווי און ווינד צו דײַנע אויגן.
עס לעשט נאָך אַלץ דער ווינט די שײַן פון אונדזערע מנורות,
און פּאַווע אונדזערע איז אַלץ נאָך נישט דערפלויגן.

ווי לאַנג שוין, אַז זי שוועבט אום אַט אַזוי אין די הויכע הויכן?
זע, זע, זי שוועבט נאָך אַלץ דעם ליכטיקן קאַיאָר אַנטקעגן!
נישט איין מאָל האָט זי זיך געראַנגלט מיט די טשאַדעדיקסטע רויכן,
נישט איין מאָל איז איר גאָלדנקייט באַנעצט געוואָרן פון אַ רעגן.

און זע, — זי שוועבט און שוועבט, און פאַלט אַלץ נישט אַרונטער!
דער טשאַד איז שווער, אַזוי דער רויך, און דער רעגן איז נישט גרינגער,
נאָר אַז מען טראָגט אין זיך אַ חלום אַט אַזאַ, איז מען מונטער,
און טרויער אויך אַפילו ווערט פון פרייד אַ זינגער.

אוי, פּאַווע, פּאַווע גאָלדענע, ווי גוט, וואָס לאָזט אונדז דאָ נישט איבער!
וואָס וואָלט אין אַט דער גרויער וואָר אָן דיר פון אונדז געוואָרן?
דו ביסט דער שבת־קודש אין די גרויע וואָכעדיקע שטיבער,
דו ביסט דער פייער־בלענד פאַר אונדז אויף מדברדיקן דאָרן.

אַז שווער איז אונדז די וואָר, פאַרגרינגערסטו דאָך מיט אַ חלום.
ווי שײַן דו שפּרייסט פאַר אונדז פאַנאַנדער דײַן קאָלירנדיקן פעכער.
דו שוועבסט, און מיט דײַן שוועבן וועקסטו האָפענונג צו שלום,
און שלומדיק, בשלומדיק גייט אויף אַ ליד אַלץ העכער, העכער.

און אַז אַ ליד אַזאַ איז נאָך פאַראַן ביי אונדז אין דער מסיבה,
איז האָפענונג פון אונדזער לעבן נישט פאַרלוירן.
הער, הער, — אַט זינג איך איצט צו דיר דאָך מיט אַזוי פיל ליבע,
און פון דער ליבע ווערט אין מיר אַ ליד אַ נייס געבוירן.

די מעשה אינעם עראָפּלאַן

מען זאָגט, — ער פליט אַזוי פיל און אַזוי פיל מייל אַ שעה, — נו, יאָ, אַוודאי פליט ער.
די פליגל דורכן פענצטער, — זיי הענגען אויף איין אָרט און טוען נישט קיין ציטער.
איך בין אַן אויפגעלויכטענער פון בלענד, וואָס ציט זיך שעהען שוין פאַר מיינע אויגן,
און אין געמיט אַ שלווהדיקער וואונדער מיט דער שיינקייט פון אַ רעגנבויגן.
די שעהען ציען זיך אייגע פון דער צווייטער שענער, —
דער פּאָרטיגעזער זאָגט דיר „אָבריגאַדאָ", און „גראַציאַס" דער אַרגענטינער און טשילענער,
זיי מישן זיך מיט דעם „מערסי באָקו" פון דער לאַכיקער פראַנצויזן,
וואָס חנדלט זיך צום הויכן ענגלענדער אין די קורצע הויזן.
און הערט זיך אויך דער „דאַנק", דער האַרציקער, אויף יידיש,
איז אויך אַזוינס דאָ קיינעם נישט קיין חידוש,
ווייל אין די הויכע הויכקייטן וואַקסט פאַנאַנדער זיך די ליבע,
און בינדט אַ האַרץ מיט האַרץ צונויף אין איין מסיבה
אין לופט דער ריינער.
ווי ברכהדיק איז דאָס, וואָס אָפּגעזונדערט וויל נישט זיין דאָ קיינער.
דער עראָפּלאַן? — ער שוועבט אַריין אין וואָלקנס ווייסע,
דאָס לעבן ווערט אַ וואונדער־שיינע, אויסטערלישע מעשה,
וואָס האַלט געשפּאַנט דאָ יעדן איינעמס אויער.
אַ גאַט, אַן אויסגעוואַשענער, עפנט ברייט דעם טויער.
און נעמט אויף מכניס־אורחדיק איצט אַלע, אַלע מענטשן,
ווייל אַ פאַרבענקטער איז ער דאָרט מיט אונדז מזומן בענטשן.

אָ, יהי רצון, אַז אַזוינס זאָל אויך אויף דער ערד, אויף שיפן, באַנען,
פאַר קליין און גרויס פון דאָרטן ביזקל דאַנען,
און אויך פון דאַנען ביזקל דאָרטן,
ווען וועלט דאָך זיין אַ גאָרטן,
מיט פאַרביקסטע קאָלירן
דאָס לעבן צו באַצירן
מיט ריינקייט,
מיט שיינקייט.

אָ, יהי רצון, אַז מענטש מיט מענטשן
זאָל אָט אַזוי זיך אומעטום און שטענדיק בענטשן,
ווי איצט אין אָט דער עראָפּלאַן מסיבה,
וועט אויפגיין אַנדזער לעבן אין אַ העל־צעהעלטער ליבע!

ז. וווינפער

פרעג ביי די, וואָס גלויבן

פרעג ביי די, וואָס גלויבן
דבקותדיק, דערהויבן,
און וועסט באַנעמען.
אַזאַ ליכט אויף דיינע ברעמען
וועט פאַנאַנדערפליסן,
און וועסט וויסן.

זיכער, זיכער, יאָ, אַוודאי.
אַז די וועגן זיינען נישט קיין גראַדע
ווייסט דאָך יעדער,
ווער געגאַנגען איז אין חדר.
אָבער אָן סכנה!
זון, לבנה,
און די שטערן,
און דערצו דער אייגענער לאַמטערן,
זינגען אויף די וועגן
אויך דער שווערקייט אַנטקעגן
גליענדיקע לידער.
הער, די שוועסטער און די ברידער
דאַווענען ביי אונדז פון ריינסטן סידור
צו דער הויך און צו דער נידער
דבקותדיק דערהויבן.

פרעג ביי די, וואָס גלויבן,
און זיי וועלן דיר דערציילן,

ל י י ד א ו ן פ ר י י ד

וי אַזוי אין חושכדיקע היילן
אויפגעגאַנגען איז אַן אויפגעהעלטער חלום,
און בשלום
דורך סכנה,
האָט ער אויפגעהעלט זיך ווי די זון און די לבנה,
און די שטערן,
און געוואָרן איז ער אונדזער אַלעמענס לאָמטערן.

פרעג ביי די, וואָס גלויבן,
און וועסט אויפגיין לויטער און דערהויבן.

ז. וויינפער

לעבעדיקע מענטשן

אָפט מאָל קומט צו מיר אַ קול, און עס זאָגט אַזוי צו זאָגן:
— טויטער ווערט געפּירט אין חשיבות אינעם טויטנוואָגן
צו זיין רו, דער אייביקער, דורך די לעבעדיקע מענטשן.
דאַרף מען לויבן, דאַרף מען בענטשן
אונדזער לעבן, וואָס איז פול מיט פּיאָעטעט.
זע, אָט בעט אַ מענטש אויס אין דער מאַמע ערד דאָס בעט,
פאַר אַזוינעם, וואָס איז מער שוין גאָרנישט ביכולת.
הער די ליבשאַפט אין די וויינענדיקע קולות!
זע די ליכטיקייט, וואָס איז צעבלענדט
אויף די ציטערדיקע לעבעדיקע הענט,
וואָס באַהאַלטן ליבסטע זייערע אין קברים.
איז דאָס נישט, ווי זיי באַהאַלטן בחדרי חדרים
אוצרות אייגענע און טייערע פאַר דורות?
לעבעדיקע מענטשן זיינען שטראַליקע מנורות,
ווען די גוטסקייט, וואָס אין זיי אויל איז פאַר די קנויטן.
קוק מיט ליבשאַפט אויף דעם אויפגעבליטן, —
איז דאָך דאָ אין דעם דאָס לעבן פון די מענטשן,
און פאַראַן איז דאָך אַזוי פיל זיך מיט וואָס צו בענטשן!

למנצח

איך בין דער שטילער, קילער רעגנבויגנדיקער חלום,
וואָס וויגט זיך איבער כוואַליעס פון אַ ים צעברויזטן.
איך זינג דאָס ליד פון ליבשאַפט און פון שלום
צווישן האַרט־געביילטע פויסטן,
ביי קריגערישע און באַטרינקענע מאַטראָזן,
וואָס ווייסן נישט פאַרוואָס אין זיי אַזאַ רציחה.
איך טראָג פאַנאַנדער דאָ דעם חלום פון דער זון אויף גראָזן,
און מאָן ביי קיינעם נישט קיין שכר־הליכה.

דער ים? — דערווייל איז נאָך אַ שווערער עול אים
דעם חלום מיינעם איבער זיך צו וויגן,
אָבער ליד פון ליבשאַפט און פון שלום
וועט סוף כל סוף באַזיגן
די האַרט געביילטע פויסטן
פון רשע און רוצח,
און פון דעם ים, צעברויזטן
וועט אויפגיין זינגענדיק אַ למנצח
צו וואָר, וואָס שענער איז נאָך פון אַ חלום,
און ליד פון ליבשאַפט און פון שלום
וועט אויפגיין פון דער הויך און פון דער נידער
אויף וועלט פון שוועסטער און פון ברידער.

איך בין דער שטילער, קילער רעגנבויגנדיקער חלום,
וואָס זינגט דאָס ליד פון ליבשאַפט און פון שלום!

ז. װײַנפּער

אַ װאָרט האָט אױפגעטױכט

אין שװערער, שאָטנדיקער שעה, װי אונדזערע, אָט דאָ, איז איצט,
האָט אױפגעטױכט אַ װאָרט פון ערגעץ, װאָס איז ליכטיק און צעבליצט.

אַ, ליכטיק, בליציק װאָרט אין שעה פון שװערע שאָטנס, װי שײַן דו ביסט!
נאָר ברענגסטו נישט, חלילה, אױך מיט זיך דעם דונער, װאָס פּאַרװיסט?

אַזאַ, װי דו אין שװערער, כמאַרעדיקער שעה איז נס דאָך אומגעריכט.
װי װאונדערלעך דו פּאַסעװעסט די שװאַרצע כמאַרע מיט דײַן ליכט!

נאָר האַרץ, דאָס שװער־צעשראָקענע אין אונדז פון שװאַרצער קראַ אױף דאַך, —
עס אָנט, אַז כמאַרע אַ צעשפּליטערטע איז אָנגעלאָדן מיט אַ דונער־קראַך.

— כאַ! כאַ! — צעלאַכט דאָס װאָרט זיך פרײדיק, און דאָס געלעכטער אירס דערפרישט, —
אַפּנים, אַז אין לאַנד פון איר געבורט װײזט קײנמאָל זיך קײן כמאַרע נישט.

און אָנגעלאָדנט איז דאָס אױפגעטױכטע װאָרט מיט אַנזאָג העלן פון אַ ליד,
װאָס טראָגט אין זיך די ברכה פון דער ערד, װאָס גרינט זיך און צעבליט.

די שװערקײט — גרינגער װערט, דער שאָטן לײזט זיך אױף אין ליכט פון אַ קאַיאָר, —
אַלץ, אַלץ צעהעלט זיך און דו פילסט בחוש, װי חלום דײַנער װערט די װאָר.

און שטײסט פאַרגאַפט. װי לאַנג איז ערשט, אַז האָסט געשאָרט זיך בײַ די װענט,
און איצט — אַ װעג, אַן אָפענער, װאָס איז אין פולן זונידיקן בלענד.

און װאו איז איצט די שרעק, װאָס האָט געהאַלטן דיך אין קלעם פון צװאַנג?
הער, הער, דײַן האַרץ װערט אױפגעהעלט, און אָנגעפּילט מיט אַזאַ גרינג געזאַנג!

פון װאַנען־זשע איז אָט דאָס װאָרט, װאָס האָט צעריסן אַרום דיר די שװערע נעץ?
עס קומט, אַפּנים, פון אַ לאַנד, װאו מענטש האָט ליב דעם מענטש און נישט דעם געץ.

ל י י ד   א ו ן   פ ר י י ד

עס קומט אַפּנים פון אַ זיו־השכינה לאַנד, וואו המשך מיינט — אַ נייע רינג צעשיינט,
און וואו ירושה פונעם נעכטן גיסט זיך איבער אין דער פרייד פון היינט.

עס קומט אַפּנים פון אַ זיו־השכינה לאַנד, וואו סיום מיינט בראשית נאָכאַמאָל, אויפסנייי,
וואו וואָרט געבערט אַ וואָרט, וואָס חזרט זיך נישט איבער, ווי אין מויל פון פּאַפּוגאַי.

זע, זע, ווי זיו־השכינהדיק עס איז דאָס אויפגעטויכטע וואָרט צעהעלט, צעגליט,
פון וויפל ווערטער אָט אַזוינע שיינענדיקע וועט באַשטיין דאָס אָנגעזאָגטע ליד?

דאָס אָנגעזאָגטע ליד, איז דאָך אַוודאי איצט שוין אויפן וועג צו אונדז אַהער, —
אַלץ, אַלץ אין מיר איז שוין צו דעם אין אָנגעשטרענגט געהער.

אָפּט דאַכט זיך מיר, — איך הער דאָס שוין גאָר נאָענט אַרום מיר דאָ איצט, —
געבענטשט זאָל זיין דאָס אויפגעטויכטע וואָרט, וואָס איז מיט ליכט צעבליצט.

זע, זע, ווי אויפגעוואַכט עס איז אין דעם פּרימאָרגן אונדזער טראָט אין גאַנג, —
און נישט קיין חידוש, — עס גייט זיך גרינגער, ווען דער טראָט איז זינגער פון געזאַנג.

זינג, זינג, אָ, פּאָעט!

דער נעכטן — ער שיינט
אין ליכט פונעם היינט.
דער היינט אין געיעג
צום מאָרגן אין וועג,
און מאָרגן אויך וועט.

זינג, זינג, אָ, פּאָעט,
דיין גלויביק געזאַנג
אין ברויזיקן דראַנג
צו גיין און דערגיין
דעם זין, און דעם מיין
פון שאָטן, פון שיין,
פון פרייד, און פון פּיין,
פון אומרו, און רו.

מען זאָגט — ערגעצוואו
אין גרויסן אחד
שפּילט אום זיך אַ סוד
דורך נעכט און דורך טעג
מיט רייכן פאַרמעג
אַזוי זיך פאַר שפּיל,
ווי קינד אויפן דיל
מיט שטראַל אויף טאַפּעט.

זינג, זינג, אָ, פּאָעט!
און כמאַרעט דיין האַרץ,
ווייל נאַכטיק און שוואַרץ
איז איצט דיר די וואָר,
געדענק, אַז קאַיאָר
אין גאַנג איז אַהער.

ווערט שווער דעם געהער
דאָס קראַקען פון קראָ,
און גרויליק די שעה,
דערמאָן זיך די טויב,
וואָס קומט צו דיין שויב
מיט צווייג אינעם מויל.
און ליאַרעמט די גרויל,
און דראָעט — זי וועט —
זינג, זינג, אָ, פּאָעט,
להכעיס דער נאַכט
דאָס ליד, וואָס צעוואַכט
דעם גאַנג פונעם טראָט,
וועט הערן דער סוד
דיין גלויבנדיק ליד,
און ווערן צעגליט
מיט נייגער צו דיר,
און ער וועט זיין טיר
צעעפענען ברייט,
און קלאָרער באַשייד
וועט זאָגן, — זעט, זעט, —
זינג, זינג, אָ, פּאָעט!

ז. ווייגפער

מאַמעשע גוטסקייט

חיה גאָלדע עסטרינען

מאַמעשע גוטסקייט, ווער קאָן זי דען מעסטן און וועגן?
לאָמיר־זשע אויפגיין אין ליבשאַפט אַנטקעגן
היינט אונדזער מאַמען.

מאַמע צו קינדער, צום פאָלק און צו מענטשן,
זכיהדיק איז זיך צו פרייען און בענטשן
מיט אַזאַ מאַמען.

פאָלק — איר משפחה, וועלט — איר מסיבה,
איז דען אַ חידוש די וואַרעמע ליבע
צו אונדזער מאַמען?

הערצער צעעפנטע, ברייטע, צעפראַלטע,
אויגן צעלויכטענע, העלע, צעשטראַלטע
פאַר אונדזער מאַמען.

קינדער צעלויכטענע, — זעט, ווי זיי קומען,
טראָגן בוקעטן קאָליריקע בלומען
היינט פאַר דער מאַמען.

נו, און די מאַמע? וואו איז די מאַמע?
שמייכלט דער טאַטע: — ביים אויוון, מסתמא,
פלאַם צו צעפלאַמען!

— מאַמעניו, מאַמע! און אונדזער מאַמע צעפלאַמטע,
ברענגט שטרודלען און פלאָדנס באַטעמטע,
נעמט מען באַטעמען.

איז אַ מחיה, — ממש אין מויל עס צעגייט זיך, —
עסט מען, און טרינקט מען, — מען פרייט זיך,
צוזאַמען, צוזאַמען:

מאַמעשע גוטסקייט, ווער קאָן זי דען מעסטן און וועגן?
לאָמיר־זשע אויפגיין אין ליבשאַפט אַנטקעגן
היינט אונדער מאַמען!

שליחות אין וועג

דורך צער און דורך פּיין,
דורך טשאַד און דורך רויך
צו לויטערער שיין
אַרויף צו דער הויך.
דער רויך זיך צעגייט,
דער טשאַד לייזט זיך אויף, —
עס איז אַזאַ פרייד
צו שפּאַנען אַרויף
בציבורדיק מיט
צעלויכטנע טריט.

איך גיי, און איך גיי, —
צעאַקערטע ערד
נעמט אויף מיין פּאַרזיי,
און נערט און דערנערט
מיט סולת מיין דור.
מען הערט און מען זעט!
צעהעלט איז אין כאָר
דאָס ליד פון פּאָעט
מיט האָפענונג און
מיט גאַנג צו דער זון.

מיט טואונג אין גאַנג
איז גרינגער דיין טראָט.
אַלץ, אַלץ איז געזאַנג
אין גרויסן אחד.
מען קומט און מען גייט
אויף קומען צוריק.
מען אַקערט, מען זייט,
פאַר מענטשלעכן גליק.

ז. ווייגפער

און גרינג ווערט דער וועג
דורך נעכט און דורך טעג.

פאַרנעפּלט איז איצט?
אַוודאי, נו, יאָ!
עס דונערט און בליצט
די איצטיקע שעה?
דער נעפּל, — ער וועט
צעגיין זיך, צעגיין.
נישט וואָקל, פּאָעט,
דו ביסט נישט אַליין.
הער, הער, ווי צעגליט
אין פאָלק איז דיין ליד.

בציבור איז גוט, —
מיט אים און מיט איר.
דאָס פאָלק איז דאָס בלוט,
וואָס ריזלט אין מיר.
איך בין מיט דעם מענטש,
דער מענטש איז מיט מיר.
איך גיי און איך בענטש
דאָך יעדן באַריר
מיט מענטשן אין וועג
דורך נעכט און דורך טעג.

וואָס וואָלט איך געטאָן
מיט זיך דען אַליין?
דאָס פאָלק איז מיין פאָן,
און גוט איז צו גיין
מיט דעם אינעם גאַנג.
דורך רעגן, דורך שניי
דורך שטורעם־געדראַנג,
איך גיי און פאַרזיי,
און זינג מיר מיין ליד
צום צווייט, וואָס צעבליט.

ל י י ד   א ו ן   פ ר י י ד

אין טעג פונעם שניט
וועט קלינגען מיין סערפּ,
און זינגען דאָס ליד
צו פרוכט פאַר די קערב,
און גאַרבן פאַר סטויג.
אַז וואויל דיר, פּאָעט,
מיט ליכט אין דיין אויג
פאַר דעם וואָס עס וועט
דאָ אויפגיין אין בלי, —
זינג, זינג צו דער מי!

באַלאָדן איז מיט
שליחות מיין האָרץ, —
שליחות צעגליט
מיט גאָלד איבער שוואַרץ,
און שוואַרץ ווערט צעשיינט,
ווי ערד אין קאַיאָר.
דער חלום פון היינט, —
פאַר מאָרגן — די וואָר.
גיי, גיי, און צעטראָג,
און זאָג זיי, און זאָג:

שליחות מיינט טאָן
אַ טואונג געטריי.
נאָך סוף הויבט זיך אָן
בראשית אויפסניי.
נישטאָ איז קיין סוף
אָן אָנהויב נאָכדעם,
נאָך סופיקן תיו
פאַרנעם זיך, פאַרנעם
מיט פרייד אין דיין בליק
צום אַלף צוריק!

דער אלף אויפסניי,
ווי אַנדערש איז ער!
דער מענטש דיר דערביי

ז. ווייגפער

איז נישט אַבי־ווער,
דער מענטש אויפן וועג
אינאיינעם מיט דיר
דורך נעכט און דורך טעג
צו שוועל און צו טיר
אין גאַנג איז, ווי דו
צו פרייד און צו רו.

איך גיי און איך גיי
מיט טאָוונג אין גאַנג.
איך אָקער, פאַרזיי
מיט גלויביק געזאַנג,
אַז אויפגיין וועט צווייט.
ווי גוט און ווי וואויל, —
דער פשוטער ייד
נעמט וואָרט פון מיין מויל.
דאָס וואָרט — מיין פאַרמעג, —
שליחות אין וועג!

ב ן ־ י ק י ר

דו זיצסט אַ פאַרכמאַרעטער, און מויל דיינס מורמלט ציטערדיקע, צאַפּלדיקע ווערטער,
וואָס פאַלן ווי אַ קדיש צו דער נידער אויף דעם, וואָס איז געווען און מער נישטאָ.
נאָר פּלוצלינג גייט פאַרביי דיר דער בן־יקיר, וואָס וואַנדערט איבער אַלע ערטער,
און קלייבט צונויף פון חורבות אונדזערע דאָס ביסל, וואָס געבליבן איז נאָך דאָ.

און אַז דערזעסט דאָס שווער געפּעק אויף זיינע אַקסל, ווערסטו אַ צעהעלטער און געטרייסטער,
ווייל איז דען נישט אָט דער בן־יקיר די בענקשאַפט אין דער טיפעניש פון דיר אַליין?
געבענטשט זאָל זיין אַזאַ מין בענקשאַפט. זע, זע, אָט ביסטו אַ דערלייזטער,
און דער דערלייזער איז דיין טראָט, וואָס הויבט, ווי דער בן־יקיר אָן צו גיין.

וואוהין־זשע איז דער גאַנג? פון כמאַרעדיקן דאַנען ביז דעם נעפּלדיקן דאָרטן,
ווייל אומעטום איז אונדזער ערד צערויעטע אין בענקשאַפט נאָך באַנייטן גרין.
דער שטורעם האָט צעוואַלגערט און צערויעט דאָ, און דאָרט דאָך אונדזער גאָרטן.
און דער, וואָס זוכה איז דאָ אַ בן־יקיר ווערן, ווייסט אַקוראַט דעם וועג וואוהין.

דאָ דאַרף מען רויערד רייסן, דאָרטן טרייסטן, מוטיקן און וועקן און דערמאָנען.
דאָ פעלט אַ רידל און דאָרטן — זריעה און ערגעץ אַנדערש פעלט דאָס העלע וואָרט.
זע, זע, — עס שפּאַנט און שפּאַנט עקשנותדיק דער בן־יקיר מיט גאַנצע טאָגען
אין זיין געפּעק און גרייט איז ער דאָס אויסצופּאַקעווען סיי דאָ, סיי דאָרט.

אַן אויפגעלויכטענעם, צעשטראַלטן באַגעגנט אים דער טאָג איבער אַלע וועגן,
און פון זיין שיין צעלייכט זיך און צעשיינט זיך אויך דער חושך פון דער נאַכט.
יוי זכיהדיק עס איז אַ גיי צו טאָן אין וועג דעם מוטלאָזן אַנטקעגן,
און זאָגן אַ צעלויכטענער: — איך האָב מתנות ליכטיקע פאַר דיר געבראַכט.

אַ שווערס איז דאָס געפּעק. פאַראַנען פאַרמעטן אין דעם אויך צוגעבערענטע,
וואָס אויפגעקליבן האָט בן־יקיר זיי פון אַש דורך אַ געדיכטן, שווערן רויך,
נאָר וואונדער איבער וואונדער, — די אותיות צעשיינטע און צעבלענדטע,
ווי עמיצער וואָלט זיי אָט ערשט גערעדט צו אונדז פון הויכער הויך.

ז. ווײַנפּער

און ווי די ווערטער איז אויך דער בן־יקיר אַ צעשײַנטער און צעגליטער,
און זע מיט וויפל ליבשאַפט, ער גלעט דעם פּאַרמעט מיט די הענט.
אַ דורכגייער דערזעט דאָס און צעוואַכט זיך אַ צהעלטער, וואָס נאָך אַזאַ געוויטער
פאַרבליבן איז מיט אונדז אַזוינער, וואָס בויט אויפסניי פון פונדאַמענט.

און זע נאָר, זע, — דער דורכגייער, אַ צעהעלטער און צעשטראַלטער
איז אויך שוין אַ בן־יקיר איבער וועגן אָנגעלאָדן אויף די אַקסל מיט געפּעק,
און כאָטש נישט גרינג איז אים דאָס אומצוטראָגן, איז ער דאָך אַזאַ צעשאַלטער
מיט ווערטער אויפגעלויכטענע, און שטראַלנדיקע אויף זיין וועג.

די ווערטער, לאַנג באַקאַנטע, אַז געווען שוין אַזאַ רויך און אַזאַ פּייער,
און נישט איין מאָל שוין געפאַלן צו דער נידער, אונטער שווערער רוט,
נאָר טאָן אין זיי — אַ בלענדיקער, דערפרישנדיקער און אַ נייער,
ווייל קומען קומט ער פון דער אויפגעלייכטנקייט אין אייגן בלוט.

זאָל זיין געבענטשט אויף אַלע וועגן אונדזערע דער לויטערער בן־יקיר,
וואָס בלענדט אויף, ווי אַ רעגנבויגן אין דער שווערער, חשוכדיקסטער שעה.
נאָך נאַכט קומט אָן קאַיאָר צעהעלטער און מענטש איז ווידער ביי דעם אַקער,
כאָטש נעכטן ערשט האָט ווילדער ווינט צערויעט אַלץ, וואָס איז געווען דאָ.

וויפל וואונדער

גוט איז אַט אַזוי זיך צו באַוועגן.
האָגל, שניי און רעגן,
דאָ און דאָרט סכנה,
אָבער זון, לבנה,
און די שטערן
האָבן אָפּגעווישט די טרערן,
פון מיין פּנים
און להכעיס אַלע שונאים
האָט אַ רעגנבויגן
פאַר מיין בליק זיך העל פאַרצויגן.
וויפל וואונדער האָב איך שוין באַגעגנט,
און געזעגנט
זיך מיט זיי נייע צו באַגעגענען?
יאָ, אָוודאי דאָס געזעגענען
איז נישט גרינג אין גאַנג,
דאָך בין איך געזאַנג
צווישן אַנדערע געזאַנגען.
וויפל מאָל איז איבער מיר די זון שוין אויפגעגאַנגען,
און פאַרגאַנגען?
זעט, אַט גייט זי ווידער
אויף שוין פון דער נידער.
וויפל שיינע לידער
וועלן אויף די וועגן מיינע נאָך פאַנאַנדערקלינגען?

וויפל וועל איך נאָך אַליין דאָ זינגען?

וויפל וואונדער
אויף דער ערד, דער רונדער?

ז. ווײַנפּער

וואַש די הענט אין טוי

דער ווינט
אין וועג
אין בלינד
געיעג ?

וואָס דאָ
צעפּוילט ?
די שעה
זי גרוילט ?

געצעלט
צעשטויבט ?
די וועלט
צעדרויבט, —
אין אַש
פאַרברענט ?

נעם וואַש
די הענט
אין טוי
קאַיאָר,
און בוי
די וואָר
לויט דיין
באַגריף.

די פּיין
איז טיף ?
נו, יאָ,
געוויס.
די שעה,
זי איז,

ל י י ד   א ו ן   פ ר י י ד

ווי איז,
ווי שטיין?

פאַרבייס
די ציין,
און גיי
פאַראויס
דורך שניי
און ברויז
צו וועלט,
וואָס בלענדט
צעהעלט
אויף ווענט,
און שוועל
ביים טיר,
וועט העל
זיין דיר,
און גרינג
ביז גאָר.

זינג, זינג,
מיין דור
צו טריט
אין גאַנג.
צעגליט
געזאַנג
צעוועקט
דאָס בלוט, —
אַנטפּלעקט,
וואָס גוט,
וואָס שיין
און ניי.

דאָס גיין?
כדאי!

ז. ווײַנפּער

פּלוצלינג אַזאַ בשׂורה

אַזאַ כמאַריקער פרימאָרגן פרעסט זיך היינט אויף מיינע שויבן.
אויף מיין טיש — אַ ליד נאָך נעכטן אָונט אָנגעהויבן, —
ציטערט דאָס, ווי אַ קינד דורך מוטערס בויך אײַנמיטן דעם געבערן.
וועט דאָס קינד אין אָט דער כמאַריקייט געבוירן ווערן ?

אָטעם מיינער אָנגעשטרענגט, — האַרץ איז אין אַ ציטערדיקן צאַפּל,
אויגן מיינע זיינען איצט אַוודאי אויפגעריסענע און שטאַרע.
וועט דאָס זיין אַ קינד פאַר לעבן, צי נישט מער, ווי בלויז אַ מפּיל ?
זע, געדיכטער, שווערער פרעסט זיך דורך די שויבן איצט די כמאַרע.

ווענט און סטעליע אָנגעלאָדענע און שווערע אין עקשנותדיקן שוויגן, —
שטייגערער צום שפּיץ פון באַרג, וועט ער צו זיין ציל דערשטייגן ?
אָדלער פליענדיקער צו דער הויך, וועט ער צו זיין ציל דערפליען ?
וואַנדערער אויף וועגן, וועט ער צו אַ שוועל דערציען ?

אַ פרימאָרגן, אָט אַזאַ, איז אַ וואַנדערער פאַרלוירענער ביים שייד פון וועגן.
וועט זיך עמיצער באַווייזן און אַ גיי טאָן אים אַנטקעגן ?
קראַ צעקראַקעטע קרייזט דורך מיט גרויליק־פּאַכענדיקע פליגל,
און דער שער הרחמים איז אויף שווערן שלאָס און ריגל.

שטיל און שאַ איז דער אַרום. קיינער, קיינער קומט נישט, קומט נישט.
בלויז דאָס אייגן האַרץ אין זיך איז צעוויגט און שטומט נישט.
וואָס־זשע זאָגט עס אָט דאָס האַרץ ? וואָס דערציילט עס ?
עפּעס זאָגט עס, עפּעס רעדט עס, עפּעס טרייסט עס, עפּעס היילט עס.

פּלוצלינג, און עס טויכט פון דיר אַזאַ העלע, זינגענדיקע בשׂורה !
זע, אָט איז אויף דעם פּאַפּיר שוין דאָ אַ נייע שורה,
און אַן אָנגעלאָדענע איז זי מיט בלענדנדיקע שטראַלן,
און די וועלט הויבט אָן דעם טויער ברייט פאַנאַנדערפּראַלן.

כמאַרע איז צעגאַנגען, זון צעכוואַליעט איז אויף די טאַפּעטן,
און אַ ליכט אַ שפּעדיקס — געגנוג פאַר אַלע אונדזערע פּאָעטן.
הער, דאָס ליד מיינס, וואָס איך האָב ערשט נעכטן אָונט אָנגעהויבן,
זינגט שוין היינט צעגליט, ווי דער גליאיקער קאַיאָר דורך מיינע שויבן.

אַזאַ פרייד אין גייענדיקן טראָט

ווער עס מעסט דאָס לעבן מיט די שאָטנס, וואָס אין דעם,
איך טרינק טראָפּנס ליכט, וואָס קאַפּען צווישן זיי אויף מיר.
ווער עס טראָגט די נאַכט אויך אין קאַיאָרן אויף זיין ברעם,
איך זע מאָרגנשיין, ווען די נאַכט איז ביי מיין טיר.

נאַכטיק איצט. אָבער איז די נאַכט דען נישט אין גאַנג צום טאָג?
טאָג צום אָוונט, אָוונט צו דער נאַכט, און די נאַכט צו דעם קאַיאָר.
ליד, מיין ליד, זינג ביי אַלע צוגעמאַכטע לאָדנס, — זינג און זאָג,
אַז דער חלום אונדזערער איז אין גאַנג צו ווערן וואָר.

זינג און זאָג, גלעט און שטראָף, מאָן, דערמאָן, און וועק, צעוועק.
סאַראַ פּנים וועט מען האָבן, ווען פאַרשלאָפן וועט מען דאָס וואָס קומט.
שיפן פירן אַ צעהעלטע וואָר, זוכנדיק דורך נאַכט אויפן ים דעם ברעג,
איז דערפאַר דער בייזער ווינט אַזוי צעבוריזט און אַזוי צעברומט.

ווינט איז נישט פאַרגינער, ווייל אין וואָר צעהעלטער, מוז ער ווערן אויס.
הערט, ווי רוגזהדיק און ברויזיק, ער בושעוועט און שלאָגט מיט האַס.
ליד, מיין ליד, דורך ווינט־געברויז, זינג און זאָג ביי יעדן שוועל פון הויז,
זינג און זאָג צו אַלע מענטשן אויף דער גאַס.

אַז אַ שיינע וועט זי זיין די וואָר, — שענער פונעם חלום נאָך.
נידער מיט דער הויכקייט וועלן ווערן איינס — צונויפגעוועבט.
מענטש וועט אויפגיין אַ באַפרייטער פונעם שווערן יאָך,
ווי דער אָדלער, וואָס איז צו דער זון צעשוועבט.

ז. ווײַנפּער

ווער עס זוכט זיך צו באַהאַלטן אינעם לאַבירינט פון חלום־לאַנד,
איך נעם אויף דעם שווערן איבערגאַנג און טראָג זיין עול.
ווער עס זוכט אַן אָנשפּאַר אויף זיין וועג ביי פרעמדער וואַנט,
איך שפּאַר אַן זיך אויפן רוף פון מיין אייגן קול.

איצט איז רעגנדיק און כמאַרנע און דער וועג אין נעפּל איז.
טראַט, מיין טראַט, ביסט וואַקל! שפּאַן דורך נעפּל צום פּאַראַדיס.
וואויל איז דעם, וואָס אויך אין נעפּל שפּאַנען זיינע פיס,
און זיי פירן אים צום שוועל פון אויפגעלויכטן הויז.

ווער עס שפּילט זיך מיט זיין טרויער, ווי אַ קראַנקער מיט זיין קרענק,
איך פאַרשפּיל זיך מיט דער האָפענונג אויף זינגענדיקער פרייד.
ווער עס זוכט דערלייזונג אין דער משקה־פלאַש פון שענק,
איך אין דעם עקשנותדיקן טראַט, וואָס גייט, און גייט.

אַזאַ פרייד איז אין דעם גייענדיקן טראַט אויף שווערן וועג!
שטורעם שלאָגט דיר אין די אויגן, אָבער פּנים איז צעגליט.
חושכדיק און נאַכטיק זיינען איצט ביי אונדז די נעכט און טעג,
אָבער טראַט, מיין טראַט, צו דעם פּאַראַדיס, און מיט אים מיין ליד.

די זון באַהאַלט איר פּנים נישט פון קיינעם

די זון גייט אויף אַ גאָלדענע, אַ העלע און אַזאַ צעבלענדטע.
אַזוי פיל פייגל זינגען צו די הויכן און די ווייטן איצט געווענדטע.
וואוהין? וואוהין? מסתמא זעען זיי נאָך שענערס ערגעץ גליען,
און וואויל איז זיי, וואָס האָבן פליגל און קאָנען פליען.
נאָר מיר איז גוט אויך דאָ, — איך קאָן זיך נישט באַקלאָגן,
ווייל אַז מען וויל, קאָן מען דען נישט זאָגן?
כל־זמן פאַרמאָגסט נאָך אַ פּאָר פיס, וואָס גייען,
איז דאָך פאַראַן אַזוי פיל פרייד דיך צו דערפרייען.
און פליט דען נישט דער מענטש איצט פונעם פויגל העכער? ווייטער?
איך שטיי און קוק און פיל זיך אַ באַנייטער
פון דעם, וואָס גלעט איצט מיינע אויגן.
די פאַווע גילדענע, וואָס איז אַוועקגעפלויגן
איז דאָ צוריק. זע, זע, — זי שוועבט שוין ווידער,
און זינגט צו אונדז די לידער
פון דעם צעליכטיקטן פרימאָרגן.
איך שטיי און הער, — אַלץ, אַלץ, וואָס איז פאַרבאָרגן,
צעעפנט זיך, צעשטראַלט זיך.
דער גאַנצער אוניווערז צעפּראַלט זיך
מיט בלענדיקע קאָלירן
אויף אַלע שוועלן ביי די טירן
און איבער אַלע וועגן, שטעגן.

אַ, סאַראַ וואונדערלעך פאַרמעגן
עס איז פאַראַן פאַר יעדן איינעם.
די זון באַהאַלט איר פּנים נישט פון קיינעם,
און די קאָלירן דאָ, וואָס טיילן זיך פאַנאַנדער

ז. װײַנפּער

און קומען זיך צונויף, זײַנען נישט אײן װאַנדער,
װײַל הײמיש איז זיי דאָך דער אוניװערז, — די זון, לבנה און די שטערן,
און אויך די ערד אונדז אַלעמען געהערן.

אַ חלום, זאָגסטו, בלויז אַזאַ?
זײַ שטיל, זײַ שאַ! זײַ שטיל, זײַ שאַ!
נישט זאָג, אַז אַט אַזױנס איז בלויז אַ חלום.
עס שװעבט די פּאַװע גאָלדענע און זינגט דאָס ליד פֿון שלום
פֿאַר דיר און אים, פֿאַר איר און מיר, פֿאַר יעדן אײנעם,
די זון באַהאַלט איר פּנים נישט פֿון קײנעם.

זי ציט זיך פֿרײַ צו אַלע ברעמען, —
אַז װאױל איז דעם, װאָס קאָן איר ליכט באַנעמען!

ב ט ח ו ן

די האַק פאַרלירן וועט איר שאַרף,
און ליגן אַ פאַרטעמפּטע אין בזיון.
באַזינגען וועט דאָס ליד מיט דינקייט פון אַ האַרף
דעם בייגעשטאַנענעם נסיון.

און לאַכן הילכיק אין צעהעלטער פרייד
וועט איבער רוי־ערד אונדזער רידל
צום טאַנצנדיקן טאָן פון פלייט,
און יובלדיקן קלאַנג פון פידל.

אין פולן בלענד וועט דער קאָרנעט
אַ רוף טאָן, אַלע ברידער, שוועסטער,
און ענטפערן אָן אויפגעהעלטער וועט
דער גאַנצער פאַרביקער אָרקעסטער.

אַ בשורה וועט צעטראָגן אונדזער פויק
אין דער באַגלייטונג פון די טאַצן,
אַז גאַנץ אין פעלד איז אונדזער סטויג,
און טויטע זיינען אַלע ראַצן.

די זון וועט מיט איר גאָלד־צעגליטן גלי
פאַרווישן אַלע נעפלען פון די וועגן, —
העי, זינגער, זינג, אַ טאָן פאַרצי
פון יובלדיקן ליד דער זון אַנטקעגן!

בטחון אונדזערער, — ער גליט, ער גליט
להכעיס פויסט געביילטער פון רוצח, —
דער עכאָ פון די גייענדיקע טריט
איז יעדע רשעות מנצח.

בטחון אונדזערער צעהעלט, צעהעלט,
און לידער זינגען מיר אין גרויס בטחון, —
אַ גרויסע ליבשאַפט קומט אויף אונדזער וועלט,
די שנאה פאַלט פאַנאַנדער, ווערט צעבראָכן.

ז. וויינפער

מה טוב!

מה טוב, — ווי גוט עס איז זיך אויפצולייזן אין דעם גלי פון דער גרויסער וועלט,
און נישט צו זיין אַ וועלטעלע פאַר זיך, וואָס איז נישט מערער ווי אַ ווינקל.
אַ ליכט וואָס גיסט זיך מיט אַנדער ליכט צונויף, ווערט אַליין דאָך מער צעהעלט,
און שפּרייט זיך איבער ווייטן, ווען שטערנדל פאַר זיך איז בלויז אַ פינקל,
ווי צאַנקנדיקער קנויט פון לעמפּל אויפן טיש פון ענגן אייגענעם געצעלט.

מיין אומרו אין געמיט אין זיין טיפער בענקשאַפט נאָך לויטערקייט, נאָך רו
ווערט אומרואיקער, ווען איך קום אין ווייטע לענדער מיט אַנדערע באַוואוינער.
מסתמא איז דאָס, ווייל דער חלום, פון אַן אויסטערלישן „ערגעצוואו"
איז פאַר די אויגן אויף דער וואָר נישט אַקוראַט אַזוינער,
ווי האָסט געחלומט אין דיין טיפער בענקשאַפט נאָך דער רו.

דער „ערגעצוואו" איז אַנדערש, — אַנדערשדיק דאָס לשון, אַנדערש דער מאַניער,
קלימאַט אויך אַנדערער, נאָר מענטש איז אומעטום אַ גוטער און אַ שלעכטער.
די גוטסקייט, ווערט געבייטשט פון רשעות און פאַרגיסט פאַר זיך אַ שטילע טרער,
אויף תליה־שטריק וויגט אום זיך אַ פאַרשטומטער דער גערעכטער,
און ווילדע אומגערעכטיקייט אַרום אים בושעוועט אַלץ מער און מער.

איז וואָס־זשע איז דער חידוש, וואָס דער אומרו מיינער איז אין אַ געיעג?
אַזוי פיל שוין געזען, אַזוי פיל שוין געהערט, און דאָס געזעענע, געהערטע
פאַרוואַנדלען זיך אין אַנגעשאַרפטע און פאַרשפּיצטע ציין אויף זעג,
וואָס זעגן, זעגן און אַפטמאָל רייצן זיי זיך אויך, אַז דאָס באַגערטע
איז בלויז אַ ווינט, וואָס יאָגט זיך אום צעשויבערט, ווילד פון וועג צו וועג.

אַ, יאָ, עס טרעפט אַזוינס, און דעמאָלט בלייבט מען זיצן שטום און שטאַר.
די גאַנצע וועלט, וואָס איז אַרום ווערט פרעמד דיר און דערווייטערט,
און דו ביסט פרעמד אויך זיך אַליין, כאָטש נעם און טו זיך אַ פאַרשאַר,
ווי ווינט פאַרשאַרט אַ בלעטל אַ פאַרדאַרטס. דו ביסט אַ רייטער נישט דעררייטערט
וואוהין דו האָסט געצילט, ווייל איבערוועלטיקט האָט אין וועג דיך די געפאַר.

ל י י ד א ו ן פ ר י י ד

דו ביסט דער צער פון אויסגעוואָרצלקייט און נישט באַהעפט שוין מיט דער וועלט,
וואָס שלאָגט זיך קאָפּ אָן וואַנט, כדי אַ בעסערע און שענערע צו ווערן.
דו ביסט די שרעק פון קראָ, וואָס שטייט אויף ברוכוואַרג און זי שעלט,
דו ביסט דער ווײ־געשריי פון נזיר, וואָס לאָזט זיך קיינמאָל נישט דערהערן,
ווייל אָפּגעשיידט ביסטו אין דיין ווייטן, מדברדיקן, איינזאַמען געצעלט.

די איינזאַמקייט, — זי האָט דאָך אַ פאַרגליווערט פּנים און אַ שטאַרן בליק,
איר טראָט איז שטיל און וואַקלענדיק, ווי ביי עגונות און פאַרעלטערטע אַלמנות.
איז אומעטיק מיט אָט־דער איינזאַמקייט, ווי אומעטיק עס איז דער בריק,
וואָס קיינער גייט נישט איבער איר. אין אָט אַזאַ מין שעה דערפילסטו אַ רחמנות
אויף זיך אַליין, וואָס איז דאָך דיר בזיונדיק, און דער בזיון פירט דיך צו דער וועלט צוריק.

און אַז דו קומסט צוריק, איז גוט דיר זיין אַ פלאַם אַנצוואַוואַרעמען יענעמס הענט,
אַ שיין פון אַ לאַמטערן, אַז גייער אויפן וועג זאָל נישט פאַלן איבער שטיינער.
דערפילסט זיך פּלוצלינג שטאַרק. די ביסט ווי האַרטער צעמענטירטער פונדאַמענט,
אויף וואָס עס הויערט אין דער העכסטער הויך אַ פּאַלאַץ אַזאַ שיינער,
און ביסט דאָס ליכט פון טורעם איבער אים, וואָס איז צעשיינט, צעבלענדט.

מיין אומרו אין געמיט און מיין טיפע בענקשאַפט נאָך לויטערקייט, נאָך רו, —
ער איז דאָך נישט קיין טויבער, און ער איז דאָך נישט קיין בלינדער.
ער זעט, ער הערט און שרייט אויף קולי־קולות, ווייל ער ווייסט גענוי אַ וואו
מען גנבעט פון די פרעמדע שטאַלן שאָף און רינדער,
און ווער עס דעקט אָט־די גנבות מיט אַ פרומער אומשולד צו.

איז עמיצער אַ טייל פון לעבן, און פון זיין אומרו אָנגערירט, איז ער צעגליט
אפילו אין זיין פאַלן. ער איז, ווי וואַסערפאַל פון הויכן באַרג אַרונטער,
וואָס פאַלט און פאַלט, נאָר פאַלנדיק איז ער צעזונגען אין דער הויך מיט ליד,
צעברויזט, צערוישט, און יעדער טאָן איז פלאַטערדיק און שטענדיק מונטער,
ווייל אויך אין נידער פונעם טאָל דערזעט ער ליכטיקייט צעגליט.

ער ווייסט, ער ווייסט, דער וואַסערפאַל, אַז זיין פאַלן איז נישט סתם,
כדי זיך אויפצולייזן און נישט ווערן אין דער טיפעניש פון נידער.
ער ווייסט, ער ווייסט, אַז דורכן טאָל וועט ער אַ פלייץ טאָן אינעם ים,
און אַז פון דאָרטן וועט ער זיך דערהויבן צו די הויכן ווידער,
און אויפגיין צו די וואָלקנס, ווי עס גייט פון זשאַר אַרויף דער פלאַם.

ז. וויינפער

ער ווייסט, אַז אין זיין פּאַלעניש וועט ער זיך אויסמישן מיט נאָך אַזעלכע, ווי ער,
און אַז אינאיינעם וועט מען זיך דערוואַרעמען, דערמוטיקן, דערהויבן.
ער ווייסט, ער ווייסט, אַז פּאַלעניש פון הויכן באַרג אַראָפּ איז שווער,
נאָר אין זיין פּאַלעניש, צעפּאַלט זיך נישט אין אים זיין העלער גלויבן,
אַז גאַנג, וואָס גייט אַהין, מוז קומען שפּעטער נאָכאַמאָל אַהער.

דער גאַנג פון הויכן באַרג צום טיפן טאָל אַראָפּ גייט דאָך צוריק אַרויף
אַהין און אָפטמאָל טרעפט זיך, אַז אפילו העכער און נאָך העכער.
מיין אומרו זוכט אום די דערלייזונג אין אַ נייעם אָנהויב נאָכן סוף,
און זינגט דערביי אין כאָר מיט אַלץ און אַלעמען: — מה טוב! מה טוב!
צו טרינקען לויטערע מנוחה אינעם לעבן פון די ריינסטע בעכער.

מה טוב! — ווי גוט און וואויל איז מיר, וואָס מיין טראָט איז אין כסדרדיקן גאַנג!
אַ גאַנג, וואָס איז נישט בלויז צו גיין, נאָר גאַנג אויף אויסצוטרעטן וועגן.
און טרעפט זיך ווען נישט ווען — אַ בויג, אַ פאַל, איז דעמאָלט אויך געזאַנג
צו אַלצדינג, וואָס עס וואַקסט, גייט אויף דורך מי, דעם בליק אַנטקעגן, —
מיין נעכטן אין מיין היינט. — די האָפענונג אויף מאָרגן דערפרישנדיק געטראַנק!

אַזוי פיל וואונדער

אַזוי פיל וואונדער אין דער פשוטקייט, וואָס גייסט געווינלעך גלייכגילטיק פאַרביי.
דער סוד איז נישט נאָר אין די הויכן, — ער איז אויך דאָ, דערביי.
אָ, וויפל וואונדער אויפן אָרט אַוואו דו שטייסט,
און גייסט!

אַ מענטש קומט אָן, און פרעגט דיך פריינטלעך, וואָס דו מאַכסט.
אַ צוויטער גליטשט זיך אויס און פאַלט איז קאָמיש דיר, דו לאַכסט.
דו שפּאַנסט און שפּאַנסט, און פלוצלינג האָסטו אַ באַגער צו רוען אויף אַ ווייל.
וואָס איז אַזוינס די לענגקייט און די ברייטקייט פון אַ מייל?
עס איז אַזוי פיל און אַזוי פיל, ווי דאָס אָרט, וואָס אונטער דיר.
דער וואָלקן אין דער הויך בייט זיך אין קאָליר,
אַזוי דאָס גראָז, אַזוי דער בוים,
אַזוי דיין טרוים.

אַ מענטש קומט אָן און רעדט צו דיר אַזוינע פּראָסטע רייד,
דערציילט דיר, אַז דער זייגער זיינער שטייט,
און ער וויל וויסן אַקוראַט די צייט.
אַ יינגל לויפט פאַרביי און שרייט,
אַ פויגל טאַנצט אין גראָז,
אַ ווינטל טוט אַ בלאָז.
די זון פאַרגייט,
און שפּרייט
די אָוונטיקע שטילקייט אויס,
און דיר דערמאָנט זיך פלוצלינג גאָר דער מאַמעס שויס,
וואָס איז אַ וויכער און אַ וואָרעמער געווען,
און דיר דערמאָנט זיך נאָך און נאָך, וואָס איז אַמאָל געשען,
און וואונדערסט זיך, וואָס נאָך אַזאַ געשעענעם זאָלסטו
פאַרגינען זיך אָט דאָ אַביסל רו.
— און פלוצלינג וואונדערסטו זיך אויפן וואונדערן אין דיר, —

ז. וויינפער

פון וואַנען קומט ער אָט דער וואונדער? דורך וועלכער טיר?
אָט זיץ איך שוין אַ שעה
אין גאָרטן אויף אַ באַנק אָט דאָ,
ווייל אָפּרו דאַרף אַמאָל דער מענטש.
איך מאַך די אויגן צו, און זע זיך אָנגעשפּאַרט אויף אַ פּאַרענטש
פון עפּעס אַזאַ שיינער, וואונדערלעכער שיף,
וואָס שניידט די שטילע, זילבער וועלן פון אַ וואַסער־טיף, —
פון וואַנען? און וואוהין? אַ הינטער מיר אַ חושכדיקע כמאַרע,
און פאַראויס זינגען קינדער יונגע: — מאַכט אַ וואַרע! מאַכט אַ וואַרע!
אַ גאַסט קומט אָן צו האָריזאָנטן ליכטיקע און ווייסע!

אָ, מאַמע מיינע, אַ דאַנק דיר פאַר די וואונדערלעכע מעשה,
פון ווייסע טויבן
און זון אויף שויבן,
ווען איך בין נאָך געווען דיין קינד אין וויגל.
נישטאָ גאָר אַזאַ שלאָס און אַזאַ ריגל,
וואָס זאָלן קאָנען צושליסן און פאַרריגלען טיר און טויער,
דיך צו פאַרשטעלן פאַר מיין אויג, דיך צו פאַרטויבן פאַר מיין אויער
אויף גאַנצער ערד דער רונדער.

אַזוי פיל וואונדער
אין מיר און אַרום מיר אָט דאָ!

אָט זיץ איך אין דער אָונט־שעה
אין גאָרטן אויף אַ באַנק מיט צוגעמאַכטע אויגן,
און זע פאַר זיך אַזאַ מין שלומדיקן און קאָלירנדיקן רעגנבויגן.

דער בייזער שכן מיינער

פּאַרוואָס איז דער שכן מיינער אויף דער באַנק אַזוי בייז און אָנגעבלאָזן?
אויף מיין באַגריסונג, האָט ער שווייגנדיק די נאָז אַראָפּגעלאָזן.
איז דען די באַנק צו קליין? זעט, זעט, — פאַראַן איז אָרט פאַר מערער,
און זיצט מען אָט אַזוי, ווי איך איצט דאָ, איז מען דען אַ שטערער?
איז וואָס־זשע איז ער בייז דער שכן מיינער? איך וואָלט אים פרעגן,
איז אָבער מיין באַגער צו זיצן שטיל און קוקן אָט אַזוי אַנטקעגן
דעם פּנים פון דער שיינקייט אינעם גאָרטן, וואָס זינגט דאָס ליד פון שוויגן.
ווי דין און דורכזיכטיק עס איז דער טוי, וואָס הערט נישט אויף צו שטייגן
פון גרינעם גראָז צו בלויער הויך און ווערט אין העלער זוניקייט פאַרלוירן, —
איז ווער איז דער, וואָס שטערט דאָס פרידיק ליד, וואָס ווערט אין מיר געבוירן?

אַ מילדער דער נאַכמיטיק, אָבער אַזאַ שווערע שנאה אויף מיין שכנס ברעמען.
אַזאַ, ווי ער, — ווי קאָן אַזוינער די שיינקייט פון אַ ליד באַנעמען?
זעט, זעט, — אָט שפּייט ער אויף אַ וועווערקל, וואָס שטייט אויף הינטערפיסלעך?
אַ שאָד, אַ שאָד, — פאַרוואָס האָב איך נישט מיטגעבראַכט קיין ניסלעך?
אַוודאי הונגעריק דאָס וועוריקל, און מענטשן האָבן דאָס פאַרגעסן.
ווי פלעגט זי זאָגן די מאַמע מיינע: — מען גייט קיין טאַנץ נישט פאַרן עסן!
די מאַמע מיינע, — נישטאָ גאָר אויף דער ערד אַ מאַמע נאָך אַזוינע.
זי פלעגט אויך זאָגן: — „באַהיט מיך גאָט פון גוטע פריינט, און פונעם שונא
וועל איך אַליין זיך היטן". נו, היט איך טאַקע איצט זיך פון מיין שכן.
אַ שאָד דאָס וועוריקל איז פון זיין שפּיי אין נאַרע טונקעלער פאַרקראָכן.

און אָט קומט אָן אַ בלויע טויב. זי שפּרינגט און זוכט אַ קערנדל, מסתמא.
נאָר שכן מיינער דערקלערט דער טויב, דער בלויער, אויך מלחמה.
וואָס איז דאָס פאַר אַ מענטש? וואָס ברענט אין אים אַזוי די שנאה?
נו, דאַנקען גאָט, וואָס אָט אַזוינער איז נישט טיפּיש פאַר דער גאַנצענער מדינה,
און איך באַרואיק מיין געמיט אין דער שיינקייט פון דעם יוני־נאָכמיטיק.
ווי שפּיגלדיק עס איז דערביי דער האָדסאָן, די ברעגן רחבותדיק און צוויטיק.
אַ מעווע שוועבט, און גוט איז איר אַוודאי אין דער לופט צו שוועבן.
אַ פויגל טריליעט אויף דאָ ערגעצוואו אַ פרייידיק ליד צום לעבן,
און האַרץ מיינס טריליערט מיט, און כאָטש מיין ליד איז פון אַ מענטשלעכן קאַליבער,
רופט דאָס זיך איצט דאָך מיטן פויגלס טריליעדיק געזאַנג דאָ איבער.

ז. וויינפּער

אָפּנים, אַז דער פויגל איז, ווי איך, פאַרגאַפּט אויך פון די גרינע פּאַליסאַדן.
„אוי, שבת, יום־טוב און ראש־חודש!" — געזונגען האָט אַמאָל גאָלדפאַדן,
און איך אַט־דאָ בין אַ צעזונגענער אין אַ וואָכעדיקן פּריטיק.
ווי וואונדערלעך, ווי וואונדערלעך, ווען וואָרט אין דיר ווערט צייטיק,
און אָנגעפּילט מיט זאַפט געשמאַקן, ווי אויף אַ צווייג פון בוים אַ פּירה.
אַט זינגט זיך מיר להכעיס שכן מיינעם, וואָס איז דאָ מעלה גרה
דעם קיי־גאָם אין זיין מויל. אַט האָט ער גאָר אַ שפּיי אין גראָז פאַרלוירן,
איז וועמען אַרט עס? אַ וואָרט אַזאַ צעבלענדטס ווערט איצט אין מיר געבוירן,
און אָנגעלאָדן איז דאָס מיט אַזאַ מין וואונדערלעכער העלער בשורת.
הער, הער, — דאָס וואָרט געבערט אַ וואָרט, און אַט איז שוין אַ שורה.

אַ שורה פון אַ ליד אַ נייס, — זי גלעט און צערטלט אַזוי ווייך מיין אויער.
די וועלט פאַרלט רחבותדיק פאַנאַנדער איצט פאַר מיר אין פרייד דעם טויער,
און שכן מיינער קאָן אים נישט פאַרמאַכן אויף קיין שלאָס און ריגל.
ווי גוט, וואָס בלויע טויב איז ווידער דאָ און איצט שוין אויף די פליגל
צעשוועבטע אין אַ קרייז, ווי רייצנדיק זיך מיט מיין בייזן שכן.
און זע, — דאָס וועוויקל איז פון דער נאָרע אויך אַרויסגעקראָכן,
און קוקט אויף שכן מיינעם מיט די אויגעלעך, ווי אַ קינד, אַ שטיפער.
די שורה פון מיין ניי־געבוירן ליד גראָבט טיפער, טיפער
זיך אַריין אין מיר און באַלד ווערט נאָך אַ שורה פון דער טיפעניש געפאַנגען
און איך בין אין געוועב פון העל־צעהעלטע, בלענדיקע געזאַנגען.

הער, הער, — עס זינגט דאָך אַלץ, און כאָטש די טענער — יעדערער באַזונדער,
איז אַלץ צונויפגעוועבט אַזוי האַרמאָנישדיק אויף דער ערד, דער רונדער,
אַז מענטש הויבט אָן די ברכה „שהחיינו" איבער דעם צו מאַכן.
ווי וואויל איז דעם, וואָס קאָן פון פרייד זיך הילכעדיק צעלאַכן.
דער שכן מיינער כמאַרעט, ווי די זון וואָלט זיך פאַר אים פאַרלאָשן.
קיין חידוש נישט, אַז מענטש איז טויב צו יעדן צווייטן מענטשנס לשון,
ווי בלינד ער איז צו יעדער שיינקייט אויף זיין ערד און הימל.
איז וואָס־זשע טוט מען? אַ רחמנות. אלף־בית, נו, מילא, אָבער גימל
איז ווייט און פרעמד, און שרעקט אים אַזוי מוראדיק דאָך איבער.
ווי אומעטיק עס מוז אַזוינעם זיין, וואָס קאָן נישט דאַוונען בציבור!

אין מיין גאַנג

אָ, אַוודאי, זינגענדיקער פויגל טריליערט אויך, אפילו אין דער שטייג,
אָבער דו ביסט דאָך קיין פויגל נישט, טאָ שוויג־זשע, שוויג!
זינגענדיקער פויגל ווייסט אָפּנים טאַקע נישט, אַז ער איז אין געפאַנג,
טריליערט ער און טריליערט ער דורך גראַטעס זיין געזאַנג,
אָבער דו ביסט דאָך אַ מענטש, ווינד איז דיר און ווי,
איז דיין ליד קיין ליד נישט איצט, נאָר אַן אויסגעשריי.

ליד, מיין ליד, וואו ביסטו, וואו? —
האַרץ מיינס בענקט אַזוי נאָך רו,
האַרץ מיינס בענקט אַזוי נאָך ליד,
אָבער אַז דער פריסיק בריט,
איז דאָך דיר אַוודאי ווינד און ווי,
און דאָס ליד איז אויסגעשריי.

וואָרט מיינס רייסט זיך אַזוי אויפגעברויזט איצט דורך מיין מויל,
וואָרט מיינס, — איינגעטונקען איז דאָס אין דער גרויל.
חבר נעבעטיקער איז היינט אַ מסור, — ליגנעריש צעמוילט, —
איז דער מענטש שוין טאַקע אַט אַזוי געפאַלן און צעפוילט?
רשעות ברוויזנדיקע איז צעברילט, צעברומט,
און די זון, זי קוקט זיך צו און שטומט.

ליד מיינס, ליד מיינס, שוויג!
זע דער אמת איז אין שטייג,
און די טיר איז צוגעמאַכט.
שקר פרייט זיך, און ער לאַכט, —
אים איז גוט און אים איז וואויל,
ווען די וועלט איז באַקעט הויל.

ז. וויינפער

זע, אזוי פיל ווילדע, בייזע, אויפגערייצטע, האווקענדיקע הינט,
און דאָס אויג פון שומר זעט נישט. איז דאָס בלינד?
קראָען קראַקען, קראַקען, און זיי שעלטן ביי דיין שויב,
און דער שומר הערט נישט, — איז דער שומר טויב?
זשאַרעדיקער פריסיק בריט און ברענט דיר דיינע טריט, —
זאָג איך היינט אַזוי דאָך צו מיין ליד:

אַליע־ליו־ליו, ליד מיינס, שלאָף,
וואָך זיין איז אַ שווערע שטראָף.
אליע־יו־ליו־ליו ליד, שלאָף איין,
וואָך זיין איז אַ שווערע פיין.
אַליע, אַליע, ליו־ליו־ליו, —
שלאָפן מיינט אַביסל רו.

קאָנסט נישט שלאָפן, האַ? שקר בריט דעם ליילאַך אויף דיין בעט?
— הארץ מיינס, הארץ מיינס, — צווישן אונדז איז דאַ אַזאַ פאַעט,
וואָס נישט ליב איז אים דאָ אונדזער שווערער עול.
קאָנסט אים, קאָנסט אים, — ער איז דער וואָס זינגט אויף אַ געבאָרגטן קול. —
פליוכעט וואַסער, מישט, צעמישט, צעשטויבט, פאַרפירט.
און ער ווערט דערפאַר געלויבט, געפרייזט, פרעמירט.

ווילסטו אויך זיין אַט אַזאַ?
נו, נישט וויין, זיי שטיל און שאַ, —
איך האָב בלויז אַ שפּאַס געמאַכט!
אין דער שוואַרצקייט פון דער נאַכט,
טוט אַמאָל אַ וואָרט זיך אַזאַ זאָג,
טוט אַמאָל אַ וואָרט זיך אַזאַ קלאָג.

זע נאָר, זע, — דאַכט זיך, אַז דער מאָרגנשטערן האָט שוין ווידער אויפגעגליט,
אַט אַפּנים, אַז דערהערט האָט ער די בענקשאַפט פון מיין ליד,
וואָס געוואוינט איז דאָס צו שליחותן אין גאַנג.
זיי געבענטשט, אָ, דו, מיין לויטער זינגענדיק געזאַנג,
דו פאַרגרינגערסט איצט דעם גייער אין דער שווערער שעה, —
ליד, מיין ליד, איך גריס דיך און איך זאָג דיר „ברוך הבא״!

ליד און פרייד

זינג אין מיר צום מאָרגנשטערן, וואָס
שיינט איצט אויף צעגרינטן גראָז,
און צעשטראַלט זיך אויף מיין שוועל.
זע נאָר, זע, ווי ריין, און שיין, און העל
בלענדט שוין ווידער אויף מיין שויב, —
האַרץ מיינס, האַרץ מיינס, זינג אַ לויב.

אויפן פריפעטשאָקל קאָכט מיין באָבע איצט אַ יושקע אין אַ טאָפּ.
גווידערט זיך איר פּנים, ווען זי שוימט דעם שוים אַראָפּ,
און אַ ליבע פאַרע ציט זיך, ציט זיך, און זי שפּרייט זיך, שפּרייט.
זע, דער קאָכלעפל איז אפילו אויך שוין טועם טעם די פרייד
פון דער אויסגעקאָכטער יושקע, וואָס איז מלא טעם און רייך,
און ער וויל שוין זיין אַ לעפל צווישן אַלע לעפל גלייך.

ליד, מיין ליד, ווי גוט, ווי וואויל,
וואָס נישט נאָקעט און נישט הויל
ביסטו אויך אין שווערער שעה.
הער, איך זאָג דיר „ברוך הבאָ",
און איך נעם דיך ווידער אויף
אין מיין גאַנג צום באַרג אַרויף.

ז. וויינבער

קליינע לידער מיינע

קליינע לידער מיינע אויפן לאַנגן וועג, —
יונגע הערשעלעך אין אַ געיעג
זוכן צייכנס פון די טאַטע־מאַמעס טריט.

קליינע לידער מיינע, — פאַלנדיקער צוויט
פון אַ ווינט־צעוויגטער צווייג.
אָפט מאָל זיינען זיי, ווי פייגעלעך אין שטייג,
בענקענדיקע נאָכן בלויען ברייטן רוים.

קליינע לידער מיינע — בלעזלדיקער שוים
פון מיין אומרו און ברויזנדיק געמיט,
ווען־זשע וועט איר אויפגיין אין דעם גרויסן ליד,
וואָס צעיערט איז אַזוי לאַנג אין מיר?

פען, מיין פען, פאַרפיר
זשע מיך נישט פונעם ברייטן וועג, —
איבער אים איז אַזאַ גרויס פאַרמעג,
און אַז וואויל און גוט איז דעם
וועמענס שווערע ברעם
נישט פאַרהענגט און נישט פאַרשטעלט
אים די וועלט.

דורך די אַנדן

די באַן, — אַ קריכנדיקע טשערעפּאַכע אין צאַפּלדיקן ציטער פאַר דעם שאָטן אין תהומען,
הערט אַלץ נישט אויף עקשנותדיק זיך ציען העכער, העכער צו די העלע רוימען.
אַפּנים, אַז געוואוינט איז זי שוין לאַנג צו ציען דאָ זיך ביי די ראַנדן.
אַ מענטש, אַן אויסגעבלייכטער לאָזט וויסן, אַז מיר זיינען אינעם האַרצן פון די אַנדן,
און זע, אַ פרעמדער גאָט קוקט שטום אויף מיר און איך בין פון זיין בליק געפאַנגען.
אַמאָל, אַמאָל איז סאַן־מאַרטין מיט זיין אַרמיי דאָ אויפגעגאַנגען,
איז ווי האָט אָט־דער שוויגנדיקער גאָט אים דאָ באַגעגנט?
מען זאָגט, אַז סאַן־מאַרטינס אַרמיי האָט דאָ מיט פּיילן גיפטיקע גערעגנט,
און מענטש האָט גאָט באַזיגט, און איז געוואָרן זיין באַצווינגער.
נאָר איך? — איך בין דאָך מער נישט, ווי אַ זינגער
מיט טענער און מיט ווערטער, וואָס גייען אויף צו דעם אַרום אַזוינע שטילע.
אַז ווי און ווינד, — איך וועל דאָ אָט דעם גאָט נישט נעמען מיט קיין תפילה,
ווייל שטום איז ער, און יעדער שטומער איז דאָך אויך אַ טויבער.
אַזאַ מין גאָט איז פרעמד צו דיין געמיט, און ער איז דיר נישט קיין דערהויבער,
און דו אין אָט אַזוינעם ווערסט אויף וועגן דיינע דאָך נישט קיין דערלייזטער.
נאָר נייגער וועקט ער דאָך אין דיר. וואָס איז ער? און ווי הייסט ער?
זע, זע, ווי גלייכגילטיק ער איז אין זיין עקשנותדיקן שוויגן!
די באַן, — זי וויגט זיך, ציט זיך, און הערט נישט אויף צו אים צו שטייגן
אַרויף, אַרויף, און בלייבט אַלץ אין דער נידער.
אַ שטומער און אַ טויבער גאָט, — אַן אַנדערער, ווי אינעם סידור,
וואָס איז ירושה איך מיין בלוט פון מיינע דורותדיקע זיידעס.
אַפּנים, אַז דערעסן האָבן אים קרבנות אויף עקדות,
און ער באַנוגנט זיך איצט בלויז מיט שוויגנדיקן קוקן.
אַ ווייסער וואָלקן — מיד אַוודאי פון זיין ציענish, פאַלט צו צום רוקן
פון אָט דעם גאָט, און שפּליטערט זיך אויף שטיקער ווייסע,
און ער, אַ זיידע אין זיין אויסזען, דערציילט מיר נישט קיין מעשה,
כאָטש יעדער באַרג־שפּיץ דאָ אַרום איז דאָך אַ לעבעדיקער עדות,
פון סאַן־מאַרטינס אַרמיי, וואָס האָט געריטן דאָ אויף פערדעס, —
מען זאָגט, אַז העכער פונעם אָדלער האָט זי זיך געהויבן צו די הויכן, —
האָט סאַן־מאַרטין מיט זיין אַרמיי דערגרייכט דעם תוכן?

אַהינטער מיר, אין אַרגענטינישן מענדאָסאַ, איז סאַן־מאַרטין, אַ נאָמען, ווי אַ תפילה.
כדאי צו וויסן צי ער איז תפילהדיק אויך דאָרט פאָראויס אין סאַנטיאַגאָ דע טשילי.

אויףביידע זייטן פון די אַנדן איז איצט יידיש וואָרט מיינס אין אַן עליה,
און איך פון ווייטער ווייט געריפן בין פון דעם, — איך פיל אין זיך די זכיה!
נאָר באַן, — זי גראַבלט זיך אַרויף און איז אַלץ אין דער נידער,
ווייל אַרום איר גייט יעדער ווייל אַלץ אויף אַ נייע גראַנדיעזקייט ווידער,
כדי דעם גרויסן כבוד צו אַן אַנדער הויכקייט אָפּצוגעבן.
אַ זקן צלמט זיך אין פּחד, — מלאכים, זעט ער, אין דער לופטן שוועבן,
און הינטער זיי מאַנאַכן ווייס־געקליידטע זיך בוקן צו דער לערקייט ביי די ראַנדן.
אַ מיטליאַריקע סעניאָראַ אין פענסטע דערקלערט, אַז אַזוי איז אין די אַנדן, —
פון אייביק אָן מיט טיפע סודות אין די איינגעווייד,
און מענטשן פשוטע, ווי מיר דאָ, וועלן זיי שוין נישט באַשיידן.
אַ הוסטנדיקער מענטש פּינטלט מיט די אויגן און האַלט זיך ביי די ריפּן,
אַ זקנה מורמלט שטיל אַ תפילה דורך אירע אויסגעבלייכטע ליפּן,
און איך מיט אויגן אויפגעריסענע בין איינגעגעסן אויף די שויבן.
זע, זע, — די באַן אַ סאָפּענדיקע, — זי גראַבלט אַלץ זיך צו דעם אויבן,
נאָר יעדער אויבן ווערט דאָ באַלד אַ נייער אונטן, אַן איינגעקלעמטער
אַנטקעגן גאָר אַ נייעם אויבן, וואָס הויבט זיך אויף אַן אומפאַרשעמטער,
און קוקט מיט זיגערישער חוצפה אַרונטער צו דער טיפער שאָטנדיקער נידער.
די שפּיצן פון די בערג זיינען איצט דאָ איינער מיטן צווייטן קידער־ווידער, —
פאַרגינען נישט, אַפּנים, די גראַנדיעזע שיינקייט איינער דאָ דעם צווייטן.
אַ נס נאָך, וואָס דער שווייגנדיקער גאָט אויפן טראָן דאָ דעם באַשנייטן
פאַרבלענדט מיט בלענדיקן בלענד דעם אייפערזיכט ביי דעם און אויך ביי יענעם.
אין מוח מיינעם טויכט זשאַריק אויף דאָס העליש פייער פון גיהינום,
וואָס פלאַקערט דאָרט אַ הינטער מיר צווישן די מלחמהדיקע צדדים,
וואו אָט אַזאַ מין גאָט איז נישט בנמצא פאַר דעם צעיושעטן בן־אדם,
וואָס וויקלט איין די שנאה זיינע אין שלייערן פון פרומער צניעות, —
די אויגן גלאָציקע צו דער קדושה, און הינטער זיי אַ מסור אָנגעפילט מיט צביעות.

די באַן, — זי וויגט זיך, ציט זיך און זי גראַבלט זיך אַלץ העכער, העכער.
אָט קלעטערט זי, אַ סאָפּענדיקע דורך שפּאַרונעס, שפּאַלטן און דורך לעכער,
און הערט נישט אויף צו טאַפּן יעדן אָנהאַלט ביי די ראַנדן
פון תהומען טונקעלע, און סודותפולע, — נו, יאָ, אַזוי איז אין אַנדן.
און זע, — דער שווייגנדיקער גאָט ציט איצט דאָס מויל פאַנאַנדער אין אַ געינעץ.
עס גראַבלט זיך די באַן דורך לאַבירינטן אַן אַ צאָל, און אָן אַ גרענעץ
און שטילער, שטילער ווערט אין דעם וואַגאָן. די שכנים מיינע אין אַ דרימל,
און איך? — מיין האַרץ גייט אויף אין בענקעניש נאָך מענטשלעכן געווימל.

אָבער די מעשה

שטילע, אָבלדיקע טריט.

שפּאַנט זיך דער ייִד,
און זיין אייביקער גאַנג
ווייִנט דורך געזאַנג,
און די טענער זיינען שטילע.

דבקותדיקע תּפילה
צאַפּלט, ציטערט, —
שאַף נישט דערפּיטערט,
ווייל אַ פרעמדס איז דאָס פעלד.

אַזאַ שניידיקע קעלט
נעמט דורך די גלידער,
אָבער די לידער —
ריין און דערהויבן.

פּלאָטערדיקע טויבן
פליִען,
ציִען
וואוהין?
ערגעץ איז גרין!
ערגעץ איז רו!
וואו?

שטילע, אָבלדיקע טריט.

אָבער דאָס ליד
זינגט דורך דער פּיין

ז. װײַנפּער

פֿרייד צו דער שײַן,
כאָטש זי איז נאָך פֿאַרבאָרגן.

רשע האָט דערװאָרגן
ציקעלע דאָס װײַסע,
אָבער די מעשה
לעבט נאָך, לעבט נאָך.

זעט, װי זי װעבט נאָך
פֿאָדעם צו פֿאָדעם,
און דער בן־אָדם
האַלט דאָך ערשט אין יערן, —
האַלט דאָך ערשט אין װערן!

אַמעריקאַנער טוריסטן און טוריסטקעס אין מעקסיקאָ

זיי קומען, ווי די פייגל פון די קאַלטע לענדער, די טוריסטן און טוריסטקעס, אַמעריקאַנער,
צו נעסטלען זיך אַ ווייל ביים איבערבלייב פון די העראָאישע אַצטעקן.
עס שמייכלט זיי אַנטקעגן די אַנגעגליטע זון פון די בערג, די מעקסיקאַנער,
און סודות צוגעגרייטע אין די שלייערן קאָליריקע לאָזן זיך אַנטפּלעקן
פאַר עפּעס בידנע פּעזאָס, וואָס מען קריגט דאָרט גאַנצע הויפנס פאַר אַ פּאָר דאָלאַרן.
וואָס אין די היימען זייערע איז עפּעס גאָרנישט דאַסיק, איז דאָ פאַרקערט, און אדרבה, —
די תאוות אויפגעבונדענע, צעשוימטע, און די בלוטן אויפגעוואַכטע גאָרן,
איז חי־געלעבט, — מען איז דאָך נישט געקומען דאָ אַהער פאַר עולם הבאָ!

די ערד איז דאָ אַ פעטע, — זי גיט „מאַאיס" געשמאַקן און אַזוינע זיסע מאַנגאָס,
געשמאַקע זיינען דאָך אַזוי דאָ די טאָרטיאַס, אינטשעליאַדאָס, און די טאַקאָס,
די אָקסן־קאַמפּן רייצן די געבליטן און אַזוי חנעוודיק זיינען דאָ די טאַנגאָס, —
נישט מער די אייניקלעך אַצטעקישע אויף גאַסן קוקן אויס, ווי באַנדאַזשירטע מכות.
געהערט אַזוינס, אַ מענטש זאָל שלעפּן שווער געפּעק, ווי אַן אייזל אין אַ שלייע,
און קינדער אויסגעהונגערטע און אָפּגעריסענע איבער געסלעך און גאַסן, —
נו, מילא, — אַ סאַנטאָווע קופּערנע איז דאָך פאַר אַט אַזוינס ממש אַ קמיע,
איז נישט כדאַי זיך אויפצורעגן און אויף אַזוינס זיך דאָ צו כעסן!

דער עיקר זיינען דאָ די אויסטערלישקייטן אומעטום, אויף יעדן ווינקעלע, קיין עין־הרע.
ווילסט זען דעם נעכטן, אייערנעכטן און פאַראַיאָרן? איז אדרבה, מהיכי תיתי!
נאָר אַט אַזוינס איז פאַר דעם יצר־טוב מיט קאַמעראַ ביים אויג, בשעת דער יצר־הרע
איז גיריק פאַר עפּעס אַנדערש אין די אָוונטן, די קילע, נאָך די טעג די הייסע.
פאַר „לעידיס" מיטליאַריקע, צעגאָסענע און פריש־געפּאַרבטע, לעקלדיקע פּריזורן
אַזוי פיל שלאַנקע „זשיגאָלאָס" באַוואָנצלטע און אויגן פלאַמיקע אין העליש פייער,
און פאַר די „דזשענטלייט" — געשמאַקע פנימלעך, ווי לעמפּלעך אונטער אַבאַזשורן,
וואָס זאָגן צו אַזוי פיל און אַזוי פיל, און עס קאָסט נישט טייער.

און קלויסטערס, קלויסטערס אומעטום, — די שפּיצן, צו די הויכע, הויכן גלאָצן, גלאָצן.
עס טרעפט אַמאָל אַן אונט־שעה, טוט ווינטל פון דער נידער צו דער הויך זיך אַ צעווייע,
און ברעגגט מיט זיך אַ קלויסטערלעכן טאָן, אַן אָפּגעריסענעם פון עמיצנס אַ יהי־רצון,
איז ווער־זשע הערט אים דען, אַז קומען קומט ער פון אַ מענטשן, וואָס איז אייזל אין אַ שלייע.
די זון ווערט דורך די טעג סיי ווי אין די קלויסטערס נישט אַריינגעלאָזן,
און די לבנה און שטערן דורך די נעכט זוכן נישט דעם וועג צו זיי אפילו.
די שטאָט — אַ זקנה אין אַ גרויען מלבוש, אַ צעדריבלטן, הוסטלט צווישן גרינע גראָזן,
און פּאַלמענביימער אין די גערטנדלעך אַרום פּאַלאַצלעך שווער־פאַרריגלטע און שטילע.

שפּאַניאָלן טונקל־הויטיקע זינגען שטילע, יחוסדיקע לידער פון זייער וואַגיקן קאַרטעזן,
און אויגן גליען, ווי קוילן זשאַריקע ביי די סעניאָראס און די סעניאָריטאַס,
נאָר העכער זיינען די גיטאַרעס און די מאַנדאָלינעס צו זאַפּאַטאַן און כוואַרעזן
דורך פלינקע פינגער ביי די אייניקלעך פון די אַצטעקן, און זייער ליד צעבריט איז,
ווי קאַקטוס שטעכיקער אין זוניקן נאָכמיטאָג צו דעם אָדלער אין די הויכן.
אַן אויפגעלויכטנס און אַ העל־צעצינדעריש גייט אויף אויך ליד אין לשון־יידיש,
און וועבט זיך איין אין צאַפּלדיקער בענקשאַפט אין העל־צעהעלטן, אַנדערשדיקן תוכן
פאַר די טוריסטן און טוריסטקעס צווישן די חידושים מעקסיקאַנער, גאָר אַ נייער חידוש.

זיי קומען אויסגעהונגערטע נאָך עפּעס אַנדערש, וואָס איז ניי, און פאַר זיי עקזאָטיש,
און קערן זיך אַהיים מיט אויסטערלישע מעשיות פאַר די פריינט און שכנים.
פאַר זיי איז מעקסיקאָ אַ לאַנד, וואו אַלצדינג איז צעשויבערט און כאַאָטיש, —
דאָס אייזל און די ציג, דער אינדיק און דער האָן מיט מענטש אינאיינעם
אין זעלבן שטיבעלע פון שטרוי, און גלייך דערביי אַ פּאַלאַץ גאָר אַ וואונדער,
די „פּאָטאָס" מיטגעבראַכטע גייען אום פון האַנט צו האַנט און וועקן די באַגערן, —
אַזוי פיל אויסטערלישקייט איז פאַראַן אויף אונדזער ערד, דער רונדער,
און יעדער וויל פון אַלצדינג וויסן, און ווערט נישט מיד צו הערן, און צו הערן.

סאַן־פראַנציסקאָ

סאַן־פראַנציסקאָ איז אַ שטאָט אַ שיינע און דערצו אַן אילוסטרירטע.
אָוונט־שעה איז זי אַ רוישיקע, אַ ווימלדיקע און אַזאַ קאָלירטע.
נאָר אין טאָג דעם נעפּלדיקן איז זי אַ מידקייט אַ צוגעפּאַרבטע.
גאַנצע גאַסן זיינען דאָ אַריינגעקארבטע
אין די ריפּן פון די בערג און בערגעלעך צעגרינטע.
זע, זיי חנדלען זיך פאַר די בליקן דיינע, ווי געוועבן אויסגעשפּינטע
דורך געבענטשטע, בויגעוודיקע פינגער.
דינער אויסגעצירטער טורעם אויף אַ באַרג אייגלט, ווי אַן אָפּערעטן־זינגער,
און עס דאַכט זיך דיר, אַז ער זינגט צו דיר אַרונטער.
אָבער אָט די מידקייט אויך אפילו שפּאַנט דאָ פלינק און מונטער.
זאָל איך זאָגן, אַז זי איז גאָר אפשר אַ גרימירטע, —
חן־פינטל אַזאַ, ווי בלייכקייט פון אַ פרויענהאַנט אין צירונג אַ באַצירטע ?
מידקייט וויגט זיך, ווי אַ טויטער אויף שפּראָנזינעס,
און דו ווייסט נישט, וואָס איר זין איז.
שטיבלעך פון די הויכן קוקן, ווי די אויגנווייסלעך דורך שפּאַרונעס,
און די „גאָלדן־גייט" און אָוקלאַנד־בריקן — סטרונעס
אָנגעצויגענע אויף האַרפעס, שיקן פון זיך קלאַנגען, —
זיינען זיי אַוודאי די געזאַנגען
פון דער נידער צו די הויכן.
גאָט, אַפּנים, האָט אָט דאָ פאַרגעסן אָן זיין תוכן,
און מיט פאָרמאַליזם גאָר פאַרשפּילט זיך
אין אַ מאַנטעלע פון נעפּל־שלייערקע וואואַלן, —
ווייל, אַפּנים, נישט, אַז מען זאָל מיט טענות אים באַפאַלן
פאַר די אָפטע, גרויע נעפּלען.
טרעפט אַמאָל, אַז ער פאַרגעסט דאָס מאַנטעלע פאַרקנעפּלען,
באָדט זיך דעמאָלט סאַן־פראַנציסקאָ אין אַ זון, וואָס איז, ווי קופּער בלענדיק,

ז. וויינפער

אָבער אַט אַזוינע טעג זיינען דאָרט דאָך בלויז לעגענדיק.
מאָלער האָבן אַזוי ליב צו מאָלן
די פאַרשלייערטקייט דאָ איבער בערג און טאָלן,
און פאָעטן האָבן דווקא ליב אַזוינס דאָך צו באַזינגען.

טראַמוויי הוידעט אָן — לאָזט זיך הערן מיט זיין קלינגען, —
זאָל איך זיך אַ יאָג טאָן און פון דאַנען זיך פאַרנעמען?
קאָן איך אָבער נישט פאַרשעמען
אויפן סקווער אָט דאָ די ליבע טויבן, —
ערשט אַ שעה, אַז זיי קלויבן
אין אַזאַ פרידלעכער האַרמאָניע
מיט די פיסקעלעך די ניסלעך פון מיין דלאָניע
און זיי דאַנקען אָפּ מיר מיט אַ וואָרקע.
פלוצלינג פיל איך אַזאַ ווייכן טאָרקע, —
איז דער טאָרקע מיינט איר, ווער?
זע, די מידקייט לעבן מיר איז טאַקע אויף אָן אמת.
דין, און דאַר און איינגעבויגן,
אַזאַ צער אין אירע בלויע אויגן,
שטילע און פאַרשעמטע ווערטער אירע, —
נישט באַצאָלט אַ חודש שוין אַ גאַנצן פאַר איר דירה,
מוז זי אָנקומען צו אָט אַזאַ נסיון, —
סאַן־פראַנציסקאָ, ווי־זשע פאַסט דעם שיינעם פנים דיינעם אָט אַזאַ בזיון?

אָבער דער מענטש?

ווייל עס איז אונדז איצט אַזוי שווער, אַזוי שווער,
לאָמיר אָנשטרענגען אונדזער געהער,
אונדזער בליק
אויף צוריק, —
צום אַהינטער.
דער פלאַם, ווי ערשט נאָר־וואָס אַ צעצינדטער
ציט זיך פון דאָרט.
משהס גליענדיק, שטראַלנדיק וואָרט
איז אַ פלאַם, אַ צעפלאַמטער
איבער דער מדבר, דער צעזאַמדטער,
אַז עס ברענט אפילו אויף אַ דאָרן.
עמוסעס צאָרן,
ירמיהוס שטורעם,
און עקיבאס יסורים
זיינען ירושה
פול מיט קדושה.

דורותדיקער גאַנג אונטער יאָכן,
און דאָס ליכט פון בטחון
זיך נישט לעשט,
ווי נישט געלאָשן האָט זיך דאָס ליכט פונעם בעש״ט.
יצחק לוי בערדיטשעווערס עניוות,
יצחק לייבוש פּרצעס חשיבות,
און שלום עליכמס געלעכטער
אין פּנים פון שעכטער.
אונדזער ליטערער גלויבן
איז דאָס ליכט, וואָס ווישט אויס דעם שטויב פון די שויבן,
און די קדושים אין געטאָס געשמידטע
האָבן געזונגען מיט הערש גליקן צעגליטע

ז. ווײַנפּער

אַזאַ הערלעך און הייליק געזאַנג, —
זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן גאַנג.

הירש גליק
איז די בריק
פון דאַנען צום צוריק,
און פון דאָרטן אַהער און נאָך ווייטער.
נאַכט אויף דער ערד, אָבער דער שייטער
בלענדיקער, צעגליטער,
זינגט אין אונדזערע געמיטער
ליד צו אַ נייער וואָר, —
ליד צום קאַיאָר,
צו דעם העלן
איבער אַלע שוועלן.

גייער גייט צום פּאַראַויס
אויף דורך נאַכטיקן ברויז,
אָבער דער וואַקלער אײַנעם שטויב זיך צעמישט,
און זײַן זכר ווערט אָפּגעווישט.
מסור ? — ביישפּיל איז אַזעוו, און
לערן דערפון,
אַז אַזויבער איז גרויל
אויף פּאַר די, וואָס ציען דאָס קויט פון זײַן מויל.

ווינטיקער ווינט,
בילנדיקע הינט,
וועלפּישע ציין,
אָבער דער מענטש ? — ער בלײַבט אַלץ נישט שטיין !

זינג, זינג, פּאָול ראָבסאָן!

זינג, זינג, פּאָול ראָבסאָן! פון דיין געזאַנג צעעפנט זיך אַ ברייטע טיר נאָך טיר
אין האַרצן פונעם פאָלק צום ברודער דיינעם, וואָס איז אומרואיק אויף זיין געלעגער.
זינג, זינג, און גיב אונדז דורך דיין ליד דעם הייסן אָטעם, וואָס אין דיר, —
דאָס ריטמישדיקע און עקסטאַזיקדיקע בלוט, וואָס איז די שיינקייט פונעם נעגער.

אַ פאָלק, וואָס קאָן אַ זינג טאָן אַזוי הערלעך, שיין און ריטמישדיק, ווי דיינס,
איז נישט קיין חידוש, וואָס עס ברענגט אַרויס פון זיך אַזאַ, ווי דו, צום עמוד.
אַט זינגט צו דיר אַ ייד אַן אויפגעלויכטן ליד, — דאָס נעגער פאָלק איז שיין, ווי דיינס,
ווי יעדערנס אין וועמענס בלוט עס שיינט און בלענדט דאָס ליכט פון אַ נר־תמיד.

זינג, זינג, פּאָול ראָבסאָן! עס הערט דיין ליד דאָך די גערעכטיקייט פון לאַנד,
אפילו, ווען די רשעות זוכט עס מיט אַ הוקען און אַ כרוקען צו פאַרשרייען.
דיין קול איז מעכטיקער פון יעדן שטיין אויף דיר אין גזלנישדיקער האַנט, —
עס וועלן קולות אַט אַזעלכע, ווי דיינס, אַמעריקע פון רשעות דאָך באַפרייען!

די שטיינער־וואַרפער אויף דיין מעכטיק־הערלעכן און שטורמישן געזאַנג, —
כדאי צו וויסן, וואָס זיי טראַכטן זיך אין שפּעטער שעה פון אָוונטיקער תפילה?
דערמאָנען זיי זיך, אַז אויך יעזוס, זייער גאָט, איז אַמאָל געגאַנגען אַזאַ גאַנג,
און פונקט אַזעלכע שטיינער האָבן זיך געצילט אין זיינע אויגן רחמימדיקע שטילע?

און אַז אַזוינס דערמאָנט זיך זיי, איז ווי־זשע פילט מען זיך אין אַט אַזאַ מינוט?
כדאי אַ קוק צו טאָן, צי רויטלען זיי זיך נישט פאַר חרפה און פאַר בושה?
און גלח אויף דער בימה? כדאי צו וויסן, צי זיין וואָרט פאַרוואַנדלט זיך אין רוט
פאַר אַט אַזוינס, וואָס שטעלט אין קאָן די גאַנצע געטלעכע ירושה?

כדאי צו וויסן, ווייל פאַראַנען אומעטום אַזוי פיל פלאַפּלער וועגן גאָט,
וואָס זוכן קיינמאָל נישט זיין פּנים צו דערזען און זיינע אמתן צו ברענגען.
אַמעריקע, מיין לאַנד, ווי שיין און גרויס דו ביסט, נאָר זיין אַ פּאַטריאָט,
כדי די אַנדערש־הויטיקע אומזיסט־אומנישט אויף בוימער אויפצוהענגען?

ז. וו י י נ פ ע ר

אַמעריקע, מיין לאַנד, ווי שיין דו ביסט אין דיין גאַנצער לענג און ברייט!
און איז דען נישט די שיינקייט דיינע אין דער פאַרביקייט פון דיינע מענטשן?
וואָס איז דען איבער דיינע פעלדער, טייכן און פאַבריקן נישט פאַרגרייט,
אַז אַלע דיינע קינדער זאָלן ביי איין טיש נישט קאָנען אַ מזומן בענטשן?

אין מלבוש אויפן לייב פון ווייסן איז נישט נאָר דעם קאָלירטן ברודערס מי,
נאָר אויך זיין ליד איז צווישן פעדעמלעך פון אַלע פאַרביקע געוועבן.
און ווען אַזאַ, ווי אַ פּאָול ראָבסאָן, טוט דעם „אָלד מען ריווער" אַ פאַרצי,
גייט אויף אויך דורך זיין קול דער אומרו פון דעם ווייסן מענטשנס לעבן.

זינג, זינג, פּאָול ראָבסאָן! דאָס ליד דיינס וועט דעם האַרטסטן שטיין
צעברעקלען אין דער לופטן, און דאָרטן אים אויף דינסטן שטויב צעשטויבן.
אַז עמיצער איז אין אַזאַ עקשנותדיקן גאַנג, ווי דו, וועט ער דערגיין
צום ציל, וואוהין עס פירט אים ביי דער האַנט זיין ריינער גלויבן.

דער גלויבן אין דער חשיבות פונעם מענטשן, ווען און וואו ער זאָל נישט זיין.
דער גלויבן, אַז אַזאַ, ווי דו און ער און איך, זיינען נישט פאַר זיך באַזונדער,
נאָר קינדער פון איין מאַמע ערד, וואָס בענקען נאָך דער זעלבער שיין, —
אַזאַ מין גלויבן האָט נישט איין מאָל שוין געשאַפן וואונדער איבער וואונדער.

זינג, זינג, פּאָול ראָבסאָן! עס דאַרף אַמעריקע דיין אויפגעלויכטן ליד!
און פאַלט אַ שטיין פון דאָ און דאָרטן, איז אָט אַזאַ מין שטיין דער צייכן,
אַז עמיצער האָט שלאַנגען גיפטיקע אויף אונדזער ערד דאָ אויסגעבריט,
וואָס זוכן אין דעם חושך פון דער נאַכט די העלדזער אונדזערע צו גרייכן.

זינג, זינג, — עס וועט דער שווערסטער שטיין דאָס מעכטיקע, און הערלעכע געזאַנג
פון גרויסן האַרצן דיינעם קיינמאָל נישט פאַרשטומען!
דער מאָרגן, וואָס דיין וואונדערלעך געזאַנג זאָגט אָן, איז אין פולן גאַנג
דורך אַלע שטיינערדיקע וועגן, און ער וועט קומען! קומען! קומען!

גייער גייט אויך דורך שטורעם

האַלט זיך! לאָז דעם ווינט דיך נישט אַנידערוואַרפן!
ווער עס איז, ווי דו, געגאַנגען
קעגן ווינט, דעם שאַרפן,
קאָן דערלאַנגען
מיט געביילטע פויסטן
אויף דאָס וויסטע פּנים
פון דעם ווינט צעברויזטן.

יאָ, איך וויס, — וואַלד־גזלנים,
שרצים פון די לעכער,
שלאַנגען ביי די שוועלן,
קראָען איבער דעכער,
כמאַרעס אָנגעשוואָלענע פאַרשטעלן
דורך די טעג און נעכט די זון און די לבנה,
און דער ווינט איז ברויזיק, ברויזיק.
אָבער גייער מיט אַ לויטערער כוונה
קוקט מיט חוזק
אויף זיי אַלע.

גייער גייט דורך שווערסטן שטורעם,
ווייל אויפגעהעלט, נתגלה
איז פאַר אים דאָס ליכט פון טורעם,
וואָס איז אונדזער בלענדנדיק פאַרמעגן.

גייער גייט אַלץ ווייטער, ווייטער
איבער אַלע שווערע וועגן.

אַזאַ גייער איז אַ שייטער
דורך די חושכדיקסטע נעכט צו ווייטן
און צו הויכן.

ז. װײַנפּער

אַזאַ גײער טראָגט דורך אַלע צײַטן
אונדזער תּוכן,
און ער לאָזט אים הינטער זיך נישט איבער.

אַזאַ אײנער
דאַוונט אומעטום בציבור,
און די לופֿט װערט רײנער,
גרינגער.

סאַראַ זכיה
זײַן דער זינגער
צו עליה!
איצט איז ברױזנדיק דאָס װעטער, —
גײער גײט אױך דורך אַ שטורעם,
און ער װערט נישט קײן פֿאַררעטער
צו דעם ליכט פֿון טורעם.

יצחק לייבוש פרץ — אונדזער טאַטע

א.

ווידער שוין אַ נייער גילגול פונעם טאַטנס אַלטן ניגון!
וויגט זיך ,וויגט זיך און ער הערט ניט אויף זיך אומצואוויגן,
נעם אַ טאָן פון אים, און צי אים ווייטער!
אינעם חושך פון דער נאַכט — אַ שייטער
וואַרפט מיט פלאַמען צו די ווייטן, צו די הויכן.
זעט, ווי צווישן כוואַליעדיקע און געדיכטע רויכן
בלענדט אויף פאַר די אויגן אַזאַ העלע דאַטע, —
יצחק לייבוש פרץ — אונדזער טאַטע!

ב.

שטייסט פאַרגאַפט, געפּלעפט, פאַרוואונדערט, —
אַ יאָרהונדערט
פון נסיונות
און בזיונות,
ווייַנענדיק און זיפציק.
אָבער נייַנצן איין־און־פופציק
איז פאַר אונדז אַ העלע דאַטע,
טאַטע
ברעכט אַ גראַטע
פונעם שווערן תפיסה־טויער.
אָבער אין דער נאַכט פון שווערן טרויער
האָט די טרייסט אַ ליד פאַרצויגן.

אַנגעפּלויגן
איז אַן אָדלער פון די ספערן,
און געבראַכט דעם פינקל פון די שטערן.

ג.

טרייסט מיין פאָלק זיך, טרייסט זיך!
אונדזער וועלט דערלייזט זיך
פונעם שווערן טרויער.
האַמער־קלעפּ ביים טויער,
ברעכט זיך גראַטע נאָך אַ גראַטע, —
אונדזער וואונדערלעכער טאַטע
יצחק לייבוש פרץ
האָט פאַר אונדזער קשיא דאָך אַ קלאָרן תירוץ. —
אָט אַזוי־אָ גייען מיר,
אַקערן, פאַרזייען מיר,
און דערפרייען מיר!

ד.

דער בראשית־זאַמאָשטש, וואָס אין פוילן,
שליירדיק, פאַרהוילן,
ציטערניש און צאַפּלעניש, סכנהיש.
שווער געראַנגל, — מאָניש
אין דער נעץ פון לילית'ן, דער מכשפה.
די געוואָרצלקייט אין שרפה,
און אַ פלאַמיק־פייער
איבער דאָך פון אונדזער שייער
גייט אויף אין אַ פלאַקער,
אָבער טאַטע אונדזערער מיט שאַרפן אַקער
רייסט־אויף פאַסן פון דער ערד, דער רויער.
שפעטער איז דאָס וואַרשע. הימל איז אַ גרויער
איבער ציפערן טאָג־טעגלעך.
וועלט איז אומבאַוועגלעך
אין דעם שטיבל פון דער וואַרשעווער געמינע.
אָבער איבער געסעלעך און גאַסן בלאָזט אַ פאַלערינע,
און זי ווינטלט.

ל י י ד א ו ן פ ר י י ד

אומרו זוכנדיקער פינטלט
מיט די אויגן.
חלום — שיינקייט פון אַ רעגנבויגן
איבער שפּיץ פון וואַקסנדיקן טורעם,
און די וואָר — אַ שטורעם.
שטילער, שטילער, דרך־ארץ, —
יצחק לייבוש פּרץ
אונדזער טאַטע
רייסט אַ גראַטע נאָך אַ גראַטע
פונעם שווערן תפיסה־טויער,
און עס צערטלט אַזאַ טרייסט דעם אויער:
— טרייסט מיין פאָלק זיך, טרייסט זיך,
וועלט באַנייט זיך, — זי דערלייזט זיך!
— מיין נישט, — הפקר איז באַשאַפן!
און די מענטשן הערן, גאַפן:
— שטיינערנע פּאַלאַצן, קרישטאָלענע זשיראַנדעלן,
און עס הויבט אָן העלן
איבער אַלע שוועלן!

ה.

שבת, יום־טוב און ראש־חודש, —
אונדזער לעבן — כולו קודש
אויך אפילו אין דער וואָכן.
בלענדיקער בטחון,
העלער גלויבן,
און דערהויבן
פול מיט יחוס
טראָגט זיך די שליחות
אינעם קול פון אונדזער יידיש.
נישט קיין חידוש, —
אַ ירושה
פון קדושה!
דרך ארץ, דרך ארץ, —
אונדזער טאַטע יצחק לייבוש פּרץ!

ז. ווײַנפּער

ו.

אין דעם געסעלע — צעגליאַנע
זײנען קינדער זיך מקנא
מיט דער ליבשאַפט פֿונעם טאַטן.
הונגעריקער גײט צום זאַטן,
און דער זאַטער קומט אַנטקעגן
איבער אַלע װעגן.
זעט נאַר, זעט נאַר, — מענדל דלות
מאַכט „המוציא" איבער עוזר נגידס חלות,
און עס פֿלעמלען אויף מנורות.
נײַע אויפגעהעלטע דורות
קומען אָן און גליִען
און זײ ציִען
פֿון אַן ערגעץ
צו אַן ערגעץ,
זינגענדיק די לידער
פֿון די בלײַכע נײטאַרינס און צװײ ברידער,
װען אפֿילו שכר־הליכה
איז די רשעות און רציחה!
קינדער גײען
און פֿאַרזײען
דורך סכנות
טאַטנס „דרײַ מתנות",
בריסק און ביאַלע
װערן פֿאַר דער װעלט נתגלה,
און נתעלה,
און עס שפּרײט זיך אומעטום די נײַעס
פֿונעם טאַטנס „שלום־בית".
װײַנען שוימען אין די בעכער
פֿונעם טאַטס „אויב נישט העכער".
קײטן רײַסן זיך אין פּאַליש,
און דער חלוש
װערט אַ גבור.
שבת־ליכט אין אַלע שטיבער,
און אין קײט דער גאָלדענער שמידן קינדער נײַע רינגען,

און זיי זינגען:
— אַט אַזוי־אַ גייען מיר,
פֿאַרזייען מיר,
דערפֿרייען מיר,
— אַט אַזוי־אַ גלויבן מיר,
דערהויבן מיר,
דאַנקען מיר, און לויבן מיר, —
וויגן און צעוויגן
נייעם גילגול פֿונעם טאַטנס אַלטן ניגון:
— שבת, יום־טוב און ראש־חודש, —
אונדזער לעבן — כולו קודש
אויך אפֿילו אין דער וואָכן:
העלט, צעהעלט איז דער בטחון,
ווייל שליח מיט שליחות
איז פֿון גרויסן יחוס!
— שטילער, שטילער,
דאַנקען וויל ער
פֿאַר עליה,
פֿאַר דער זכיה
פֿון דער העלער דאַטע, —
אונדזער גרויסער טאַטע
יצחק לייבוש פּרץ, —
דרך־ארץ! דרך־ארץ!

ז.

יאָרן, יאָרן, —
נישט נאָר אין זכרון
איז ער בלענדיק,
און לעגענדיק,
ווי אַ מעשה פֿון פֿאַרצייטן,
נאָר אין טראָט צו נייע צייטן,
און אין שוועב צו הויכן הויכן,
איז ער אונדזער תוכן!

זיי להכעיס

קאָן דאָך זיין, אַז עמיצער זאָל ביי מיר פרעגן:
— ווען ביסטו דאָס געגאַנגען אַנטקעגן
איבער דיינע שווערע וועגן?
וועל איך זיך נישט קלאָגן, —
איך וועל ענטפערן און זאָגן:
— שווער געווען דעם עול צו טראָגן
אויף די אַקסל און די פּלייצעס
דורך געקערעוועטע לייצעס.
אָבער מיט די ליכטיקסטע געזאַנגען
בין איך דאָך געגאַנגען
דורך די שווערסטע רויכן
צו די וויטן, צו די הויכן.

קאָן דאָך זיין, אַז עמיצער זאָל ביי מיר פרעגן:
— ווער־זשע איז געקומען דיר אַנטקעגן
איבער דיינע שווערע וועגן?
וועל איך זיך נישט קלאָגן, —
איך וועל ענטפערן און זאָגן:
— שונאים ביי די ראָגן
מיט היסטעריש־וויסטע קללות,
און מיט מעסערס הינטער פּאָלעס,
אָבער זיי להכעיס
איז אויך אָפטמאָל נחת
מיר אַנטקעגן אָנגעקומען,
און געבענטשט מיט מיר מזומן.

לידער צאַפּלדיקע, שטילע

לאָמיר זינגען שטילע לידער
פון אַ שיינעם רעגנבויגן.
ווען שוועסטער, וועלן ברידער
מיט פאַרגאַפונג אין די אויגן
זיך דערפרייען מיטן וואָרט צעגליטן.

לאָמיר זינגען שטילע לידער
פון אַ מענטשן, וואָס גערייטן
צום אַרויף איז פון אַ טיפער נידער
פול מיט ליבשאַפט און מיט שלום,
וועט מען הערן און באַנעמען
אונדזער אויסגעבענקטן חלום.

מענטש וועט מענטשן נישט פאַרשעמען,
און דער רשע אויך אפילו
וועט אַ ציטער טאָן פון בושה, —
לידער, צאַפּלדיקע, שטילע
האָבן דאָך אין זיך קדושה.

ז. וויינפער

חלומדיק, שלומדיק

חלומדיק,
שלומדיק
גייט אויף די זון און מאָלט
מיט אַזאַ בלענדיקן גאָלד,
ציכטיק און דין
אויפן גרין
פונעם גראָז.
פלוצלינג אַ ציטער, אַ בלאָז
אינעם בלוי
פונעם טוי
און עס צעוועקט זיך פון שלאָף דער קאַיאָר,
זעט מיין אויג איצט די וואָר?
אָדער חלום איך גאָר?
שטיל זיי, נישט פרעג!
זעאונג אָט אַזאַ איז אַ פאַרמעג,
נישט צו שטעלן אין קאָן.
זעאונג אָט אַזאַ, אַז זי הויבט זיך פאַר דיר אָן,
צי נישט קיין פאָרהאַנג איבער איר,
און פאַרשליס נישט דיין טיר
פאַר אַ זעאונג, אַזאַ.
שטיל זיי, זיי שטיל, און שאַ.
וועב זיך ווייטער דאָס געוועב
פון דער טויב, און שוועב.

אויפגעלייזט ווערט שווערער רויך, —
זע ווי טיף, ווי הויך,
רחבותדיק און קלאָר.
העלער, העלער גייט אויף דער קאַיאָר,
און אין דיין געמיט
וועבט זיך שטיל אַ ליד, —
חלומדיק,
שלומדיק.

איך ווייס

אַזוי פיל פרייד איז אין קלאָרן באַנעם.
די זון איז צעהעלט אויף מיין ברעם,
און האָפענונג איז אין געמיט.
איך ווייס, — די ערד איז צעגליט,
ווי אייזן אין זשאַריקן פלאַם, —
איך ווייס אָבער אויך, אַז נישט סתם
איז אַט אַזאַ גלי.

פאַר ווועמען — אַ ברי,
פאַר ווועמען — אַ בלענד.

אַז וואויל איז צו די הענט,
וואָס האַלטן אין קלאַמער
דעם האַמער
אויף אייזן, וואָס הייס.

עס קאַפּעט דער שווייס?
און מידע די גלידער?

אַ, שוועסטער און ברידער, —
ווער ווייסט דאָס דען נישט?

נאָר אַז דער קאַכלעפל מישט
געקעכץ אינעם אויוון צעזשאַרטן,
ווערט הונגעריקער דאַך זיך דערוואַרטן!

ז. ווײַנפּער

לולקע־רויך

פאַרטײַטשן יענעמס פּינטעלעך מײַנט לײַגן לאַטעס איבער יענעמס לעכער, —
נישטאָ גאָר אַזאַ הויכקייט, וואָס עפּעס אַנדערש איז נישט העכער.

פון הויכקייט העכערקייט נאָך העכער, העכער און נאָך ווײַטער, ווײַטער, —
וואָס פּינצטערער די נאַכט איז, אַלץ ליכטיקער אין איר דער שײַטער.

פאַר ווערעמען וואַסער אין אַ גלאָז, פאַר ווערעמען ווײַן אין פולע פעסער, —
נישטאָ גאָר אַזאַ גרויסקייט, וואָס עפּעס אַנדערש איז נישט גרעסער.

ווען לולקע־רויך צעשלענגלט זיך אין אָוונטיקער שעה פאַר מיר פאַנאַנדער,
בין איך צוזאַמען מיט דעם רויך אין לופט אין אַ פאַרטראַכטן וואַנדער!

מחשבות קומען אָן און ווײַסט דער גוטער יאָר פון וועלכע הויכן, ווײַטן,
און איך אויף יעדערער פון זיי לאָז זיך אַ פאַרטראַכטער רײַטן.

וואוהין? עס אַרט מיך נישט וואוהין, ווײַל גוט איז מיר דאָך אויף די וועגן, —
אַזוי פיל וואונדער־שעבעוואונדער קומען מיר כסדר אָן אַנטקעגן.

דער זעער זעט אויך אויסטערלישקייט אין דעם, וואָס איז טאָג־טעגלעך, —
נישטאָ גאָר אַזאַ אָרעמקייט, וואָס איז נישט אויך פאַרמעגלעך.

דער הערער הערט, דערהערט, און זײַנע אויגן זײַנען טיף געפּלעפּטע,
עס טרעפט, אַז אין באַנומענעם זײַנען אַלע רשעותן און צדקותן באַהעפטע.

נישט יעדער זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט איז ביז גאָר פאַרשטענדלעך, —
דער ווײַזער ווײַזט, נאָר צײַט, — זי ציט און ציט זיך דאָך אומענדלעך.

אָט שטייסטו און דו קוקסט פאַרוואונדערט אויף די פליענדיקע עראָפּלאַנען, —
ווען גרעסטער וואונדער איז אין דײַנע גייענדיקע פיס פאַראַנען.

אַזוי פיל אויסטערלישקייטן זײַנען דאָך אין דעם, וואָס דאָ איז דאָאיק,
נאָר זוכן זוכט מען דווקא בלויז אַרום, וואָס איז נישטאָאיק.

אָ, לולקע־רויך, ווי גוט איז מיר אין אָט דער אָוונט־שעה אויף דיר צו רײַטן, —
פאַר מײַנע אויגן זײַנען איצט אַזוי פיל הויכן און אַזוי פיל ווײַטן!

אייזיק ראַבאָי

איז געקומען אַ ייד קיין אַמעריקע
מיט קינדער יונגיעריקע
קיין עין־הרע גאַנצע ניין.
זעט, זעט, סאַראַ שיין
עס לייכט פון דער משפחה!
היינט מאַך איך אַ ברכה
אויף איינעם פון זיי.
אַ קערנדיקן, זאַפטיקן פּאַרזיי
פון בעסאַראַביע האָט ער
אַ שפּרייט געטאָן איבער דער ערד, דער דאַקאָטער,
און זעט נאָר דעם בליט!
געקומען אַ פּשוטער ייד
פון בעסאַראַביע, אַ ליפּקאַנער,
און מיטגעבראַכט אויף דער ערד, אַמעריקאַנער,
דעם ריח פון שטאַלן און רינדער
אין זיינע דאָרפישע קינדער,
און זעט, וואָס פון פּרעירישע בלאָטעס
אין די דאַקאָטעס
איז אויפגעגאַנגען.
עס רייפן זיך גאָלדענע זאַנגען
אויף שטח, אַ ברייטן, אַ ווייטן,
און יידישע קינדער לאָזן זיך רייטן
אויף פערדלעך צעהיצטע אַנטקעגן דעם בלענד פון קאַיאָר.
זעט, זעט, ווי די ליכטיקע וואָר, —
דאָס קינד פון אַ חלום,
גיט פריידיק אָפּ שלום
דער זוניקער רו.
— מו־הו! און מו־הו!

ז. װײַנפּער

די געלע קו מיטן װײַסן פּלעקעלע איבער איר שטערן
לאָזט דורך איר מרוקען צו הערן
אירע קיעשע באַגערן
אין דער פרימאָרגנדיקער לופט.
אַזאַ שאַרפער, פאַרשיכורנדיקער דופט
גייט אויף איבער דעם גאַנצן אַרום פון דער ערד.
אַלצדינג װיל װערן דערהערט,
און געענערט
אין דעם באַשאַף, —
איך שטיי און קוק, איך הער, און גאַף.

דער בוהאַי אויף דער קייט
לאָזט װײַסן דורכן ציטער איבער זײַן פעל די פרייד,
און עס שיסן זײַנע נאָזלעכער מיט הייסער פאַרע.
שאַט, שאַט, מאַכט אַ װאַרע, —
דער אַגער פאַררײַסט דעם עק,
און לאָזט זיך אין געיעג,
און װײַניק איז אים דער שטח אין װעג
צו דעם, װאָס איז פאַרבאָרגן
אין ליכט פון פרימאָרגן.

די אויערן — פאַרשפּיצטע,
די אויגן צעבליצטע,
און פעל זײַנע ציטערט, —
די ערד אונטער אים װערט צעשפּליטערט.

און פייגעלעך שפּרינגען, שפּרינגען,
און זינגען
אַ לויב.
אַ טויב
װיגט אום זיך אין לופטן אַהער און אַהין, —
די טויב איז װײַס, איבער איר — בלוי, אונטער איר — גרין.

ל י י ד   א ו ן   פ ר י י ד

און דורכן טויאיקן גרוי
זיך חנדלען, ווי די בליקן פון אַ יונגער שיינער פרוי,
אַזוי פיל צעברעקלטע שטראַלן.
פון ערגעץ דערפילט זיך דער שאַרפער ריח פון געגוי.
דורך צעעפנטע שטאַלען
זיך וויגן באַלאַדענע שטאַלענע גאָפּלען.
דער אָגער אין געיעג
הויבט אָן צו פּאַרטאָפּלען
די טריט אין גאַלאָפּ אויפן וועג,
און וועקט פונעם דרימל דעם חזיר אין דער בלאָטע.

געבענטשטע, זאַפטיקע ערד פון צפון־דאַקאָטע,
באַווייזט זיך, ווי דאָס לייב פון אַ באַגערטער פרוי
דורך וואָרט געלייטערטן פון אייזיק ראַבאָי.

געקומען אַ מענטש

אַ מענטש האָט פאַרטראַכט
אין חושך פון נאַכט
אַ ליד אויף צו בענטשן
דאָס ליכט, וואָס צעוואַכט
די שיין אין דער נאַכט
אין הערצער פון מענטשן.

געקומען אַ מענטש,
געזאָגט האָט ער: — בענטש
מיט מענטשן מזומן.
פון וואַנען דער מענטש?
פון לאַנד, וואָס זאָגט: בענטש,
ווייל מענטש איז באַנומען.

געקומען צעהעלט,
געבראַכט אונדז די וועלט
אַ בלענדיק־צעשטראַלטע.
געקומען מיט ליד
צעהעלט און צעגליט
מיט בשורות צעשאַלטע.

און מענטש איז נישט מער
אין ערגעץ קיין גר, —
די וועלט איז פאַר אַלע.
געקומען אַהער
און אונדזער געהער
געוואָרן נתעלה.

צו נייעם געזאַנג, —
געזאַנג, וואָס איז גאַנג,

און ציל איז ער אויסן.
געזאַנג, וואָס איז דראַנג
דורך וועלט, וואָס איז קראַנק
און פּרירט נאָך אין דרויסן.

געזאַנג צו דעם טראָט,
וואָס טרעט לויט געבאָט,
וואָס זיינען אונדז הייליק.
אין גאַנג צו דעם סוד
פון גרויסן אחד,
וואָס האַלט אונדזער חלק.

צעלויכטענע טעג,
און ברייט איז דער וועג
פאַר קומער, פאַר גייער.
אַ האַמער, אַ זעג,
און זריעה אין זעק
פאַר בויער, פאַר זייער.

געקומען אַ מענטש, —
ווער איז ער, דער מענטש ?
אַ מענטש צווישן מענטשן !
אַ, לויטערער מענטש,
געזאָגט האָסטו : בענטש, —
מיר בענטשן ! מיר בענטשן !

ז. ווייגפער

דער עכאָ פון מיין ליד

אין טענער פון מיין ליד
דער עכאָ פון די טריט
אין גאַנג צו דעם פּאַראַדיז.
אין זיי איז דאָס געבראויז
פון כוואַליעס צו אַ ברעג,
פון שטורעם אויפן וועג.
אין זיי די גרויע וואָר,
און חלום צום קאַיאַר,
וואָס זאָגט אַזוי פיל צו.
אין זיי איז ער, ביסטו,
און איך אַליין דאָ אויך
אין בענקשאַפט צו דער הויך.

די טענער מיינע אין
געוועב פון גאָלד און גרין
אויף הינטערגרונט פון גרוי.
פאַרליבט בין איך אין בלוי.
נאָר זעלטן אַזאַ שעה
צוגאַסט ביי מיר אַט דאָ,
ווי איך וואָלט זי געוואָלט.
דאָס גרין און אויך דאָס גאָלד
איז חלום מיינער פון
דעם פעלד, דעם וואַלד, די זון,
נאָר ביז ער קומט צום בלוי,
איז שוין דער הימל גרוי.

ל י י ד א ו ן פ ר י י ד

די שעה איז גרוי און שווער.
עס ווייסט דאָס, ווייסט דאָס דער,
וואָס טראָגט דעם עול פון איר.
ווי גוט, וואָס ליד אין מיר
גייט מיט, גיט מיט, גייט מיט,
און מוטיקט מיינע טריט
אין גאַנג אויף שווערן וועג
דורך אַלע נעכט און טעג.
די שעה איז שווער, איז גרוי, —
נו, יאָ, נו, יאָ, עס איז אַזוי,
נאָר טראָט ווערט גרינג אין גאַנג
ווען האַרץ איז מיט געזאַנג.

ווײַל איז מיר

יענע טעג און נעכט, ווען געגאַנגען בין איך אויפצומאָנען מײַן פּקדון,
ווי אַ קעמל אין דער מדבר שווער באַלאָדן
בין איך דאָך געגאַנגען.
ציקעלע, מײַן ציקעלע איז געווען געפאַנגען,
און דער פאַנגער האָט געהאַלטן
שליסל צו דעם שלאָס באַהאַלטן.

— פאַנגער! פאַנגער! — האָב איך אויפן קול געשריגן,
און מײַן קול האָט נישט אויפגעהערט זיך אומצעוויגן
איבער אַלע שווערע וועגן
יעדן דורכגייער אַנטקעגן:

— פאַנגער! פאַנגער! איך בין גרייט דיר מיט מײַן בלוט צו צאָלן!
אָבער אָפּגעענטפערט האָבן די שאַקאַלן פון די טאָלן,
אײַזלדיק געריטשע, בריענדיקע שטויב־כאַמסינען,
און דאָס טרויעריק געזאַנג פון בעדואינען.

גאָט, ווי לאַנג און שווער האָט זיך דער וועג געצויגן!
זאַמדן האָבן אײַנגעפרעסן זיך אין מײַנע אויגן,
און די טריט מידער, מידער זײַנען אַלץ געוואָרן.
יענע טעג און נעכט אין מײַן זכרון, —
זײַנען נישט געשטאָרבן.
איז כדאי געווען דער קרבן?
זע, דער שליסל איז צוריק אין מײַנע פינגער!
ליד אין האַרצן פונעם אַלטן זינגער
גליט אויף און עס ווערט צעגליטער, —
גוט און ווײַל איז מיר דאָך הײַנט צו זײַן דער היטער,
פון מײַן ציקעלע, מײַן אייגנס
וואָס איז איצט שוין מער נישט אונטערוועגנס.

שלום

אין שעהען פֿאַרטראַכטע, שטילע און ווייכע
לאָזסטו אַמאָל אויף צוריקוועגס אַוועק זיך שפּאַצירן.
דיין קול טוט אַ ציטער מיטן ניגון פֿון איכה,
און עס לאָזט זיך אַ ווייל פֿונעם טרויער פֿאַרפֿירן.
פֿלוצלינג, הער, הער, — דו זינגסט זיך פֿאַנאַנדער
הילכיק און רוישיק אויף פֿריידיקע טענער,
און ביסט גאָר מיט זיי אין אַ פֿריילעכן וואַנדער.
היימיש איז דער, נאָך היימישער — יענער,
און דריטער פֿאַרכאַפּט דיך אינגאַנצן.
נס־ציונה איז דיך מכבד מיט זאַפּטיקע טרויבן,
און ראשון־לציון מיט גאָלדענע פּאָמעראַנצן,
אָבער בן־שמן האָט מיידלעך, ווי טויבן,
וואָס וואַרקען מיט ליבשאַפֿט ביים אַקער
צו זינגער מיט פֿיאַשן, ווי פּייער אין פֿלאַקער.

צעהעלטע, דערהויבענע און פֿריידיקע געזאַנגען,
ווי עכאָס געלייטערטע פֿון נעכטיקע כאָרן, —
וויפֿל מאָל בין איך דאָס אַזוי זיך געגאַנגען
אין יענע צעהעלט, באַגילדטע קאַיאָרן
איבער די זאַמדן פֿון ראשון־לציון
קיין נס־ציונה און קיין בן־שמן?
איצט נאָך אפֿילו פֿיל איך דאָס בריען
פֿון יענע גליאיקע שטראַלן איבער די ברעמען.
איצט נאָך אפֿילו מאַך איך אַ דעכל
איבער די אויגן פֿון מיינע פֿינגער.
טראָט אין קדושה, ווי ביי כּוהן אין היכל,
און האָרץ, ווי ביים לוי איז איצט אַ זינגער, —
כּוהן און לוי, און איך מיט מיין ביקס אין עליה, —
דאָס האָרץ איז צעהעלט, — עס זינגט צו דער זכיה.

די ביקס? — געגעבן האָט זי מיר בריטאַניע,
אָבער איך װעל זי אין אַן אַקער פֿאַרװאַנדלען.
פֿאַר איר איז דאָס אָרט נישט מער, װי אַכסניה,
פֿאַר מיר דאָס געזאַנג פֿון ראָזשענקעס און מאַנדלען, —
אָ, ראשון־לציון, בן־שמן און דו, נס־ציונה!
טראָט מײַנער שפּאַנט און זינגט אין זײַן שפּאַנען, —
באַלד, באַלד װעלן קינדער מיט פּנימלעך ברױנע
קומען אַנטקעגן און װי צעעפֿנטע רױשיקע קראַנען
אױף מיר זיך צעפּליסן מיט פֿרײד און מיט ליבע.
אָונטן װעלן פֿאַרהאָרעװעטע שװעסטער און ברידער
זיך זעצן בײַ נאַקעטע טישן און עסן אין אַ מסיבה,
עסן און זינגען דערהױבענע, פֿרײדיקע לידער, —
אַ גאַסט איז געקומען פֿון װײַטן, — אַ גאַסט, אַ ליבער, —
שײן איז געזאַנג אַט אַזאַ, װאָס זינגט זיך בציבור!

מײַן ראשון־לציון — אַ שײנע, צעגרינטע װאַזאַנע,
נס־ציונה — אַ הױפֿן מיט קרעפֿטיקער זריעה,
בן־שמן גײט אױף אין אַ תפֿילה בכּװנה,
און זינגט אין איר דבֿקות די ליכטיקע זכיה
פֿון ברכה דורך הענט נאָך נישט קײן געאיבטע.
ישובֿים צעהעלטע, װי ליכטיקע אױגן
פֿון דײַנע, באַענטע, אײגענע האַרציק־באַליבטע.
דאָס האַרץ איז אַ סטרונע אונטער אַ בױגן,
צעשפּרודלט מיט טענער און קלאַנגען.
געבענטש זײ, מײַן העלער און קלאָרער זכּרון,
פֿאַר אױפֿהיטן אין זיך די געזאַנגען
פֿון יענע צעגליטע, און באַגילדטע קאַיאָרן, —
זעט, װי זײ קומען אױך איצט מיר צו חלום,
און איך, אַ דערפֿרײטער, גיב זײ אָפּ שלום.

ד י   ב ש ו ר ה

דורך דורות אין בזיון, אַרומגעצוימט פון אַלעמען מיט צאַם,
היינט שטייט ער אַ באַפרייטער מיט אַ ברכה צו דער וועלט.
אַזוי מוז זיך דערפילן אַ געראַטעוועטער פון שיפּבּרוך אויפן ים,
אַזוי מוז זיך דערפילן אַ געפרוירענער ביי שייטער העל־צעהעלט.
דורך דורות — האַלאַוועשקע רויכיקע פאַר יעדן אַנדערן דער לעצטער פונק פון פלאַם,
און היינט אַ לאָמפּ, אַן אָנגעצונדענער אין אייגענעם געצעלט.

ווי העל עס גייט אויף דער קאַיאַר מיט ליכט ביים שוועל פון טיר,
וואָס איז פאַרשעמט געוואָרן פון דער רשעות אין אונדזער דור.
ערשט נעכטן אַזאַ איכהדיק געוויין, און היינט אַזאַ מין מזמור־־שיר,
איז נישט קיין חידוש, — אַ חלום אין דער פינצטערניש ווערט העלע וואָר,
און אַזוי פאַרביק איז די וואָר, — נאָך פאַרביקער, ווי חלום וועגן איר,
וואָס האָט דערהאַלטן אונדזער לעבן דורך די צוויי מאָל טויזנט יאָר.

משיח ביי דעם טויער וויקלט מער נישט אויף זיין וואונד שוין דעם באַנדאַזש.
זעט, זעט, ער וואַרפט די קוליעס צו דער ערד און לאָזט זיך צום פאַראויס!
איז דאָס אַ דאַכטעניש, אַ בלענדעניש, נישט מער, ווי אַ מיראַזש?
ניין, ניין, — עס איז! — אַ סימן האָט איר? אַזאַ מין יובלדיק געברויז,
און ער? — ער פאָרט איצט אין אַ גאָלד־צעגלאַנצטן עקיפּאַזש,
און זאָגט אָן יעדערן די בשורה, אַז די שעה איז גרויס.

אַ שאַרפער שופר־בלאָז שניידט דורך די לופט, ווי אַ מעסער־שניט,
און זעט נאָר, זעט, — עס איז דאָך גאָט אַליין, וואָס זאָגט צום פאָלק — געגעבן;
נישט בלויז משיח, נאָר גאָט אַליין צעהעלט, צעגליט,
און אַרום אים דאָס אויפגעלויכטן פאָלק, וואָס ערשט איז דאָס געווען
דער שטויב אויף אַלע וועגן פון דער ערד, — זינג, זינג מיין ליד
די זכיה פונעם פאָלק, וואָס האָט דעם חלום אויף דער וואָר דערזען!

עס טרעפט אַמאָל, — אַ וואונדער איז געפּלעפּט פון זיך אַליין, —
ער קוקט אויף זיך און וואונדערט זיך, צי איז ער טאַקע דער,
וואָס ווערט אַזוי באַוואונדערט און באַזונגען אַזוי יובלדיק און שיין?
אין אָט אַזאַ מין טרעפעניש, ווערט אָנגעצויגן דאָס געהער,

און בליק ווערט ברייטער, אויפגעעפנטער, פאַרגליווערטקייט נעמט גיין,
און אָנגעפילט ווערט אַלץ, וואָס איז געווען אינגאַנצן לער.

אַזוי איז איצט דאָך מיט דער פּלוצלינגדיקער, בשורהדיקער שעה, —
זי איז פאַר זיך אַליין אַזוי פלוצלינגדיק און אַזוי אומגעריכט!
אָט ערשט איז אַלצדינג דאָך געווען אין שווערער נעפּלדיקייט דאָ,
און פלוצלינג אַזאַ אויסטערליש, געלייטערט בלענדיק ליכט!
נישט קיין חידוש, — אַז געוואוינט געווען איז זי צום קראַקען פון דער קראָ,
און פלוצלינג וואָרקענדיקע טויב, און אַזוי ברכהדיק איז איר באַריכט.

אַזוי פיל דורות האָט מען דאָך אויף אָט דער שעה אַרויסגעקוקט, געוואַרט,
געוואַרט, געוואַרט ביז וואונדערלעך געוואָרן איז דאָס וואַרטעניש אַליין.
אין זאַפט פון אָט דער וואַרטעניש האָט שטאָם נישט אויסגעדאַרט,
זיך נישט צעקרישלט, נישט צעשטויבט און נישט געוואָרן דאָ קיין שטיין
פאַרהאַרטעוועטער אויך אפילו, ווען מען איז געוואָרן אָפּגענאַרט
פון די משיחים פאַלשע, און אויך נישט איין מאָל דאָך פון גאָט אַליין.

ווי יוגנטלעך און אויפגעלויכטן עס שפּאַנט איצט צווישן פאָלק דער אַלטער גאָט!
געמיינט, — ער איז שוין לאַנג נישט דער, וואָס געווען איז ער אין משהס צייט.
אַזוי פיל דורות שוין פאַרגאַנגען זינט זיין שטאַרקער אָרעם האָט
נישט אויסגעשטרעקט זיך און מיט דעם גרויסן כוח זיינעם נישט באַפרייט
דאָס פאָלק פון די באַצווינגער. געמיינט — פאַרמאַטערט שוין זיין טראָט,
און מער וועט ער זיך נישט באַווייזן שוין צום פאָלק פון ווייטער ווייט.

און זעט, — אָט איז ער ווידער צווישן דעם, — אַפנים, אַז די שווערע פּיין
האָט דאָך דערגרייכט צו אים און אָ ברי געטאָן אים אויף זיין טראָן.
אַפנים, אַז דער איבערפילטער טרערן־בעכער האָט זיך אויף זיין שיין
אָ שפּריץ געטאָן, און אים געוואָרנט, אַז דער לעצטער איז דער קאָן,
אַז אויב נישט איצט, און אויב נישט גלייך, וועט מער שוין דאָך נישט זיין
אויף וועמען צאָרענען אפילו, און ער האָט ענדלעך זיך אַ ריר געטאָן.

זע, זע, — דאָס פאָלק, וואָס איז געשטאַנען שוין ביים ראַנד פון תהום
איז ווידער אויפן ברייטן וועג מיט צעשפּאַנטע זיגנענדיקע טריט!
געבענטשט זאָל זיין דער עקשנותדיקער דורותדיקער שטאָם פון בוים, —
דער ווינט האָט בלעטער פון די צווייגן אָפּגעריסן, אָבער שטאָם האָט זיך פאַרהיט,
און נייע בלעטער אויף די צווייגן אויפגעבליט, און אויפגעגרינט צום רוים,
און איצט? — הערט, הערט, — עס עכאָן אין דער לופט די טריט פון דעם באַנייטן ייד!

ז ה   ה י ו ם

אין טאָג פון דער פּראָקלאַמאַציע
סאַנטאָס, בראַזיל

בשורה אויפגעלויכטענע האָט אַ בלענד געטאָן היינט איבער מיינע שווערע וועגן,
און דאָס האַרץ אַן אויפגעציטערטס האָט אַ יאָג געטאָן זיך צו דעם בלענד אַנטקעגן.

מזל־טוב, אָ, מזל־טוב אונדז יידן, מזל־טוב אייך פעלקער, אַלע, אַלע, —
מיט אַזאַ צעהעלטע בשורה ווערט דאָך היינט די גאַנצע ערד נתעלה!

נישט געריכט זיך, אַז נאָך אַט דעם גרויסן חורבן וועט אַ „נחמו עמי״ זיך צעוויגן, —
אַט, אפנים, אַז דער רשעות איז דאָך נישט געלונגען די גערעכטיקייט באַזיגן.

מזמור שיר ליום השבת, — זע, ווי שבתדיק איז פּלוצלינג אַרום אונדז געוואָרן, —
אַזאַ ליכטיקייט, ווי עס וואָלטן זיך צונויפגעגאָסן אַלע זוניקע קאַיאָרן.

זעט נאָר, סאַראַ ליכטיקייט, — עס זשמורען אַזש זיך דיינע אויגן!
גאַנצער האָריזאָנט איז דאָך איצט אַ שפּילעוודיקער רעגנבויגן!

זה היום, — דאָס איז דער טאָג דערהויבענער אויף די פליגל פון אַ גרויסער זכיה, —
מזמור שיר צו אונדזער חלום דורך די דורות, וואָס איז צו דער וואָר איצט אין עליה.

ווארל איז אונדז פאַר דעם גרויסן כוח אונדזערן אַנטקעגן אַלע ביטערע נסיונות, —
מזמור שיר ליום הזה, וואָס פאַרגיטיקט היינט דאָ אונדזערע בזיונות.

וואויל איז אונדז, וואָס מיר האָבן אונדזער האָפענונג אין זיך דערהאַלטן, —
זה היום, איז ווי דער טאָג, ווען משה האָט פאַר אונדז דעם ים געשפּאַלטן.

דעמאָלט דורך די הייסע מדבר־זאַמדן פון די בייטשן אין דעם לאַנד מצרים,
איצט דורך אַלע וועגן איבער ערד, דער גאָרער, איז לחיים אַלעמען, לחיים!

דעמאָלט אויפן וועג אין אַ פאָלק זיך אויסצושמידן, איצט שוין אויסגעשמידטע,
און געשטאַלטע צווישן האַמערס און קאָוואַדלעס, און אין אַלע אויוונס דורכגעגליטע.

זה היום, — דאָס איז דער גרויסער טאָג, געגאַרטער דורך אַזוי פיל דורות, —
אָטעם אונדזערער גייט אויף היינט צו די ווייטן און די הויכן מיטן ריח פון קטורת.

דער קטורת איז צו די קדושים וטהורים אין די פלאַמען פון דער רשעות און רציחה, —
ווי און ווינד, — זיי דיענען דאָך, ווי מיר, געגאַנגען, און זיי קריגן נישט דעם שכר הליכה.

אָבער נישט געוויינט, געקלאָגט,—זה היום שכולו שבת, און אום שבת ווען מיר ניט קלאָגן—
זעט, אַ שווער געפעק איז דאָ, קומט לאָמיר אַלע דאָ אינאיינעם דאָס דערטראָגן.

אויפגעזאַמלט אַזאַ האָב און גוטס דורך אַזוי פיל דורות איבער אַלע וועגן,
קערן מיר זיך איצט אַהיים נישט ווי די קבצנים און דלפנים אָן פאַרמעגן.

זאָלן הערצער אונדזערע היינט פלאַטערן, ווי פאָנען, אַט דעם טאָג לכבוד, —
האָבן מיר דאָך אין די תפוצות נישט פאַרגעסן אונדזער מזמור שיר לדוד.

דוד, אונדזער פאַסטוך, אונדזער מלך, דוד, אונדזער זיגער, און באַזינגער,
מזל טוב דיר, דוד! מזל טוב! זאָל דער וועג אַהיים אונדז זיין אַ גרינגער.

זה היום, — וואויל איז אונדז צו ברענגען פון די וועגן אַ פאַרטאָפּלטע ירושה, —
איז דאָך אונדזער האָב און גוטס אָנגעלאָדן מיט אַזוי פיל ריינקייט און קדושה.

פאַרביקייט פון שפעטער מיט קאַלירקייט פון פריער וועלן אַ געוועב פאַרוועבן,
און מיט ניי־באַנייטער שפע וועט אַ שלאָג־טאָן און אַ זינג־טאָן אונדזער לעבן.

זה היום, — דאָס איז דער טאָג, וואָס זינגט אויף יעדן אָרט, וואו נאָר אַ ייד איז
אַ געזאַנג צעיובלטס און דערהויבנס, וואָס איז מער שוין נישט קיין ברומען ביחידות.

מזמור שיר בציבור צו דער אויפגעלויכטענער און ניי־באַנייטער גרויסער ליבע
אין דער היימישקייט פון שוועסטער, ברידער אין אַ ליכטיקער מסיבה.

נישט קיין אויבן, נישט קיין אונטן, נישט קיין הויכקייט, נישט קיין נידער,
נאָר אַ היים, אַ היימישע, פאַר אַלע, אַלע שוועסטער, ברידער.

נישט קיין מקדש פאַר כוהנים ביי מזבחות, ווייסט דער גוטער יאָר פאַר וועמען,
נאָר אַ מקדש פאַר דעם פאָלק, וואו איינער וועט דעם צווייטן נישט פאַרשעמען.

הער, דאָס הארץ איז אָנגעפילט מיט אויפגעלויכטענעם געזאַנג פון הלל, —
קיינער, קיינער איז דעם שבת־יום־טוב אונדזער גרויסן, היינט דאָ נישט מחלל.

הלל, הללויה, טראָגט זיך פון די הערצער אונדזערע דאָ היינט דערהויבן, —
זה היום, וואָס צאָלט אונדז אָפּ דעם שכר פאַר אונדזער דורותדיקן גלויבן.

זה היום, הערט, הערט, עס טראָגט זיך איבער אונדז די ברכה: „ברוך אתה אשר גאל“,
און עס ענטפערט אָפּ דער גאַנצער רוים: — מזל־טוב, און שלום על ישראל!

אייביק פאָלק

לזכרון דעם קאָמפּאָזיטאָר
לעאָ קאָפּף

אין אונדזער גראַבלען זיך אַרויף פון טיפן, חושכדיקן נידער,
גייט מיט עקשנותדיק די פרייד, און שאָלט אַריבער
דעם צער אין אונדז,
די פּיין אין אונדז, —
דעם ווייטיק און בזיון.
עס איז אַזאַ גוואַלטיקער נסיון
בײַצושטיין דעם טרויער, וואָס צאַפּלט זיך אין אונדזער יעדן אבר,
און נישט אַ פאַל צו טאָן אויף אונדזער מאַסן־קבר
אין אָט דער גרויזאַם־מוראדיקער שעה.
אָט דאָ,
דאָך זינגען מיר,
און אַלע וועלטן דאָ פאַרקלינגען מיר, —
הללויה, הללויה, —
מיר זיינען דאָ!
נאָך דאָ!
נאָך דאָ!

ב.

פון גאַז און פלאַם און זשאַר,
מיר גייען אויף מיט אונדזער צער,
מיט אונדזער פּיין,
און לייטערן זיך אין שיין
פון זכיה
צו עליה!

ג.

ווי היימיש און פריידיק עס קלינגט צו דעם אויער
דער קלאַנג פונעם שליסל ביים אייגענעם טויער
פון אויסגעבענקטער שוועל.

אַזאַ העל,
און וואַרעם ליד
גײט אויף צעגליט
פונעם בלוט
להכעיס דער רוט
אויף אונדזער געביין,
להכעיס די סאַמיקע צײַן,
וואָס האָבן סימנים געלאָזן אויף אונדזער זײַן.
זינג, זינג צו דער לויטערער שײַן
להכעיס דער פּײַן, —
שוין לאַנג, אַזוי לאַנג, לאַנג
נישט געהערט קיין פרײדיק געזאַנג!

ד.

הללויה, הללויה!
מיר זײַנען דאָ!
נאָך דאָ!
נאָך דאָ!
זעט, זעט, — מיר גײען דורך פײַער און רויכן
אַרויף צו די הויכן
שוין ווידער
מיט לידער
להכעיס די וואונדן, וואָס זײַנען נאָך אָפן.
מיר זײַנען די ציקעלעך, וואָס זײַנען פון שונא געלאָפן,
און דאַך אויף זײַן קבר צו שפּאַנען באַוויזן.
מיר זײַנען די ריזן,
וואָס לעקן די אײגענע וואונדן און גײען אַלץ ווײַטער.
מיר זײַנען דער צעלויכטענער שײַטער
אויף נאַכטיקע וועגן
דעם ליכטיקן מאָרגן אַנטקעגן!

ה.

הללויה, הללויה, —
מיר זײַנען דאָ!
נאָך דאָ,
נאָך דאָ
מיט אונדזער געזאַנג

איינעם גאַנג
צום פּאַראַדיס!
און רייסט זיך אַ ווינט מיט געברויז
אַ ווילדער ווירוואַר
געטריבן פון פּיין און פון צער,
פאַרזינג אים!
פאַרקלינג אים!
און גייט אויף אַ ווי אין געמיט,
וואָס ברענט אונדז און בריט,
פאַרזינג אים!
פאַרקלינג אים!
און קומט אָן אַ שטורעם פון וועג
און זאָגט אָן דעם סוף פון די טעג,
פאַרזינג אים!
פאַרקלינג אים!
די וועלט טוט זיך אָן
אין מלבושים פון סאַטן־דע־ליאָן
לכבוד דעם שבת־שבתון.
מיר זינגען: קול חתן,
קול כלה,
און ווערן נתעלה
אין אונדזער פּיין.
זעט, זעט, אַט רייפט זיך דער וויין
פון אייגענע טרויבן.
מיר מאַכן אַ ברכה אין לויטערן גלויבן
אויף אייגענע מאַראַנצן,
וואָס גלאַנצן,
ווי גאָלד אין די העלע קאַיאָרן.
דאָס ליכט אין דער מדבר אויפן דאָרן,
וואָס האָט פאַר משהן געשיינט
צעשיינט איז אויך היינט, —
הללויה, הללויה, —
מיר זיינען דאָ,
נאָך דאָ!
נאָך דאָ!

ז. ווייַנפּער

דאָס פּלעמל פונעם לעמפּל אונדזערן

דאָס פּלעמל אינעם לעמפּל אונדזערס ציט פון קנויט די לעצטע טראָפּנס,
און הערט נישט אויף מיט אַלע כוחות אירע צו שייַנען און צו גליִען.
ווי האַרט עס איז אונדז אַלעמען דער נאַכטיקער צוקאָפּנס,
און אונדזער קאַיאַר איז אויך נישט צו שטיין און קוקן, ווי די פייגל פליִען,
איז דאָך אַזוי פיל ליבשאַפט דאָ צו יעדערן געבליבענעם
אין אונדזערע צעבראָכענע געמיטער.

די אותיות געדיכטע אין דיין בריוול אָנגעשריבענעם,
צו מיר זייַנען ווי ווינקלדיקע שטערן נאָך אַ שווער געוויטער,
וואָס באַלייכטן דאָס געשטאַלט פון אונדזער גואל.
— נו, יאָ, אַוודאי, — דער טאַטע יצחק מאיר אשרס
האָט אין דער גרוויליקער בהלה געהיט דעם שטעטלדיקן צדיקס אוהל,
און אָפּגעגעבן דעם רוצחס האַנט דאָס לעבן זייַנס דאָס כשרס
ביים זייט פון זיין פאַרהייליקטער מצבה.
ווי גוט, וואָס זייַנע קינדער זייַנען כאָטש נאָך דאָ פאַראַנען, —
דער רירעוודיקער יאָסל און די קוטשעראַווע שבע,
וואָס האָבן זיך געראַטעוועט אין וואַלד איין קרייז פון פאַרטיזאַנען.
דער טאַטע ביי דעם צדיקס אוהל מיט די תפילות זייַנע צו דעם הימל,
און קינדער זייַנע אינעם סאַסנע וועלדל מיט גראַנאַטן.

ווי אַנדערש איז געווען ביי זיי די וואָפן, און דאָך, ווי אלף־בית און גימל
צונויפגעקייטלטע די קינדער מיט דעם טאַטן,
איז דען אַ חידוש, וואָס אין אופן פונעם טאַטנס פּטירה
האָט פאַר די קינדער זייַנע זיך צעבלענדט אַ רמז?
דער רירעוודיקער יאָסל איז אין נגב איצט אויף שמירה,
און שבע אינעם קיבוץ מעלקט בהמות.
און כאָטש נאָך כמאַרעדיק איז איצט, וועט אונדזער שטערן זיך צעבליִען,
דאָס פּלעמל פונעם לעמפּל אונדזערן וועט ציִען, ציִען, —
עס האָט אַמאָל ביי אונדז שוין אָט אַזוינס געטראָפן.
אין מזרח און אין מערב, אין דרום און אין צפון, —
אויף וועגן אָפענע און אין חושכדיקע היילן, —
עס איז דאָך דאָ אַזוי פיל צו דערציילן!

כל דור ודור מיט זיין שיר־חדש

דער שאָטן מורמלט אויס זיין שאָטנדיקייט אָפּטמאָל אַזוי בילדעריש, מעלאָדיש.
עס טרעפט, אַז אויך אַזאַ, ווי דו, נעמסט אויף. עס דאַכט זיך דיר — אַ שיר־חדש
טויכט אויף אין דיר מיט ווערטער צאַפּלדיקע, שטילע.
אַ רגע, דאַכט זיך דיר — אַ תּפילה
אַזוינע ביחידות
דאָס שטילע, שאָטנדיקע ליד איז,
וואָס גייט איצט אויף אין דיר אין שעה דער שווערער,
און פילסט שוין נישט, ווי ביסט מתפּלל מער און מערער
צו בלייבן אַט אַזוי, ווי ער, מיט זיך, אין זיך, אַליין.

דעם שאָטן אָבער איז אַפּנים ווייניק
דער חושך, וואָס ער האָט געבראַכט צו דיר אין זיינע פּאַלעס.
ער וויל אויך קללות
אויף יעדן ביסל ליכט, וואָס איז נאָך נישט פאַרלאָשן.
ער שפּרייט זיך איבער דיר. הער, הער, — דיין לשון
איז פּלוצלינג זיך מתיחד
מיט גרוילנדיקן פּחד,
און ציטערט אויף פון שווער געוויטער.
די ווערטער דיינע ווערן — דינע, מוזיקאַלישע,
פאַרשלייערטע, וואוואַלישע,
ווי שיינע, יונגענקע אַלמנות אין זייער טרויער,
וואָס מורמלען שטיל פאַר זיך דעם ווייטיק פון דער וואונד, דער רויער,
אויף זייערע געמיטער.

געבענטשט זאָל זיין מיין לאָמפּ דער אָנגעצונדענער, וואָס שיינט אַזאַ צעגליטער!
זע, זע, אַט שיינט ער אויף און רייסט שוין פונעם שאָטן זיינע גלידער,
און פּלוצלינג הער, — קאָנוואולסנדיקע ווערן זיינע לידער,
וואָס האָבן ערשט געקלונגען איינער פון דער צווייטע שענער.
איז וואָס־זשע איז געוואָרן פון די טענער, —
מעלאָדישע און מוזיקאַלישע?

ז. ווײַנפּער

צעדריבלט ווערן פּאַר דײַן אויג די שלײערן, וואוּאַלישע,
און וואָס געדאַכט האָט זיך — אימאַזשן
איז גאָר אַ וועלט, אַ וואונדיקע, וואָס דאַרף באַנדאַזשן,
און ווערטער אויפגעהייטערטע.

אַ, זײַט געבענטשט, איר ווערטער, העל־צעשײַטערטע
אין מיר איצט, זישע הקטן!
פֿון אײער שײַן אַנטלויפֿט פֿון מיר דער שאָטן,
און איך בין אין כסדרדיקער, ליכטיקער עליה.
הערט, הערט, עס זינגט אין מיר אַזאַ צעלויכטענע די זכיה,
וואָס, ווי דער שחרית מײַנער איז געווען בציבור,
איז אויך מײַן מנחה־מעריב־תפילה נישט אַריבער
צו ביחידות.
מײַן ליד איז
אויך הײַנט ביים זעלבן אויפגעשײַנטן עמוד.

איצט ווינטלט אַזאַ ווינט אַרום נר־תמיד,
נאָר אים להכעיס לעשן זיך נישט די מנורות.
עס איז דאָס ליכט פֿון דורות,
און הייליק איז אונדז די ירושה.
דאָס וואָרט געירשנטע נעמט אונדזערס אויף אין זיך אויך מיט קדושה,
און הערט, ווי אויפגעלויכטן, און דערהויבן,
עס זינגט בציבור אונדזער גלויבן:
— כל דור ודור מיט זײַן שיר־חדש, —
אויך אונדזער ליד, דאָס פּשוטע, איז קדוש, קדוש!

אַ גוטער פריינט

שלום שטערנפֿן

אַ, גוטער פֿריינט, — געבענטשט איז דער באַפֿליגלטער באַגריף,
וואָס קאָן אַ שוועב טאָן אין דער הויך און אַ טויך טאָן אין דער טיף,
און זיך צעלויכטן מיט זיין וואָרט
אויף יעדן אָרט,
אין יעדער צייט.
אָט האָסטו היינט באַגייט
מיין ליד,
כאָטש פֿריסיק בריט
די טריט
ביי אָט אַזעלכע, ווי דו און איך.

וואָס האָבן מיר אַזוינס אין זיך,
וואָס טראָגט אַזוי עקשנותדיק דעם עול?
צו שפּאַנען באַרג אַרויף פֿון טאָל
דורך בילנדיקע הינט,
אוןווירבלדיקן ווינט
איז גורל אונדזערער, און דאָך
נישט שווער איז אונדז דער יאָך
אין גאַנג.
עס איז ווייל דאָס געזאַנג
אין דיר,
אין מיר,
איז אָנגעפֿילט מיט שיין,
די פּיין?
דער צער?
דער ברויזיקער ווירוואַר?
נו, יאָ, נו, יאָ, —
די שוואַרצע, קראַקענדיקע קראָ, —
זי שעלט און שעלט,
נאָר אונדזער וועלט,
האָט אויך די פּאַווע, וואָס ברענגט אַ גרוס אונדז פֿון
דער אומבאַפֿלעקטער זון.

ז. ווײנפּער

אַ גוטער פֿרײַנט,
מײַן זון איז הײַנט צעשײַנט!
די װײַסע, שלומדיקע טויב, —
זי װאָרקעט בײַ מײַן שויב
דאָס ליד פֿון ליבשאַפֿט און פֿון רו,
און אַט אַזעלכע, װי איך און דו
פֿאַרדײַען דאָך איר װאָרקע איבער װײַס פּאַפּיר.
נישט גאָלדיק — דער קאָליר
פֿון טינט,
דאָך שלאָגט פֿון אים מיט בלענד אין לאַבירינט
פֿון אוניװערז.

הײַנט האָט אַ נײַער פֿערז
געטאָן זיך אַ צעהעל,
און אויף מײַן שװעל
האָט זיך פֿאַרשפּרייט
אַזוי פֿיל פֿרייד,
אַזוי פֿיל רו,
װאָס אַט אַזאַ, װי דו,
ביסט װאָר
אין אונדזער דור.

ששים שנה

א געבורטס־טאָג היינט ביי מיר.
זעט, מיט וויפל פרייד איך טו מיין טיר
דאָ היינט פאַר יעדן אָ צעעפן.
פשוט וואַסער איז היינט יין־גפן,
און מיין ברויט — מטעמים.

לויב צו איך, מיינע ליכטיקע גראַמען
אויף מיין טייערן און אייגענעם ייִדיש!
ווען נחת, איז אויף קידוש
היינט געלאַדן אין מיין הויז.

מיין ווייב איז היינט אַ בליענדיקע רויז,
מיין טאָכטער — אַ שטראַל,
און זינגענדיק, ווי דער נאַכטיגאַל.

— יום הששי, — נישט ששי, נאָר ששים שנה,
און אין מיין ליד די זעלבע לויטערע כוונה,
און אַלץ די זעלבע ליכטיקע שליחות.

ייִדיש וואָרט — דער גרויסער יחוס
דורך אַזוי פיל דורות.
שייניקע מנורות
בלענדן, בלענדן
מיט לעגענדן
אונדזערע ביי יעדן טויער.

אויך דער טרויער
פון די וועגן

ז. וויינבער

איז פאַרמעגן
אינעם שייער,
וואָס איז טייער,
און איז פול מיט זויבערער קדושה
פון דער לויטערער, הערצאישער ירושה,
וואָס דערהאַלט אונדז אינעם גאַנג צום מאָרגן.

וואָרט מיינס — נישט פאַרשלייערט, נישט פאַרבאָרגן, —
נישט קיין לאַמעד־וואָווניק אויף די וועגן!
מענטש, אַ פשוטער, גיי איך אומעטום אַנטקעגן
יעדן מענטש מיט דער לויטערסטער כוונה.

אַזאַ הערלעכע מתנה
האָט דאָס לעבן
מיר געגעבן, —
מיינע זינגענדיקע לידער
אין די מיילער פון אַזוי פיל שוועסטער, ברידער!

גוט, וואָס חלום איז אונדז נישט פאַרבאָטן

ז י ט אָ ן.

גוט, וואָס חלום איז אונדז נישט פאַרבאָטן.
חלום הויבט אונדז אויף איבער שטעכעדיקע דראָטן,
און ער טראָגט אונדז איבער שטורעמדיקע ימען,
שפּיציקדיקסטע צאָמען,
דערנערדיקע פעלדער,
ברענענדיקע וועלדער,
און ישובים אין געקנוילטע רויכן.
חלום טראָגט אונדז צו די הויכן,
צו די וויטן, —
צו אַ לעבן אַ באַניייטן,
וואו
רו
און
זון
צערטלען דאָס געמיט.
שטילער, שטילער, — אַזאַ אויסגעלייטערט ליד
זינגט אין מיר
איצט צו דיר
פון
זון
און
רו.
— אַליע־ליו־ליו־ליו, —
הער, מיין ליבע, ווי עס ציען זיך די טענער
איינער פון דעם צווייטן שענער,
און זיי שוועבן,
ווי די זיידענע געוועבן
פאַרביקע, קאָלירטע, ווי דער רעגנבויגן
פאַר די אויגן,
און זיי גיסן זיך צונויף אין האַרמאָנישדיקן שלום, —
גוט, וואָס נישט פאַרבאָטן איז דער חלום.

טאָכטער מײַנע

דאָס בלאָנד, װאָס איז געװען אויף מיר
איז הײַנט אויף דיר,
טאָכטער מײַנע.

איז ליב און אײגן אָט דער בלענדיקער קאָליר,
װאָס איז אויף דיר,
טאָכטער מײַנע.

און נישט קײן װאונדער, װאָס דײַן יעדער קער און ריר,
איז ליד אין מיר,
טאָכטער מײַנע.

אָט זינגט דאָך יעדער אבר איצט אין מיר
אַ ליד צו דיר,
טאָכטער מײַנע.

און אַז דו הערסט דאָס אויס, צעעפנט זיך די טיר
פון דיר צו מיר,
טאָכטער מײַנע.

פאַר װעמען גאָלד און זילבער, און איך בין אַ גביר
מיט דיר, מיט דיר,
טאָכטער מײַנע.

ביי מיינע זעכציק

די וועלט איז שרעקנדיק און קרעכציק,
און איך ביי מיינע זעכציק
זאָג דער וועלט אַזוי צו זאָגן:
נישט גרינג איז דיר צו טראָגן
דעם עול אויף דיינע פּלייצעס,
און זיין געקערעוועט פון לייצעס
איז אַוודאי אַ נסיון,
און אַ בזיון,
נאָר האָסטו דען אַן אַנדער עצה?
אָט ביסטו דאָך אַליין די לייצע,
וואָס קערעוועט דיך אויף דיין וועג
דורך דיינע נעכט און טעג
אַהין, אַהין.
אַז וואויל איז דיר, וואָס ווייסט וואוהין,
און ווייסט נאָך וואָס.
אָן דעם וואָלסטו געווען אַ בלאָז,
אַ ווינט, —
בלינד,
טויב,
שטויב.

ז. וויינפער

פרייד צו דער וועלט

פרייד צו דער וועלט
איז אין מיין הארץ.
העל און צעהעלט
ווערט אויך דאס שווארץ.
קול אין דער לופט
בשורה זאגט אן,
רוף איז צערופט, —
פלאטערט, ווי פאן.
גאלדענער זוים
ביים האריזאנט.
קול אינעם רוים
מאנט און דערמאנט.
זע, ביי דער שוועל
איז שוין די שעה,
און אזוי העל
ווערט שוין אט דא.
שעה אט אזא,
זכיה איז זי!
שטיל זיי, זיי שא,
טרייסט איז שוין הי.
חלום צי וואר
איבער דער בריק, —
אלצדינג ווערט קלאר
איצט פארן בליק.

ב.

פרייד צו דער וועלט
איז אין מיין קול, —

באַרג נישט פאַרשטעלט
מער שוין דעם טאָל.
פויגל אין פלי,
מענטש איז אין גאַנג, —
אַלצדינג אין בלי,
אַלצדינג געזאַנג.
אָדלער און טויב,
קראָ און קאַרשון,
אַלצדינג איז לויב, —
ליד צו דער זון.

ג.

טויט איז נישט טויט,
איבערבייט בלויז.
היינט ביסטו קרויט,
מאָרגן אַ רויז.

שלאַנג אויפן בויך,
מענטש מיט זיין טראָט, —
נידער און הויך, —
אַלצדינג אחד!

היינט ביסטו גאַנג,
מאָרגן — שפּאַציר, —
אַט אַ געזאַנג,
באַלד אַ קאָליר.

זינג מיין געמיט
פרייד צו דער וועלט, —
און זאָל דיין ליד
העל זיין צעהעלט.

ד.

טרעפט — אַ קאַשמאַר, —
מאָלע, וואָס טרעפט!

ז. וו י י נ פ ע ר

אַז מיטן צער
ווערט מען באַהעפּט,
דאַכט זיך שוין אויס
אַלצדינג איז הויל.
ברויזיקער ברויז,
גרויליקער גרויל,
און ווי דאָס איז
קאַלט ווערט דיין האַרץ.
זעסט אינעם ווייס
אויך שוין נאָר שוואַרץ.
טרעפט זיך אַמאָל, —
מאַלע, וואָס טרעפט.
אַלצדינג אַן עול,
און ביסט געפּלעפּט.
דרויסן איז נאַס,
רעגן און ווינט, —
פרעמד דיר די גאַס,
טויט איז זי, בלינד.
קראַ אויפן דאַך,
שלאַנג ביי דער טיר,
דונער־קראַך, — קראַך!
שרעק איז אין דיר.
ברו, און ברו־ברו, —
פע, ס'אַרא וועלט!
האָסט נישט קיין רו
אויך אין געצעלט.
גריל הינטער לייסט,
מויז אויפן דיל,
האַרץ אין דיר רייסט,
ווייסט נישט וואָס וויל.
אייגנס דיר פרעמד,
נאָענטס דיר ווייט,
שווער דיר דיין העמד,
קול אין דיר שרייט.

ה.

טרעפט זיך אַמאָל,
מאָלע, וואָס טרעפט!
פלוצלינג אַ קול
קומט און באַהעפט
ווייך זיך מיט דיר,
און אַזוי העל
ווערט ביי דיין טיר,
און ביי דיין שוועל.

ו.

— גרוס צו דיר, פריינט,
הערסטו אַ זאָג,
און עס צעשיינט
נאַכט זיך, ווי טאָג.
נס איז געשען,
נאַכט איז אַוועק.
מענטש האָט דערזען
מענטש אויפן וועג
און זיך צעהעלט,
און זיך צעשיינט, —
פרייד צו דער וועלט
זינגט ער שוין היינט.

ז.

— גרוס צו דיר, מענטש,
ווער זאָלסט נישט זיין!
גיי אויף און בענטש
זון מיט איר שיין.
העלער קאַיאָר
שפילט אויף דער שויב.
זע נאָר, — אין כאָר, —
קראָ און די טויב.

ח.

סאַראַ געזאַנג, —
לויטער און ריין!
מענטש נאָך אין גאַנג,
מענטש װעט דערגיין!
דער איז אַזאַ,
אַנדערשט ביסטו, —
קראַ מיט איר קראַ,
טויב מיט איר קרו,
לייב מיט זיין ברילּ,
שאָף מיט איר מע, —
שטילער, זיי שטיל,
הער און דערזע!

אַלצדינג — געזאַנג
אין דעם אײן־סוף.
גיי דיר דיין גאַנג,
גיי דיר און האָף.
הימל און ערד,
שלום צו אייך, —
ים נישט פאַרצערט
פליסיקן טייך,
װאַלד נישט פאַרשטעלט
איינציקן בוים, —
פרייד צו דער װעלט
איז אינעם רוים.

קלמן מרמר

לא אלמן

נר־תמיד, —
ר׳ קלמן
ביים עמוד.

מיט תפילה
פאַר אַלע, —
קהילה
נתעלה.

זיין סידור
איז תוכן
פון נידער
צו הויכן.

קדושה
צעגליט ער,
ירושה
באַהיט ער.

ירושה
האָט יורש, —
קדושה
מפורש.

פאַרבאַרגנס
אַנטפּלעקט ער,
פרימאָרגנס
צעוועקט ער.

ז. וויינבערג

און מענטשן
דערהויבן
זיך בענטשן,
און גלויבן

דעם וועקער
אין ריינקייט,
אַנטפּלעקער
פון שיינקייט.

לעגענדן
זיך וועבן,
און בלענדן
דאָס לעבן.

מיט יחוס
געלייטערט,
שליחות
צעשייטערט.

צו הויכן,
צו וויטן
מיט תוכן
באַנייטן.

לא אלמן
דער וועג איז, —
ר׳ קלמן
פאַרמעג איז!

דאָס ליד פון פיניעס האַרבסט

נישט גרינג, נישט גרינג איז איצט אָודאי אונדזער זינגענדיקן פּיניען.
צו זינגען גלאַט אַזוי געזאַנג איז איצט פאַר אים נישט מער קיין ענין.
דער האַרבסט איז נישט קיין פרילינג, וואָס שוועבט אויף רוקנס פון חלומות
און ווערט צעגליט פון שיינקייטן אין אַלערליי מקומות,
און אויך קיין זומער איז ער נישט, וואָס זינגט געזאַנגען
פון שפע איבער פעלדער אויפגעגאַנגען,
וואָס גלעט דאָס אויג און פילט מיט רייפקייט אָן די גלידער.
דער האַרבסט זיצט אויף דער שוועל אַ מידער
און וואַרט אַ רעזיגנירטער אויפן אָנקום פונעם ווינטער,
ווען טרייסטן וועט מען זיך מיט דעם, וואָס איז אַהינטער,
מיט וואָרט, וואָס איז שוין דעמאָלט מער נישט, ווי דער יחוס
פון שווערער אָפּגעטאַנענער שליחות
פאַר ליכט אין גרעַנגל מיטן שאָטן.

די ערד? — אַ שטיק צעווירן טייג, וואָס איז נאָך נישט פאַרקנאָטן,
און קאָנסט פון איר נישט באַקן נאָך קיין שבת, יום־טובדיקע טאָרטן.
דער דאָ, — ער יאָגט זיך צו דעם דאָרטן,
און קומט צוריק דערשלאָגן.
דער חכם שווייגט, און שוטה מאַכט געוואַלדן: — נישט כדאי געווען זיך יאָגן.
נאָר דער קאַיאָר איז איינגעשפּאַרט, ער הערט נישט אויף זיך צו קאַיאָרן,
און פּרואווט זיין גאָלדן ליכט אפילו אין דער מדבר אויס אויף דאָרן,
און אויפן שפּין, וואָס איז פאַרוועבט אין זיין געדיכטער פּאַוועטיניע.

אין אָוונט־שעהען איז אַזאַ פאַרטראַכטער, אונדזער פּיניע.
ער זעט די כמאַרעס די געדיכטע, ער הערט זיך צו צו זייער דראָען,
וואָס מישן זיך מיט קראַקענדיקע קללות פון די קראָען,
און אַזאַ פחד נעמט אַרום דאָס האַרץ פון אונדזער פּיניען.
זיין שחרית האָט ער דאָך געדאַווענט שטענדיק מיט אַ מנין,
זאָל מנחה זיינע ווערן איצט אַ תפילה ביחידות?
ער פּרואווט זיין קול און אַזאַ טרייסט איז אים, וואָס זיין ליד איז
נאָך אָנגעפילט מיט בלענד און מיט גבורה.
זיין פען צעטענצלט זיך, און אָט האָט ער אַ נייע שורה,

וואָס בלענדט אויף ווי אַ שטורקאַץ פון אַ טורעם.
נאָר פלוצלינג טוט דער חושך זיך אַ וואָרף אויף אים מיט שטורעם,
און שטורקאַץ טונקלט זיך, און שווער איז אים צו זינגען אין דער פינצטער.
אין פרילינג און אין זומער זיינעם פלעגט דער טאָן, דער שטילסטער און דער דינסטער
זיך דורכנאָדלען דורך אים, ווי דורך אַ וויכן זייד־געוועב, אַ נאָדל.
נאָר אין דער טונקלייקייט דער איצטיקער, דערמאָנט ער זיך, ווי ליב זיין גוטע האָדל
פלעגט ברייט צעעפענען די שיינענדיקע אויגן,
ווי ביי אַ קינד, וואָס קוקט אויף די קאָלירן פון אַ רעגנבויגן,
ווען ווייס פּאַפּיר אויף טישל זיינעם אַ באַפינטלטס איז געוואָרן.
די שוואַרצסטע נאַכט פלעגט אָנהויבן קאַיאָרן
מיט גאָלדנקייט פון זון, ווען זי פלעגט זיינס אַ ליד דערהערן.

— די שאָף לאָזט מער פון זיך די וואָל נישט שערן,
און שערער איז געבענטשט מיט ברכה
פון גאָר אַן אַנדער מין מלאכה.
דער לייב טראָגט קינד זיינס צו דער מאַמעס שויס אין ליבשאַפט אויפן רוקן.
זע, זע, די בייזע וועלף הכנעהדיק זיך בוקן
פאַר שטילער גוטסקייט אין די לעמער.
די קי צעטראָגן פאַר די קליינע קינדער מילך אין עמער,
און דאַרף מען מער, איז דאָ גענוג נאָך אין די הייטערס.
אין אָונט־שעהען טאַנצט אַ גלעטנדיקער ווינט מיט מענטשן ביי צעגליטע שייטערס,
און הער נאָר, הער, די טויב, די ווייסע
דערציילט די היגער, קאַטשקעס, גענדז און אינדיקעס אַ מעשה,
אַז חלה־מעסער איז געוואָרן פונעם חלף.
די ציג גייט יעדן טאָג אין חדר, און ווייסט שוין וואָס עס מיינט אַן אַלעף,
דער טיגער האַלט שוין ביי דעם בית, דער לעמפּערט ביי דעם גימל.
אַ לויטערער, און אַ באַזונטער הימל
קוקט מילד אַרונטער צו געוויקסן אינעם גאָרטן און די פּרוכטן אויף דיביימער.
די וועלט אַן אָפענע, נישטאָ קיין גרענעץ מיט קיין שומר,
און גאָט איז היימיש אויף דער ערד מיט אַלע מענטשן, —
וואו צווי, איז ער אַ דריטער אַ מזומן בענטשן.

ביי אָט אַזוינע שורות פלעגט זי אויף די פליגל פון אַ חלום שוועבן,
און אַזוי גרינג איז געווען דאָס לעבן,
נו, יאָ, געווען איז דאָך דער פרילינג דעמאָלט.
דאָס יונגע האַרץ האָט העל און בלענדנדיק געפלעמלט.

און אַזוי גרינג און אַזוי חלומדיק האָט זיך געזונגען.
אפילו ווען די גלעקער האָבן ברייט און ווייט צעקלונגען
דעם שנאַהדיקן בריל פון דעם און יענעם,
און האָבן אויפגעבלאָזן העלישער דאָס פייער פון גיהינום
מיט שווערן אָטעם זייערן, וואָס איז געווען ווי ווינט פון צפון,
איז ער פון לעבן נישט אַנטלאָפן,
ווי יענע דאָרטן אונטער דעכל פון אַ בוידעם־שטיבל.
נו, יאָ, געווען אַמאָל אין האַרצן אַ פּאַראַיבל,
נאָר אָפּגעזונדערט קיינמאָל נישט געוואָרן.

אַפּנים, אַז אין האַרבסט איז ליכט שוין מידלעך פונעם דאָרן, —
אַ סימן? אָט בענקט איצט פּיניע נאָך אַביסל גראָז צעגרינטן!
נאָר אַז עס בלאָזן אומעטום אַזוינע קאַלטע ווינטן,
און כמאַרעס ציען זיך און ציען, — זיינען טאַקע שווער די שעהען.
אָט קראַקען איצט אַזוי פיל די קראָען,
און זיי פאַרליאַרעמען, פאַרטויבן
דאָס וואָרקען פון די טויבן,
אַז זיין וועט אונדזער וועלט נאָך אַ גן־עדן.

אַז פּיניע קוקט צוריק, דערזעט ער אויך אַמאָל זיין טאַטן און זיין זיידן.
דער טאַטע זיינער, — ר׳ יצחק לייב, דער שטילער האַרציקער בעל־תפילה.
ער שפּייזט זיין ווייב און קינדער מיט דעם אָרעם ברויט פון זיין קהילה,
און צאָלט דערפאַר מיט זיין געזאַנג ביים עמוד.
אָט זעט ער אים אַזאַ צעהעלטן אינעם שיין פון דעם נר־תמיד,
וואָס איז די שיין אויך פון דער גאַנצער עדה.
און אָט איז אויך זיין העל־צעהעלטער זיידע
רב הערשעלע, דער גרויסער למדן און דער גבאי, —
ער האָט געלעבט דאָך בלויז פאַר עולם־הבא,
און עולם־הזה איז געווען ביי אים נישט מער, ווי פּאָרעטיניע.

ווען זיי באַווייזן זיך, ווערט אַ צעהעלטער אונדזער פּיניע.
און אין צעהעלטקייט זיינער, איז ער זיך מיט זיי מתיחד.
אין אָט אַזוינע רגעס שלאָגט זיין פויסט דאָס פּנים פונעם פּחד,
זיין בליק צעהעלט זיך, ווי אַ שייטער,
זיין טראָט אין גאַנג אַלץ ווייטער.

אוּן האָרץ זיינס זינגט דעם חושך אויף להכעיס.
— געבענטשט זאָל זיין דאָס אויג, וואָס וואַך איז
אויך ווען דער חושך איז ווי פאַרהאַנג איבער דעם פאַרהאַנגען.
די זון פאַרגייט? נישט איין מאָל איז זי שוין פאַרגאַנגען,
אוּן קומט דאָך אויף צוריק, ווייל אייביק איז דער גאַנג פון די קאַיאָרן!

הערט, הערט, ווי פיניעס ליד ווערט אויפגעכאַפּט אויך איצט פון כאָרן,
ווייל ווען אפילו זיין געזאַנג גייט אויף אַמאָל פון אים אין סאָלאָ,
איז קיינמאָל נישט אין דעם דאָך קיין אל מלא!
נישטאָ דער פריילינג, און דער זומער אין אים מערער?
נו, יאָ, אַוודאי. באָר דאַנקען גאָט, עס איז זיין האַרבסט אויך נישט קיין לערער!

ווערטער זיינען די שליחים

וואָרף נישט אַזוי גרינג זיך גלאַט אַזוי אַרום מיט ווערטער.
נישט קיין פּילקעס אין דער לופט צו וואָרפן זיינען זיי.
ווערטער זיינען אָנגעלאָדענע מיט פאַרביקייט פון ערטער,
און שליחות איז אין זיי פון מענטשן אומעטום און אַלערליי.

ווי די ערטער און די מענטשן, זיינען ווערטער אויך פאַרשידן, —
איינס איז צו דעם אַנדערן נישט ענלעך און נישט גלייך.
אָט איז דיר אַזאַ יום־טובדיקס, — איז מיט זיך צופרידן, —
מוז אַוודאי קומען פון אַ שפּעדיקער קיניגרייך.

דעם דערביי אַ וואָכעדיקס שוין נעבעך, — אַ רחמנות,
זע נאָר, זע, ווי נאַקעט און ווי הויל דאָס איז, —
אָרט פון דעם מסתמא איז אין שטענדיקער סכנות,
קוקט אויס, ווי אַן אָפּגעסמטס פון אַ שלאַנגעגביס.

טרעפסט אַ וואָרט, וואָס אַראָגאַנט און חוצפּהדיק און ברויזיק,
און דערביי אַן אַנדערס אַזאַ ציטערדיקס פון שרעק,
אָדער גאָר אַזוינס, וואָס שפּאָט פון אַלעמען מיט חוזק,
און אַזוינס, וואָס בלאָנדזשעט ווי צעמישט אין וועג.

זע, אָט איז גאָר איינס, וואָס גווידערט זיך מיט יחוס,
ווייל פאַרמעג אין דעם איז פון אַמאָל, אַמאָל,
און אַן אַנדערס בויגט זיך אונטער משא פון שליחות,
וואָס דער באַרג צעהעלטער שיקט צום חושכדיקן טאָל.

ווערטער זיינען די שליחים איבער וועגן אַלע, אַלע, —
יאָגן זיך אַרום דורך אַלע נעכט און אַלע טעג, —
טרעפט אַמאָל אַזוינס, וואָס ווערט בתעלה,
און עס ווערט פאַר אַלעמען אַ גרויס פאַרמעג.

וואָרף־זשע נישט זיך אַזוי גרינג אַרום מיט ווערטער,
גיס זיי נישט פון מויל דיינס, ווי דאָס וואַסער פון אַ קוואַרט.
ווילסטו זיין אין אונדזער לעבן אַ דערהערטער,
הער זיך צו צום קול פון דיין גערעדטן וואָרט.

ז. ווײַנבער

פאַרוואָס? פאַרוואָן?

די פרייד פונעם אייגענעם אויסדריק לייזט זיך אויף, — זי דערפרייט נישט.
אפילו דער, וואָס דערהערט אונדז אַמאָל, באַנעמט נישט, פאַרשטייט נישט, —
גיי רוף און גיי שריי, אַז קול אונדזערס אין ערגעץ דערגייט נישט!

אַפּנים נישטאָ איז אַרום דאָ קיין איינער מיט אַ וואַכיקן וואַרעמען אויער
צו הערן, באַנעמען אָט דאָ אונדזער פרייד און אונדזער טרויער, —
די וועלט איז פאַר אונדז אַ פאַרריגלטער און פאַרשלאָסענער טויער.

מען גייט אונדז געאיילטע פאַרביי, און מען שפּאַנט אונדז אַריבער,
אַזוי ווי מיר וואָלטן געווען דאָ פּגרים אין אָפענע גריבער,
צי שדים און לצים אין פאַרוואַרלאָזטע, חרובע שטיבער.

און נישט נאָר די פרעמדע, נאָר אייגענע אויך דאָך אפילו
נישט פילן די זינד מער, איז צו וואָס און צו וועמען די תפילה,
אַז קיינער זאָגט נישט קיין סליחות, און קיינער בעט נישט קיין מחילה?

עס טרעפט, אַז עמעצער ווערט יאָ אַנגערירט, בלייבט ער שטיין אַ צעדולדטער, —
זעט, זעט, — אַ טרוימער אין אַ צעבויטעטן ים שווימט אום אין אַ מולטער,
און שלעפּט איבער זיך עפּעס, וואָס קיינער דאַרף נישט, אויפן שולטער!

אַן אַנדערער טוט אַן אויף זיין אויג דאָס גלאַנציק, באַזילבערט בינאָקל,
און קוקט אַ פאַרגאַפטער, — זע, זע, דאָס פאָלק פונעם חומש און תהילים און חוקל,
און קאַפּעלוש זיינער טוט זיך מאַניערלעך און פאַרחידושט אַ שאָקל.

זע, זע, אויך די וועלטלעכקייט איצטיקע, זאָגט ער פאַרגאַפּט און מיט חידוש!
און מורמלט דערביי, — גיי ווייס, אַז אַזויגס האָט באַוויזן אפילו אויך יידיש,
און שפּאַנט דאָך אַוועק ערגעץ אַנדערש אויף קידוש.

דאָס איבערבלייבעכטץ אונדזערס איז אויף מנינים צעטיילטע,
און יעדער מנין פאַר זיך איז אַ וואונד אַ צעיאַטערטע נישט קיין פאַרהיילטע, —
וויי, וויי, — אַ מעשה אַזאַ, און זי איז נאָך נישט קיין דערציילטע!

איז וואָס־זשע וועט זיין? אַ קראַנקער דער היינט, און אין נעפּל דער מאָרגן,
און ווער וועט דערלייזן, אַז אונדזער דערלייזער האָט דאָס פּנים פאַרבאָרגן, —
אַפּנים פון צער, וואָס אַזאַ שטראַליקער חלום ווערט דאָ דערוואָרגן.

פאַרוואָס? און פאַרווען? מיר זיינען אין אַלע פאַרוואָסן, פאַרווענען, —
מיר זיינען, מיר זיינען, נאָר וואָס קומט אונדז אַרויס, אַז מיר זיינען, —
נישטאָ אַזאַ שייטער, וואָס זאָל אונדז נישט בראָטן און ברענען!

דער רוח זאָל עס נעמען! — שוין צייט אפשר ווידער פאַרוואַרפן
אויף צווייגלעך פון ווערבעס אונדזערע פידלען און האַרפן,
און אונדזערע העלדזער אַ שטרעק טאָן צו די מעסערשע שאַרפן.

געדאַרפט, יאָ, געדאַרפט, ווייל אונדזערע טעג דאָ, — וואָס מיינען?
וואו נעמט מען דעם כוח זיך אַליין דאָ איינגאַנצן פאַרניינען?
דאָס לעבן בעל־כרחו הייסט לעבן און זינגען אפילו ביים וויינען.

נו, זינגען מיר אויס דאָ אונדזער געוויין, ווייל נישטאָ איז קיין ברירה,
דורך אונדזער געזאַנג וויינט הויך אויפן קול אונדזער לעבן דאָס שווערע,
און איז דאָס אַ זינד, זאָל פאַלן אויפן לעבן די גרויסע עבירה.

געוויין — אונדזער גרויליקע וואָר און דאָס געזאַנג איז אונדזער חלום.
עס טרעפט אונדזער חלום ווערט מיד, ווייל די וואָר איז אַן עול אים.
נו, זוכט ער באַרג אָפּצורוען, און אויב ער געפינט נישט, איז בעט אונדזער טאָל אים.

נאָר רוענדיק שפּינט ער, ווייל חלום מוז שפּינען, — נו, שפּינט זיך די מעשה, —
אַמאָל פון אַ גאָלדענע פאַווע, אַן אַנדערש מאָל זיינען דאָס טייבעלעך ווייסע,
אַמאָל און אַמאָל איז געווען נעשה ונשמע און איצט נישט נשמע, נישט נעשה!

איז וואָס־זשע וועט זיין? און דאָך וועט נאָך זיין! אַ סימן? דאָס פרעגן!
זעט, זעט, ווי אויך אין מנינים אפילו צעטיילטע איז דאָ אַ פאַרמעגן,
וואָס לייג דאָס צונויף און אַזאַ פאַרביקער כאָר איז נאָך אויף די וועגן.

איז אפשר? וואָס זאָגט איר? מיר דאַכט זיך, אַז דאָס איז אַן ענין, —
אַ מנין מיט מנין און פּאָר אונדז וואָלט געשטאַנען אַ פאַרביקער בנין, —
איז אפשר? וואָס זאָגט איר? מען נעמט די פּאַטשיילע און מען איז מקבל קנין!

מיר ווייסן, נו, יאָ

עס טרעפט זיך אַ שעה,
ווען אַלץ וואָס איז דאָ
איז עפּעס נישט דאָס.
זוכסט טרייסט אינעם כוס
אויפּסניי, און אויפּסניי,
און טראַכסט אויס דערביי
אַן ענטפער פאַרוואָס
זוכסט טרייסט אינעם כוס.

דער ענטפער איז קלאָר.
אַ שווערע דיין וואָר,
און חלום איז אויך
אַוועק מיטן רויך.
איז מילא, — נו, נו, —
דיין אומרו וויל רו,
נאָר כוס איז דאָך אויך
אַזוי ווי דער רויך!

איז וואָס־זשע, נו, וואָס?
טרינקסט כוס נאָך אַ כוס
אויפּסניי און אויפּסניי,
און פרעגסט הלמאי
אַזוי און אַזוי?
ווילסט ווייסן גענוי
פאַרוואָס? הלמאי?
און טרינקסט שוין אויפּסניי.

עס טרעפט זיך אַ שעה,
מיר ווייסן, נו, יאָ.

ל י י ד א ו ן פ ר י י ד

נאָר אַז זי פאַרגייט,
דערזעסטו די פרייד
אין זוכן דעם זין,
און לאָזסט זיך אַהין,
וואו זייער פאַרזייט,
אַז אויפגיין זאָל פרייד.

אַליין שוין דער גאַנג
גייט אויף, ווי געזאַנג
פון פויגל קאַיאָר.
אַ שווערע די וואָר?
און חלום אין רויך?
אין גאַנג צו דער הויך
באַנייט דער קאַיאָר
דיין חלום, דיין וואָר.

מיר ווייסן, — נו, יאָ, —
עס טרעפט זיך אַ שעה,
ווען אומרו זוכט רו!
אויך איך בין, ווי דו,
נישט איין מאָל צעבריט,
נאָר מיר איז דאָס ליד,
ווי דיר איז דיין כוס,
ווען דאָס איז נישט דאָס!

ז. װײַנבער

רואיק, קאַלט און זיכער

ער האָט זיך אומבאַמערקט אַרײַנגעשליכט, װי פֿון דער לופֿט אַרײַנגעטראָגן.
זיך נישט געגריסט און גאָרנישט נישט געזאָגט, װײַל גאָרנישט איז געװען צו זאָגן.
די ליפּן האָבן יאָ בײַ אים געציטערט, אָבער מער װי ציטערניש איז נישט געקומען.
דער לאָמפּנשײַן איז טונקעלער געװאָרן, — אַפּנים, אַז דער לאָמפּ האָט אױך באַנומען.
איז װאָס־זשע װאָלט געװען דאָס פֿרעגן, אַז קלאָר געװען דער ענטפֿער, — נו, יאָ, איז װאָס־זשע ?
פֿאַר קײנעם נישט אין שטוב געװען איז שױן זײַן שװײַגנדיקײט קשה.
אַ װאָרט געװען װאָלט איבעריק, װײַל װערטער האָבן אַלע זינען אָנגעװאױרן,
און װאָלט אַ מױל זיך אױפֿגעעפֿנט, װאָלט סײַ־װי־סײַ דאָס געזאָגטע זיך פֿאַרלױרן.
עס װאָלט געװען אַ זאָג אַ גלאַט אַזױ פֿאַר פּוסטן זאָגעכץ װעגן,
און גאָרניט װאָלט געגאַנגען אָט אַזױנס אַנטקעגן.

װי לאַנג־זשע איז מען אָט אַזױ געזעסן, געקוקט פֿאַר זיך און שװער געשװיגן ?
די שװעריקײט איז אױפֿגעגאַנגען און צו דער הױכקײט פֿון אַ באַרג געשטיגן,
און שװער געװען דער באַרג, געדאַכט האָט זיך, אַז ער װעט אַלעמען צעדריקן.
פֿאַרטרעטן פֿון די װענט האָבן שטום געקוקט מיט די פֿאַרשטאַרטע בליקן,
און אױסגעדאַכט האָט זיך, אַז באַלד װעט יעדער אין זײַן ראָם דעם קאָפּ צעװיגן.
נאָר פּלוצלינג האָט דאָס שװײַגעניש היסטעריש אױפֿן קול זיך שטאַרק צעשריגן,
כאָטש אַלע ליפּן שװער פֿאַרשלאָסענע געװען אױף זיבן שלעסער,
און יעדע רגע איז דאָס אױסגעשרײ געװאָרן װילדער, שטאַרקער, גרעסער,
די װענט פֿון צימער זײַנען שאָקלענדיק און ציטערדיק געװאָרן,
די שײַן פֿון הענגענדיקן לאָמפּ, װי פֿײַער אױף אַ ברענענדיקן דאָרן,
און גאָט אַלײן, װאָס איז אין יעדער שײַן פֿאַראַן, האָט זיך צעװײטערט.
דער פֿאָרהאַנג אױפֿן פֿענצטער האָט זיך ברױזנדיק צעציטערט,
װי שװערע װינטן װאָלטן איבער אים זיך פּלוצלינג בײז צעבלאָזן.
די שטײן־געהאַקטע לײבן אױף מײַן ביכער־טיש האָבן זיך, װי שרעקנדיקע האָזן,
אין שװערע אַנגסטן צוגעטוליעט צו די זײטן פֿון די ביכער.
בלױז ער אַלײן איז זיך געזעסן אין זײַן װינקל רואיק, קאַלט און זיכער.

די ליפּן זײַנע האָבן מער שוין נישט געציטערט, די בליקן שטילע, קילע, —
אַזוי־אַ זעט אַ מענטש אויס נאָך אַ טיפער און בלחשדיקער תּפֿילה.
צו וועמען איז זײַן תּפֿילה דאָ געווען? צו וועלכן גאָט פֿון אונדזער לעבן,
וואָס האָט צוריק דאָס פּנים פֿון אַ שטאַרקן מענטשן אים געגעבן?
אָט ערשט אַ חורבן, — אַ מענטש אַ טיף צעבראָכענער, צעדריקטער,
און איצט אַ זיכערער, אַ רויִקער, אַ קאַלטער, — אַ נישט־באַזיגטער.

געווען איז דאָס די רויִקייט, וואָס קוקט שוין גלײַכגילטיק אין פּנים אַלן גרוילן,
געווען איז דאָס די זיכערקייט פֿון קלאָרקייט, וואו גאָרנישט איז פֿאַרהוילן,
ווײַל סוד פֿון אַלע סודות האָט זיך באַפֿרייט פֿון די וואַלן,
און איז אויף שטיקער ברוכוואַרג זיך צעפֿאַלן,
און אויך די קאַלטקייט פֿון אַ מת מיט אויגן אויסגעשטאַרט און אָפֿן, —
וואָס קאָן דען טרעפֿן מער, ווי דאָס, וואָס האָט אים שוין געטראָפֿן?

ז. ווייגנטער

ביים אוהל לזכרון

ביי דעם מצבהדיקן אוהל לזכרון,
גייט אויף אַ ברויזיקער דער צאָרן,
און לאָזט זיך נישט פאַרשטילן.
וואָס וויל דער אָרגל מיט זיין שפּילן?
וואָס זאָגן זיינע טענער?
עס קרייען מער שוין נישט פאַר אונדז די הענער
מיט אויפגאַנג פון פרימאָרגן,
און גאָרנישט, גאָרנישט איז פאַר אונדז פאַרבאָרגן,
ווייל זעענדיקע זיינען מיר געוואָרן.

ביי דעם מצבהדיקן אוהל לזכרון, —
וואָס זאָגט דער אָרגל אונדז מיט זיינע וויינענדיקע קלאַנגען?
אַ ציגעלע איז פון דער טשערעדע אין וואַלד פאַרגאַנגען,
איז בייזער טיגער אָנגעקומען
און גענומען
דאָס אין זיינע ציינער, —
איצט וואַלגערן זיך אויפן פעלד די ביינער!

אָ, אָרגל, אָרגל,
ביסט אַ כאָרכלידקער גאָרגל!
וואָס־זשע זאָגסטו? וואָס־זשע ווייסטו?
וואָס־זשע גלעטסטו? וואָס־זשע טרייסטו?

אין גאַנג צו דערלייזן די וועלט וועט דער גואל
זיך אָפּשטעלן ביים שוועל פון אָטאָ דעם אוהל,
וואָס מיר, די נדחי־ישראל
שטעלן אויף אין אונדזער יאָמער־טאָל
די קדושים לזכרון,
און פלאַקערן וועט זיין צאָרן,
אַזוי ווי ער פלאַקערט איצט אין אונדזערע בלוטן.

אַ קללה אויף דעם, וואָס וועט פּרובירן צום גוטן
אויסטייטשן און פאַרטייטשן

די רשעות פון די נאַצישע דייטשן
צו אונדזערע שוועסטער און ברידער.
זיין גורל זאָל זיין דער חושך, די נידער
צווישן עקדישן און שלאַנגען, —
זיין צונג זאָל נישט דערלאַנגען
זיין גומען, —
אָמן!

וואו נעמט מען דאָס וואָרט, וואָס זאָל קאָנען
פאַרשטומען דעם וויי־געשריי פון די מיליאָנען
פאַרפייניקטע דורך גאַזישע סמען,
אין העלעשע פלאַמען?
עס טראָגן זיך איצט נאָך אין די הויכן
די שווערע, און בייסיקע רויכן
פון די עקדות.

די טאַטעס, די מאַמעס, די באָבעס, די זיידעס,
די שוועסטער, די ברידער, די קינדער, —
אַ, פינצטערע נאַצישע שינדער,
ווי קאָן מען פאַרגעסן, פאַרגעבן?

אַז וויי און ווינד איז צום לעבן,
וואָס איז דאָ פאַרבליבן.
אַט האָבן מיר זיך פאַרקליבן
אין אונדזער טרויער
ביים טויער
פון אָטאָ דעם אוהל,
אָבער דער גואל
נישטאָ איז אין אונדזער עדה.
ווער ווייסט, צי איז ער נישט אינעם אַש פון אַן עקדה
צעמישט,
פאַרווישט
צוזאַמען
מיט די, וואָס זיינען אויפגעלייזט געוואָרן אין די פלאַמען,
און אָטאָ דער מצבהדיקער אוהל
איז אפשר אַ מצבה אויך שוין פאַר אונדזער גואל?

ז. וויינפּער

דערלויבט

נישטאָ, נישטאָ איז דאָך קיין זינגענדיקער, טריליענדיקער למנצח
אין וואָרט פון נביא עמוס און אויך אין וואָרט פון נביא מיכה.
איז ווי־זשע קאָן אַזאַ, ווי איך איצט זינגען פרייד, ווען רשע איז מנצח
דעם צדיק פון מיין דור, און טרינקט זיין בלוט, ווען אים איז ניחא?
אויך העלדן וויינען דאָך אַמאָל אונטער פויסט פון דעם רוצח.
אַז ווי און ווינד איז, — סאַראַ גרויליקע עס איז איצט די רציחה
אין אונדזער לעבן.

זייט מוחל זשע דעם צער און טרויער איצט פון אייער זינגער,
וואָס האָט די העלע פרייד געזונגען דורך אַלע זיינע יאָרן.
די שפּיצן פון די שפּיזן אין די הענט פון די באַצווינגער
פאַרשאַרפטער זיינען אין די טעג, די איצטיקע, געוואָרן.
און ווער עס גראַבלט זיך די הויט מיט די נעגל פון די פינגער,
איז נישט בכוח איצט די העלע פרייד צו זינגען אין די כאָרן
פון אונדזער לעבן.

איך ווייס, איך ווייס, אַז טרויעריק איז תפילה ביחידות,
נאָר אַז דער טרויער איז אין דיר, ברענגסטו אים נישט פאַרן ציבור.
עס וועט באַנעמען אין די טעג, די איצטיקע, ווער נאָר אַ ייד איז,
און מוחל זיין די שוואַכקייט מיינע. גיי זיי אַ גיבור,
אַז וואָרט מיט רשעות אָנגעלאָדנס אין טעג די היינטיקע אַ ליד איז,
און שפּיז פאַר האַרץ איז פונעם חלה־מעסער ליבער
אין אונדזער לעבן.

איך ווייס, איך ווייס, אַז אָט אַזוינס איז נישט העראָיש,
און זאָגן אָט אַזוינס איז גאָר אַ חרפה און אַ בושה.
נו, מילא. אָט מיש איך איצט די ביבל־איבערזעצונג פון יהואש,

ליד און פרייד

וואָס אָטעמט איבער מיר מיט אַזאַ לויטערער קדושה,
און הערט, ווי דוד קלאָגט, און ירמיהו איז אויאיש,
דאָך בײדע זיינען דורך די דורות אַזאַ ליכטיקע ירושה
אין אונדזער לעבן.

דערלויבט, דערלויבט זיך אויסצוזיפצן, אויסצעווייינען, אויסצוקלאָגן.
זעט, זעט, — עס פליסן דאָך פון זיך אַליין די טרערן.
זאָל קיינער, קיינעם היינט קיין מוסר דאָ נישט זאָגן,
אַז שאָף און ציגן מעקען בלויז, ווען זיי פילן איבער זיך די שערן.
עס האָט געטראָפן, אַז דווקא שוואַכקייט האָט דעם עול דערטראָגן,
און די גבורה איז געפאַלן און צעשטויבט זיך אויפן וועג, דעם שווערן,
פון אונדזער לעבן.

שדים האָבן די נקמה

װייל מיר האָבן נישט באַנומען,
װאָס צו אונדז איז אָנגעקומען
פון די װעגן,
און אַנטקעגן
מיט קיין ברכה נישט געגאַנגען,
זיינען מיר איצט, װי די זאַנגען
אין אַ שטורעם.

אונדזער טורעם
ברעקלט זיך פאַנאַנדער,
און אין װיסטן װאַנדער
זיינען איצט די װעכטער.

שדים אין געלעכטער,
האָבן איצט דאָ די נקמה,
און מיר פירן צװישן זיך מלחמה.

אלה תולדות נוח

ווער איז דער, וואָס איז מיט מעסער אָנגעפאַלן אויף דעם עיקר,
און צעפּאַלמעסט אים אויף שטיקער?
ווער איז דער, וואָס האָט אַזוי פיל רשעות דאָ צעצונדן?
ווער איז דער, וואָס האָט דערלייזער אונדזערן די הענט און פיס געבונדן?
פרעגסט ביי דעם, און פרעגסט ביי יענעם,
און דער ענטפער איז, ווי פייער פון גיהינום,
וואָס צעברענט דיך,
און פאַרלענדט דיך.

ווער איז דער, וואָס האָט די וועלט אַזוי צעריסן?
זע, אַזוי פיל רשעותדיקע ציינגעביסן,
און זיי אַלע גרייטע
איינע אויף די צווייטע.

וועלט? נישט מער קיין וועלט, נאָר וועלטן, וועלטן.
און זיי שעלטן זיך, און שעלטן,
און זיי שטויסן זיך און שטויסן, —
יעדע וויל די אַנדערע אין דרויסן!

אלה תולדות נוח —
כוח קעגן כוח
צווישן שם און חם און יפת.
זע, די שנאה טאַנצט הקפות
אַרום אַלע ניי־אַנטדעקטע סודות,
וואָס באַדראָען די יסודות
פון דעם גרויסן גאַנצן.
שדים הוליענדיקע טאַנצן
אַרום קבר אָפענעם פאַר אונדזער תוכן,

ז. װײַנפּער

פֿלאַמען אין די הויכן,
פּריסיקן אין דער נידער.
ברידער קעגן ברידער
אויפֿגעבראַזטע זיך פֿאַרמעסטן.
ציטערן די פֿייגל אין די נעסטן,
פֿלאַטערן די זאַנגען אויף די פֿעלדער.
בלויז די חיות אין די װעלדער,
און די קראַנקענדיקע קראָען איבער דעכער
פֿרייען זיך, — װײסן נישט, אַפּנים, אַז אײנאײנעם מיט די מײז פֿון לעכער
זײנען זײ פֿאַרמשפּטע פּונעם כּוח קעגן כּוח
בײַ די תּולדות נוח.

אויל פאַר דעם נר־תמיד

שאָטנס, שאָטנס, אַלץ איז אַזוי שאָטנדיק, — אַ פּחד!
שאָטן מיט אַ שאָטן איז זיך נישט מתיחד.
יעדער שאָטן איז פאַר זיך, באַזונדער.
וואָס־זשע איז דער וואונדער,
אַז עס גוססט דער נר־תמיד?
אַ פאַרשעמטער און פאַרלאָזענער דער עמוד, —
יעדער דאַוונט ביחידות.
אויסגעשעפּט און מיד איז
וואָרט זיינס זיך צו וועבן אינעם צווייטנס, דריטנס.
האַרץ, אַזאַ מין אַנגעליטנס,
זוכט דאָס שוין קיין הילף נישט מערער
אין דער לאַפּע פון פאַרצערער.
וואָס־זשע טוט מען? גאַרנישט! גאַרנישט! גאַרנישט!
פּרוּאוּסטו פרעגן, שושקעט מען: — מען טאָר נישט,
און מען הייסט דיך שטומען.
טרוקנט דיר דער גומען
פונעם פרעגן און דערמאָנען.
גייסט אַרום און ווייסט שוין נישט ביי וועמען מאָנען
אויל אַביסל פאַר דעם גוסס, — דעם נר־תמיד,
אַז ער זאָל אויף אונדזער עמוד
זיך אינגאַנצן נישט פאַרלעשן.
זע, ער פינקלט קוים נאָך אויף די מעשן
פון פאַרזשאַווערטע מנורות, —
לעצטער רוף, אַפּנים, צו די דורות:
— ראַטעוועט, איך בין פאַרפאַלן,
אויב איר שיקט נישט אַ פּאָר נייע שטראַלן!

ז. ווײַנפּער

מײַנע טעג, מײַנע נעכט

מײַנע טעג,
מײַנע נעכט
אין געיעג
און געפּעכט
מיטן ווינט
אין געברויז,
מיט די הינט
בײַ מײַן הויז,
מיט דער גריל
אין דער וואַנט,
און געבריל
אין מײַן לאַנד,
וואָס צעשוימט
איז מיט האָס.

נישט באַבוימט
איז מײַן גאַס,
און קײן טויב
נישט צעשוועבט
בײַ מײַן שויב,
דאָך מען לעבט,
ווי איר זעט.

דאָס געזאַנג
פֿון פּאָעט,
און דער קלאַנג
פֿון אַ ליד
איז פֿאַרמעג,
און צעגליט
איז דער וועג

ל י י ד א ו ן פ ר י י ד

מיט אַ ליכט,
מיט אַ שיין.
כאַטש געדיכט
איז די פּיין
פון די טעג
און די נעכט,
ווערט מיין וועג
נישט פאַרשוועכט.

מיינע טריט
צו דער וואָר,
און מיין ליד
צום קאַיאָר!

ז. ווײַנפּער

עס שרײַט געוואַלד דאָס ווײַס פּאַפּיר

דער אומעט זוכט דאָך גאָרנישט אום אין וועג.
ער ציט נישט צו קײן ברעג,
און בענקט נישט נאָך קײן טיר.
איצט געניצט ער אויף מײַן ווײַס פּאַפּיר,
און גליווערט אין מײַן פּען.

אַמאָל און אַמאָל איז געווען, —
אַמאָל און אַמאָל!

פון וואַנען און פון וועמען איז דאָס קול
אין שטילער, שפּעטער אָוונט-שעה,
אַז קײנער, קײנער איז אַרום נישטאָ?

עס איז דאָך נישט דער לאָמפּ!
אָט שטײט ער אויף מײַן טיש איצט, ווי אַ גלאָמפּ,
און כאָטש ער שײַנט,
איז הײַנט
אַ שווײַגנדיקע און אַ גליווערקע דאָך די שײַן.

דער אומעט ווײסט נישט פון קײן פּײַן,
און פון קײן צער,
איז ער דערפאַר
נישט ברויזיק קעגן איר!

זאָל זײַן, עס איז דאָס ווײַס פּאַפּיר,
וואָס איז אַזוי צערעדט?
אַפּנים, אַז עס בענקט נאָך דעם פּאָעט,
וואָס פלעגט אַמאָל, אַמאָל
זײַן קול
אַ ברויז טאָן איבער דעם אין אָט אַזאַ מײַן אָוונט-שעה,
און אַז נישטאָ
איז איצט דאָס קול
פון דעם אַמאָל
איז דאָס קײן פוסטער אומעט שוין נישט דיר!
עס שרײַט געוואַלד דאָס ווײַס פּאַפּיר,
און זע, — אָט שרײַבט שוין איבער דעם די פּען, —
אַמאָל און אַמאָל איז געווען.

גאָט פון מיינע אבות

גאָט פון מיינע אָבות,
דו ביסט אַ יודע מחשבות,
איז זאָג, ווי אַנדערש זאָל זיך טראַכטן
דעם אָפּגענאַרטן, דעם אויסגעלאַכטן, —
דעם פאָלק דיינעם, וואָס באָדט זיך אין יסורים.
אין פּרס איז געשען אַ נס־פּורים,
האָבן מיר דורך דורות געפּורימט,
דיין נאָמען באַטורעמט
אויף שלח־מנות־לעקעכלעך און פלאָדן.
מיר האָבן אָפּגעהיט דיין נס, ווי אַ פּקדון,
און זיך געטרייסט, אַז מיר זיינען באַשיצט,
און איצט?

גאָט פון מיינע אבות,
דו ביסט אַ יודע מחשבות,
איז זאָג, ווי אַנדערש זאָל זיך טראַכטן
דעם אָפּגעשפּאָטן, דעם אָפּגעלאַכטן, —
דעם פאָלק דיינעם, וואָס באָדט זיך אין בזיון.
איז דאָס געווען בלויז אַ נסיון
אונדז ווידער און אָבער אויסצופּרובירן,
כדי דערנאָך ערשט צו דיין חסד דערפירן?
איז הער־זשע, מיר ווילן נישט מער אַזעלכע נסיונות!
מיר ווילן נישט מער אַזעלכע בזיונות!
נישטאָ אַזאַ שכר
פאַר אונדזער צער.

גאָט פון מיינע אבות,
לאָז גריסן דעם מלאך־המות.
זאָג אים, אַז מיט זיינע שרעקנדיקע אויגן,
איז ער, ווי אַ ליבער, מילדער רעגנבויגן

אַנטקעגן די, וואָס האָבן לעצטנס געטאָן זיין מלאכה.
אָ, גאָט, וואו איז דיין הבטחה?
באַלד, באַלד וועט שוין נישט זיין ווער עס זאָל מאָנען!
באַלד, באַלד וועט נישט זיין ווער עס זאָל קאָנען
טראָגן צווישן די פעלקער דיין היליקן נאָמען,
און זאָגן וועגן דיר: ברוך הוא וברוך שמו, אָמן.
און דעמאָלט? עס איז אַזאַ וויטיק אין מיר
פאַר דיר.

גאָט פון מיינע אבות,
יעדער שכר דיינער איז אַ קאַטאָוועס
אַנטקעגן די מוראדיקע גרוילן
מיט די קינדער דיינע אין פוילן.
וואָס מיינען די חסדים דיינע
פאַר די קדושים אין אוקראַינע?
נישטאָ אַזאַ פסוק, וואָס זאָל מיר פאַרטייטשן
אַ גאָט, וואָס גנעדיק איז צו נאַצי־דייטשן.
און וועט עמיצער אַזאַ פסוק זוכן צו געפינען
זאָל דער מוח אים נישט דינען,
זיין האַנט זאָל ווערן אַ ביין,
אַ שטיין!

גאָט פון מיינע אבות,
אפילו גיין אויף קבר־אבות
ווילסטו אונדז נישט פאַרגינען.
זע, זע, איך קאָן דאָך נישט געפינען
דעם קבר פון מיין ליכטיקער מאַמען.
האָסט געשונדן אונדזער הויט מיט אייזערנע קאַמען,
כדי נאַצי־דייטשקעס זאָלן מאַכן לאָמפנאַבזשורן.
איצט זיצן זיי, די הורן,
ביים שטילן, מאַטאָוון לאָמפנשיין,
און צעהערזשעטע פון אונדזער בלוט, ווי פון ווין,
כיכיקען זיי איבער דער פיין
פון דיינע קינדער, וואָס זיינען געגאַנגען אין דיין טראָט, —
אָ, גאָט! אָ, גאָט!

„ב ד מ י ך"

הער, דער ווינט, דער בייזער,
הערט נישט אויף צו ברומען, —
חלום — דער דערלייזער,
איז ער אומגעקומען?

ניין, ער לעבט נאָך, לעבט נאָך,
און ער וויל נישט שטאַרבן, —
זע, ער שוועבט נאָך, שוועבט נאָך,
כאָטש אין בלוט זיין שאַרבן.

אַ פאַרבאַנדאַזשירטער,
גיט ער זיך נישט אונטער, —
זע, די הענט צעפירט ער,
און ער שלאָגט זיך מונטער.

נעמט אַן באהבה
ברי פון פייער־פלאַמען, —
און פון הייסער לאַווע,
לאָזט ער זיך נישט צאַמען.

הוסטלט שווער פון רויכן,
כאָרכלט פון יסורים,
און איז אין די הויכן
קעגן ווילדע שטורעם.

זעט אויס, אַז אויך שלום
מוז מיט בלוט באַצאָלן, —
בלוט פון אונדזער חלום
פאַרבט די בערג און טאָלן.

ז. װײַנפּער

מילא, נו, — פֿאַרדראָסיק,
אָבער װאָס איז שײך?
איז דאָך אונדזער פּסוק
לאַנג שױן „בדמיך!"

„בדמיך" װעסטו
שטענדיק מוזן לעבן, —
אונדזער חלום, זעסטו?
הערט נישט אױף צו שװעבן!

אָטאָ דאַכט זיך פֿאַלט ער
מיד שױן צו דער נידער, —
באַלד, און אַ צעשטראַלטער
אין דער הױך שױן װידער.

שװעבט לױט אַלע חוקים,
כאָטש אין בלוט זײַן פּנים, —
פּסוק פֿון די פּסוקים, —
שפּיז פֿאַר אַלע שונאים.

קדוש, קדוש, קדוש

פארגאנגען איז שוין אונדזער שווערע נאכט,
פרימארגן איז פאר אונדז נאך שווערער, —
די האפענונג, אז עס האט זיך בלויז געדאכט
איז איצט קיין האפענונג נישט מערער.

אז ווי אין ווינד איז דאך צו אונדזער בליק,
וואס מוז אזוינס פאר זיך דערבליקן, —
עס וויגט מיין האלדז זיך אינעם שטריק,
נאר פעטליע וויל נאך נישט דערשטיקן.

זעט אויס, פאר אונדז איז נישט גענוג
דער סם א טראפן נאך א טראפן, —
זעט, זעט, עס גיסט זיך סם פון קרוג,
און קיינער קאן זי נישט פארשטאפן.

אט וויס איך גארנישט שוין צו וואס, צו ווען
איך הויב זיך אויף פרימארגן פון געלעגער, —
נאכדעם, וואס איז מיט אונדז געשען
איז אלץ ארום, וואס לעבט שוין בלויז א פגר.

אן אויג פאר אויג? א צאן פאר צאן?
נו, יא, אוודאי, — די נקמה,
נאר ווער־זשע זאל ביי אונדז דאס טאן —
די בלינדע? טויבע? צי די לאמע?

די גרויסע און די שטארקע מער נישטא, —
זיי זיינען שוין געלייטערטע קדושים,
און מיר געבליבענע אט־דא, —
מיר שלעפן זיך נאך זייער רושם.

ז. װײַנפּער

אַ קנאה גליט אין אונדז צו זייער זכות,
די קנאה איז אין אונדזער יעדן אבר, —
עס ברענגט די לופט פון זיי אַ גרוס,
כאָטש קיינער ווייסט נישט קיינעמס קבר.

דער גרוס איז קילער, גליענדיקער בלענד
פון אונדזער אַשיק־צאַנקענדיקן שייטער, —
עס גלעט דער גרוס, ווי מאַמעס הענט,
און בעט אונדז ציען אונדזער לעבן ווייטער.

דער זכות פון זייער ליכטיקן פאַרגיין
איז אונדזער דאַאיקע דערהאַלטונג, —
אַן אים וואָלט עלנטקייט פון שטיין
געוואָרן אונדזער שטענדיקע געשטאַלטונג.

און אפשר, אפשר איז אַן עוולה גאָר
אַזוינס צו טראַכטן און צו זאָגן, —
נישט אַלצדינג, וואָס איז גאַלע וואָר
קאָן שווערע משא אויף זיך טראָגן.

און טראָגן מוזן מיר, — דאָס איז
דאָך אונדזער אייביקע שליחות, —
אויף קראַנקע, ציטערדיקע פּיס
שפּאַנט ווייטער אונדזער יחוס.

און פאַלן מיר מיט פּנימער צום שטויב,
צעזינגען מיר זיך שטיל, מעלאַדיש:
— אַ דאַנק, אַ דאַנק דיר און אַ לויב, —
און קדוש, קדוש, קדוש!

אַ, יידיש ליד מיינס!

עס טרעפט, עס טרעפט, — עס זאָל אַזוינס ביי קיינעם מער נישט טרעפן,
ווי דאָס, וואָס האָט אַזוי פיל מאָל זיך שוין ביי אונדז געטראָפן.
דו טרעטסט די טרויבן דיינע מיט די טריט, און האָפסט, וועסט טרינקען יין־גפן,
נאָר ווען ביסט טועם טעם, דערפילסטו, אַז אומזיסט געווען דיין האָפן.
איך האָב אַמאָל מיין טיר געטאָן מיט ליבשאַפט און מיט רחבות אַ צעעפן,
איז באַלד אַ ווילדער, בושעוודיקער ווינט פון ערגעץ אָנגעלאָפן,
און זי פאַרמאַכט פאַר מיינע טריט.

עס טרעפט, נו, יאָ, עס טרעפט, אַז אויך דער לויטערסטער בעל־מדות
איז נישט בכוח בייצושטיין אין זיך די שווערקייט פון נסיון.
און אַז עס טרעפט אַזוינס, איז זיין געוויין נישט מער בלויז ביחידות,
נאָר פאַר דעם גאַנצן ציבור אַרום אים צעשרייט זיך זיין בזיון,
און אויב אַזוינער איז געבענטשט נאָך אויך דערצו, און ליד איז
דער מעדיאום פון אויסדרוק זיינעם, איז ווינטיק־וואויען
אויף קולי־קולות דעמאָלט שוין זיין ליד.

דער זיידע יעקב אונדזערער האָט געלערנט תורה ביי שם־ועבר,
און איז פונדעסטוועגן געגאַנגען זיין ברודער עשון אַנטקעגן.
נאָר איך, וואָס האָב געזען אַ דריטל פון מיין פאָלק געפירט צום קבר,
גיי אום צעמישט, געררט, צעוויינט, צעקלאָגט איבער אַלע וועגן,
און מיינע ליפן הערן גאָרנישט אויף צו מורמלען: — אני הגבר, —
איך בין דער מאַן, וואָס לעבט אין אָט־דעם דור, ווען אונדזער פאָלקס־פאַרמעגן
איז אונטער שאַרנדיקע טריט.

מיין פעטער מעכל איז געווען כל־ימיו אַ הייסער, טריסקער חסיד.
און ווי ביים רבין זיינעם, איז די עצבות אויך ביי אים געווען אַן עבירה.
געטראָגן האָט ער אַזאַ פריידיקער זיין הוה צו דעם עתיד,
און קיינמאָל נישט געקלאָגט זיך, אַז די וועגן זיינע זיינען שווערע,
נאָר אַז די קאָסע האָט די קינדער זיינע, ווי דאָס גראָז געקאָסעט,
האָט דעמאָלט שוין אפילו אויך ביי אים די נשמה יתירה
אין גרויסער עצבות זיך צעגליט.

אַז ווי און ווינד, — געאַקערט און געזייט, און מיט דעם שווייס געדראָשן,
און זעט, דער שייער אונדזערער איז וויסט און איז אַ לערער.
גיי זינג די פרייד, אַז לאָמפּ אין אונדזער בית־המדרש ווערט פאַרלאָשן,
און דער נר־תּמיד אויפן עמוד אונדזערן איז נישט צעפלאַמט שוין מערער.
גיי זינג די פרייד, אַז אונדזער טייער יידיש לשון
געוואָרן איז דער שטויב פאַר בעזים אין די הענט פון גאַסנקערער,
און יורש די ירושה נישט פאַרהיט.

גיי זינג די פרייד, אַז האָווקענדיקע הינט ביי אונדזער טויער,
און אַזאַ האָגל פּראַסטיקער צערויעט אינעם גאָרטן אונדזערן די בייטן.
גיי זינג די פרייד, אַז קינדער האָבן דאָ פאַר איר נישט מער קיין אויער,
און דיין פאַרמעגן איז איצט אויפן רוקן פונעם ווינט צעוויטן.
הער, הער, דער ווינט אַליין אפילו איז דאָך אויך אין שווערן טרויער, —
אַפּנים, אַז אויך אים איז שווער אַזאַ מין האָב און גוטס, אויף שטויב צו שפּרייטן, —
אַ, ליד, מיין ליד, — מיין יידיש ליד!

מיין פאָלק האָט אירע האַרפעס, אירע פידלען אויף די ווערבעס אויפגעהאַנגען
אין שווערער פּיין ביי די ברעגן אַרום בבלס פליסנדיקע טייכן.
געשפּילט האָט איבער זיי דער ווינט, און, אַפּנים, אויפגעכאַפּט די קלאַנגען
און זיי צעטראָגן און צעשפּרייט איבער אַלע קעניגרייכן.
אַ, ליד, מיין ליד, — מיין יידיש ליד, — דו ביסט אַ לאַנגן וועג געגאַנגען, —
אַ וועג, וואָס האָט צו זיך אין אַלע וועגן נישט קיין גלייכן,
און זע, — עס גייען אַלץ נאָך דיינע טריט.

זיי גייען, גייען אויך אפילו איצט איבער אַלע, אַלע שווערע ספקות,
וואָס פרעסן דיך און פאַרציען איבער דיר אַ געדיכטע כמאַרע.
זע, זע, — אָט דאַווענט איצט אַ יידישער פּאָעט מיט אַזוי פיל דבקות
אין שפּעטער שעה פון נאַכט, און האַרץ זיינס מאַכט אַ וואָרע
פאַר נייעם יידיש וואָרט, וואָס ווערט געבוירן. די וועלט, אַפּנים, טייג איז
פאַר אָט אַזאַ, ווי ער. הערט, הערט, וויפל קדושה וטהרה
גייט אויף איצט פון זיין ניי־געבוירן ליד.

גאָט, מיין גאָט!

מיינע אויגן זעען און מיין האַרץ באַנעמט די שווערע ראַנגלענישן פון מיין דור,
אָבער וואונדערלעך איז דער עקשנותדיקער גאַנג פונעם חלום צו דער וואָר, —
אַזוי רייסט זיך דאָך די זון פון נאַכטיקייט צו דעם קאַיאָר.

סאַראַ ראַשיק־רוישיקער עס ברויזט און שפרודלט אַרום אונדז דער שטראָם.
אויפגעשפאָלטן און אַנטפּלעקט איז שוין ענדלעך אויך אפילו דער אַטאָם,
און ער שווימט אין אונדזער לעבן, ווי אין יויך אַ צעמעסערדיקער שוואָם.

וואָס־זשע נאָך און וואָס־זשע ווייטער? ווער קאָן זאָגן אין פאַראויס?
וועלטן קעגן וועלטן, און זיי אַלע, אַלע אין אַ ברויזנדיק געברויז, —
מישן זיך און מישן זיך, און זיי מישן זיך נישט אויס.

הויכקייט רייסט זיך נאָך העכער, און די נידער ציט זיך צו דער הויך,
וואָלקנס וויקלען זיך און וויקלען זיך אין אַ קנויליקכוואַליענדיקן רויך,
און דער גאָט פון אַלע סודות קאַטשעט זיך פון ווייטיק אויף זיין בויך.

נישט קיין וואונדער, — זיין באַשאַף איז דאָך געוואָרן, ווי אַ קאָרט אין קאָן, —
שטורעם האָט צעשמעטערט אונטער אים זיין דורותדיקן טראָן,
און ער ווייסט נישט, וואָס אַזוינס מיט זיך אַליין צו טאָן.

מאָדנע, מאָדנע, אויך אַ גאָט אפילו איז, אַפנים, נישט קיין אייביקייט!
אייביק איז בלויז גאַנג פון פיין און די בענקשאַפט נאָך דער פרייד,
און אַ גאָט? — זעט נאָר, זעט נאָר, ווי ער קומט און גייט.

ווי דער בידנער מענטש, להבדיל, איז אַפנים אָט אַזוי אויך ער..
גאָט, מיין גאָט, ווי דיר מוז זיין אין אָט דעם שטורעם שווער, —
איך וואָלט געטרייסט דיך, דאַרף איך דאָך די טרייסט נאָך מער.

בידנער, שוואַכער מענטשל, וואָס איך בין דאָ אין אַ ווינקל אויף דער ערד,
שווער אַזוי איז דער באַוואוסטזיין, אַז אַלצדינג וואָס געבערט,
ווערט סוף כל סוף פון זיך אַליין צעשטערט, פאַרצערט.

ז. ווײַנפּער

אַ תפילה

קאָן זײַן, אַז נישט ראוי בין איך נאָך צו דעם,
דאָך טו איך טאָן בײַ דיר בעטן, —
דאָס וואָרט מײַנס פֿאַרנעם,
ווײַל אײנעם וואָרט מײַן צערעדטן, —
דאָס לויטערסטע פֿון מיר.

הער, הער, באַנעם, באַנעם, און דו
זאָלסט זיך דערבײַ פֿאַרקלערן, —
מײַן אומרו אין געיעג איז נאָך דער רו,
און וואָרט מײַנס — מײַן לאַמטערן
אין בענקעניש נאָך דיר.

דאָס לויטערסטע, און רײנסטע פֿאַרמעג
געקליבן האָב איך דאָך פֿון מענטשן.
זע, זע, — איך צעפּאַק מײַן געפּעק,
פֿאַר אויגן פֿון מענטשן,
און וועסטו באַטעמען, וועסטו אויך בענטשן
מזומן מיט דיר.

דער ברויזיקער אומרו אין מײַנע אײליקע טריט,
ער איז פֿון דער רו דער פֿאַרטרעטער.
הער, הער, ווי דער אומרו אין מײַנעם אַ ליד
איז שטענדיק פֿאַר רו דאָך דער בעטער, —
די רו, וואָס בענקט נאָך דײַן טיר.

איז פֿראַל־זשע פֿאַר איר אויף זי אין דער ברײט, —
זי האָט פֿאַר דיר שײנע און רײכע געשאַנקען.
פֿאַראַן איז אַזוי פֿיל וואונדער און פֿרײד
אין רואיקע, שטילע, פֿאַרטראַכטע געדאַנקען, —
אַ, צאַפּלדיק וואָרט מײַנס איר מיר!

קאָן זײַן, אַז נישט ראוי איז אַלץ נאָך מײַן וואָרט,
קאָן זײַן נישט גענוג נאָך געוואַשן, געבאָדן, —
דערפֿאַר איז דאָס אָבער מיטן לעבן געפּאָרט,
מיט שווערן געראַנגל פֿון לעבן באַלאָדן, —
דאָס לעבן פֿון דיר און פֿון מיר.

וואוהין? און ביז וואַנען?

געוועזן איז אַ נעכטן
און מער שוין נישטאָ?
דער מאָרגן וועט שעכטן
דעם היינט, וואָס איז דאָ?

נישט טייטש אויס צום שלעכטן,
און בלאָז נישט קיין קעלט, —
דער מאָרגן, ווי נעכטן
אין גאַנג אויף דער וועלט.

צי וואָלט אָן דעם נעכטן
דער היינט דאָ געוועזן?
ווער קאָן דען דערשעכטן
אָט דאָס, וואָס געשען?

עס פלעכטן זיך פלעכטן
די נעכט און די טעג, —
דער היינט, ווי דער נעכטן
צום מאָרגן אין וועג.

אויך מאָרגן וועט שפּאַנען
אין זייערע טריט, —
וואוהין? און ביז וואַנען?
דאָס ווייס נישט מיין ליד!

ז. ווײַנפּער

גרויסער מאַעסטראָ פּיקאַסאָ

בענקשאַפט מײַנע רײַט איצט אויפן רוקן פון מײַן חלום.
ערשטע און די צווייטע זײַנען שטענדיק דאָך מײַן צווילינג.
גרויסער מאַעסטראָ פּיקאַסאָ, קום באַמאָל אים
אויף אַ הינטערגרונט פון פרילינג.

מאָל אַ שטילן, קלאָרן טײַך, וואָס שפּיגלט אָפּ אין זיך דעם הימל,
און דעם ברעג אַרום אים מיט אַ לאַכנדיקער גרינקייט.
מאָל אַ בוים אין ווײַסן צוויט און אַן אויפגעלויכטן בלימל,
און דער טאָן פון דעם געמעל זאָל זײַן אַ שפּילעוודיקע דינקייט.

ווי אַ צוגאָב מאָל אַרײַן דײַן ליבע טויב, די ווײַסע,
שוועבנדיק מיט אירע ווײַכע פליגל צו די ווײַטן, —
האַרץ מײַנס בענקט אַזוי שוין נאָך אַ מעשה
פון אַ לעבן אַ באַפרײַטן,
און באַנײַטן.

מיד בין איך שוין פון דעם שטורעמדיק געוויטער,
און אין מיר איז אויף דײַן טויב אַזאַ רחמנות.
האַרץ מײַנס איז אין צאַפּל און אין ציטער
פון די מוראדיקע, גרויליקע סכנות.
זע, דער שטורעם, ווי אַ יעגער מיט אַ לאַסאָ
יאָגט זיך נאָך דײַן טויב, אָ, מאַעסטראָ פּיקאַסאָ!

בענקשאַפט מײַנע רײַט איצט אויפן רוקן פון מײַן חלום,
און דער חלום מײַנער איז אַזוי צעציטערט.
וועט די ווײַסע טויב זיך דורכרײַסן אויף איר וועג בשלום
דורך דעם שטורעם, וואָס איז דאָ אַזוי צעוויטערט?

האַרץ, מיין האַרץ

וועכטער, וועכטער, — מיין געפּרייזטער וועכטער!
שדים פרייען זיך און כיכיקען פון געלעכטער.
איז דער וועכטער ערגעצוואו איצט אַ געשמידטער,
און אַ שד מיט אַנגעגליטער שפּיז איז דער באַהיטער
ביי דעם טויער?
סאַראַ טרויער
איז איצט אין די רוימען!
טרוימען
פאַלן צו דער נידער,
און דער גייער שלעפּט די פיס אַ מידער
אין אַ וועלט, וואָס איז צעוויטערט,
אָדער אפשר גאָר צעציטערט
פון דעם ברויזנדיקן שטורעם.
ליכט פון טורעם
איז פאַרלאָשן,
און אַן לשון
שטייט דער כוהן,
וויל בזיון,
איז גרויס־מויליק
חוצפּהדיק און גרויליק,
איצט געוואָרן.
מדבר, מדבר, און קיין פייער אויף קיין דאָרן
זעט זיך נישט פון וויטן, —
וואָס־זשע זאָל אָט דאָס באַדייטן?

האַרץ, מיין האַרץ, נישט וואַקל, —
וואָס געשעט איז נישט סך־הכל!
האַרץ, מיין האַרץ, נישט ציטער, —
שוין געווען אַזאַ געוויטער,
און דער מענטש האָט אים צעבראָכן
מיט זיין ווילן און בטחון.

די ווײסקײט פֿון נישט באַשריבענעם פּאַפּיר

די ווײסקײט פֿון נישט באַשריבענעם פּאַפּיר בײם לאָמפּשײן
איז פֿרויענלײב, וואָס וואַרט אין פֿרײדיק־צאַפּלענדיקער פּײן
אויף דעם באַגערטן מאַנס באַריר.
די פּען — אַ דרימלדיקער הונט בײם טיר,
האַלט דעם אויער וואַכיק צו פֿאַרבײגײענדיקע טריט,
און דער פּאָעט איז שווײגנדיק און מיד.

ב.

דער חושך פֿון דער נאַכט ווישט די טרערן
מיט לאַפּעס, ווי בײ בערן,
פֿון מײנע שויבן.
האָט ערגעצוואו אַ העלער גלויבן
זיך אין וועג פֿאַרלוירן ?
האָט ערגעצוואו אַ טײג געיוירן,
און קײנער האָט דאָס נישט פֿאַרקנאָטן ?
ליגט ערגעצוואו אַ האַרץ צעטראָטן,
און אָטעמט שוין נישט מערער ?
האָט אין דער לופֿט, דער לערער
אַ קול זיך אויפֿגעלײזט אין ברויזנדיקן צאָרן,
און איז שטום געוואָרן ?

ג.

אַן אָפּגעשניטן פֿעלד איז איצט צעבענקט נאָך אירע זאַנגען.
פּאָעט איז פֿול מיט צער, וואָס זײנע אײגענע געזאַנגען
זיך לאָזן מער נישט איבערזינגען.
אַ קײט, אַ גאָלדענע צעפּאַלט זיך, און אירע רינגען
צעקײקלען זיך, — יעדערער פֿאַר זיך באַזונדער.
אַן אויסטערלישער וואונדער

ווערט אויפגעלייזט אין ליכט פון קאַלטן ציפער.
געדאַנק, — אַט ערשט געווען אַ טיפער
און שוין איז ער אַ פלאַכער, אַ שאַבלאָנער.
ווי אומעטיק עס איז דעם מאַנער און דערמאַנער,
ווען מאַנונג זיינע,
אין דערמאַנונג זיינע
דיינען איצט שוין פשוט ברויט אין אַלע מיילער.
אַט ערשט געווען אַ שיינענדיקער זייל ער, —
אַ טורעם אַ צעשטראַלטער דורך די רויכן
צו וייטן און צו הויכן,
און שוין איז ער געוואָרן
אַ נאָמען בלויז אין דעם זכרון.

ד.

פאַעט איז אַדלער אין אַ שטייג, וואָס רייסט זיך צו באַפרייאונג.
פאַעט איז גאַנג צו אייביקער באַנייאונג,
און וואויל איז דעם פאַר ווערמען ווייסקייט פון פאַפיר
איז אַ צעפראלטע טיר
צום שייער פון זיין אייגענעם פאַרמעגן.
ביי אַט אַזוינעם גייט די פען אויף וועגן,
וואוהין זי ווערט געפירט,
און זי פאַרלירט
זיך נישט אין לאַבירינט
פון טינט.

ה.

די פען אין דער שליחותדיקער האַנט
איז תושב אין איר לאַנד,
און קלאָר איז איר דער וועג.
זי איז די האַק, דאָס רידל און די זעג,
אַ מעסער־שאַרף,
און אויך אַ האַרף,
ווען נויטיק איז.
עס טרעפט, זי ווערט אויך דאָס געביס
פון שאַרפע ציין
אויף דעם, וואָס איז געמיין.

ו.

די ווייסקייט פון דעם נישט פאַרשריבענעם פּאַפּיר!
היינט איז זי דאָך אַ פעלד אַן אויסגעשפּרייטס פאַר מיר,
וואָס איז פאַר זריעה גרייט.
אַ פען, שליח פון מיין צער און פרייד,
נישט לאָז זיך גלאַט אַזוי אין וואַנדער,
און שפּרייט נישט, ווי דער ווינט אין וואַנדער
קיין שטויבעלעך אַהער, אַהין,
נאָר וויס פון וואַנען און וואוהין.

ז.

דאָס ווייס פּאַפּיר, ווי פרוי, וואָס וואַרט אויף מאַן אין צאַפּלדיקן גליק,
נאָר פען דערביי ליגט שווייגנדיק.
אפשר, אַז דער צאַפּל איז פאַר איר היינט נישט גענוג.
מיין פען איז קלוג,
זע, זע, ווי שטיל,
און קיל,
און שווייגנדיק זי ליגט, —
זי ווייסט, אַז ציטער, צאַפּל, וואָס צעוויגט
דעם אומרו און געמיט
פאַרפירט נישט איין מאָל פונעם וועג דאָס ליד.

ח.

די נאַכט איז שוואַרץ און בלינד.
די טינט
אין טינטער אויך אַזוי.
פאַרפאַלן, — אפשר אַז די פרוי
וועט זיך שוין נישט דערוואַרטן איצט דאָ אויף קיין גליעט, —
אַ שווייגנדיקער איז היינט דער פּאָעט,
און שווער איז אים, ווען אַט אַזאַ מין שעה
מיט אים איז דאָ.

נ ו, מ י ל א

בראשית און סוף.
מיין ליד איז אַ שאָף
אָן פאַסטוך אין פעלד.
דער זין פון דער וועלט ?
נישט פרעג, אָ, נישט פרעג !
אַ שווערער דער וועג ?
נו, מילא, — אַבי
מען איז נאָך דאָ הי !

אין אַט אַזאַ שעה,
ביסטו דאָך נישטאָ.
איז וואו־זשע ביסטו ?
דו ווייסט נישט אַוואו,
ווייל דאָרט, וואו דו ביסט,
איז חושך און וויסט.
דו זוכסט אום אַ גלי,
און ער — נישטאָ הי,
איז וואו־זשע איז ער ?
און זינגער איז ווער
פון אַט דעם געזאַנג ?
די זון אין פאַרגאַנג,
די נאַכט שלינגט זי איין,
און דו אין דיין פיין
ביסט ברויזיק, צערייצט.
דער טאָן דיינער פלייצט,
ווי לאַוויקער זשאַר, —
די וועלט — אַ ווירווואַר,
אַ וויסטער כאָאָס !
דו גיסט אָן דעם כוס
אויפסניי און אויפסניי,

און זינגסט זיך דערבײַ,
ווײַל זינגער ביסטו, —
איז מילא, נו, נו!

אַבי מען איז דאָ!
פֿאַראַן איז אַ שעה,
ווען הארץ טוט אַ צי,
אַ ברויז און אַ ברי
צעפּלאַטערט אין דיר.
אַט דאַכט זיך — אַ טיר! —
באַלד, באַלד און דו וועסט!
דו מיינסט, אַז דו זעסט,
דו מיינסט, אַז דו הערסט,
און פּלוצלינג, דו ווערסט
פֿאַרמישט, און צעמישט,
און גאַרנישט מיט נישט!

געווען, נישט געווען,
געזען, נישט דערזען,
געהערט, נישט דערהערט,
גענערט, נישט דערנערט
דאָס הארץ צו דער זעט.
גערעדט, נישט דעררעדט,
געזאָגט, נישט דערזאָגט,
געיאָגט, נישט דעריאָגט.
איז וואָס־זשע וויל פֿאַרט
מײַן ברויזנדיק וואָרט?
פֿון וואַנען? וואוהין?
און וואָס איז דער זין?
נישט פֿרעג, אָ, נישט פֿרעג!
מײַן וואָרט אין געיעג
פֿון אומרו צו רו,
וואָס וואוינט ערגעצוואו,
און איז נאָך אַ סוד.

פֿאַרמאַטערט דער טראָט?
נו, מילא, — אַבי
מען איז נאָך דאָ הי!

ווער נאָך, ווי מיר?

מיר שפּאַנען דאָך עקשנותדיק צו דעם צעלויכטענעם קאַיאַר
דורך חושך פון דער נאַכט און דורך געדיכטע כמאַרעס, —
מיר טראָגן אונדזער חלום אויף די אַקסלען צו דער וואָר,
און וואַרטן נישט מען זאָל פאַר אונדז דאָ מאַכן וואַרעס.

מיר ווייסן, אַז די קנאה לויערט דאָ אויף אונדז פון אומעטום
מיט מעסערס אָנגעשאַרפטע אונטער חושכדיקע פאָלעס,
און אַז אין דעם צעיושעוועטן, בייזן ווינט־געברום
איז אויך די שוואַרצע קראָ מיט אירע וויסטע קללות.

מיר ווייסן דאָס, מיר ווייסן דאָס, נאָר גיי שטעל אָפּ די טריט,
וואָס שפּאַנען צום קאַיאַר מיט אויפגעלויכטענער עקשנות,
און טרעפט אַמאָל, אַז מען דערפילט אַ מעסער־שניט,
איז מילא, נו, — מען איז געאַוווינט דאָך צו סכנות.

דאָס שאַרפע מעסער איז דאָך אין דער שנאהדיקער האַנט,
און רשעות אירע איז, ווי לאַווע ברויזנדיק און פליסיק, —
קיין נייעס נישט, אַז גופיקייט איז פרעך און אַראָגאַנט,
און שפּרייט פאַר יעדן גייענדיקן טראָט מיט פריסיק.

אַ וויסטער שטורעם אַרום אונדז. — מיר פילן אים אויף זיך,
מיר בויגן זיך אַמאָל, אָבער מיר פאַרלירן נישט דעם אָטעם, —
דער טאַטע יעקב האָט געליטן פון אַ קראַנקער דיך,
און דאָך באַזעצט דאָס לאַנד כנען מיט שבטים.

אַוודאי איז נישט גרינג אונדז אויף אַזאַ מין וועג,
וואו צווישן אָט אַזוי פיל כללים זיינען מיר די פרטים, —
מיר פילן אָפּט אויף זיך די האַק און אויך די זעג,
און די אכזריותדיקע אומגערעכטיקייט ביי משפטים.

ז. ווײַנפּער

דעם בלבול־מאַכער גלויבט מען אַזוי גרינג דאָך אויפן וואָרט
אַפילו, ווען מען ווייסט, אַז ער איז טריף און אסור,
מען גיט דעם אויבנאָן, דאָס שענסטע אָרט
דעם מיאוסטן אויסוואָרף, — דעם שקרן און דעם מסור.

פונדעסטוועגן איז נישט אײַנאַגנצן אָפּגעטאָן פון אונדז אָט דאָ
די אויפגעלויכטנקייט פון רחמים און פון גרויסן חסד, —
ווער נאָך, ווי מיר, קאָן זינגען אויפגעלויכטן אין דער שעה,
ווען שאַרף פון האַק דאָ אונדזער גוף צעטעסעט?

ווער נאָך, ווי מיר, קאָן גיין מיט אָט אַזוינע טריט
אַנטקעגן אַזאַ מוראדיקן און צעיושעוועטן שטורעם?
ווער נאָך, ווי מיר, קאָן זינגען אַזאַ אויפגעלויכטן ליד
אַפילו אין די שווערסטע, פּײַנלעכסטע יסורים?

דער קברן עסט זיין ברויט מיט פּוטער פונעם אונטערגאַנג,
פון אויפגאַנג עסט דער אַקערער און דער פּאַרזייער, —
פּאַר ערשטן איז דער קרעכץ פון מענטשנס־האַרץ — געזאַנג,
פּאַר צווייטן איז דער אָנזאָג פון געבורטן אַ דערפרייער.

איז וואויל און גוט, וואָס מיר דאָ זיינען קיין קברנים נישט,
און זוכן נישט ביי מתים בלויז פּאַר אונדזער ליד קיין טעמעס, —
מיר ווערן פונעם מינדסטן ניי־געבוירן גרעזעלע דערפרישט,
כאָטש אייגן איז אונדז אויך די מצווה פון אַ חסד של אמת.

געבענטשט זאָל זיין דאָס ליד, וואָס ווייסט געני

אַזאַ נעפּלדיקע כמאַריקייט איז דאָ אַרום, — זע, זע, ווי גרוי.
געבענטשט זאָל זיין דאָס ליד, וואָס ווייסט געני
פון וואַנען און וואוהין און אויך צו וואָס.
אַזוינס איז נישט קיין ווינט־געבלאָז,
וואָס יאָגט זיך הין און הער.

הער, הער, —
אָט יערט זיך עפּעס איצט אין אין מיין געמיט,
מסתמא איז היינט אויפן וועג אַ ליד,
וואָס זוכט די טיר
דורך מיר
צום לעבן אויף דער ערד.
און ווי־זשע ווערט
אַ ליד דערהערט
אויב נישט דורך וואָרט?
זעט, זעט, — פון דאָ און דאָרט
אַ ווערטער־שלל.
עס וויגט זיך דורך אַ וואָרט — אַ שטראַל, —
אַוודאי קומט דאָס פון
דער זון.
און אָט איז דיר אַדורכזיכטיקס, ווי טוי, —
מסתמא פון אַ לאַנד, וואָס איז אַזוי,
דערביי אַזוינס, וואָס איז פאַרשטויבט פון וועג,
און שלעפּט אויף זיך אַ שווער געפּעק.
זע, זע, אָט קומט אַזאַ, וואָס נישט געוואַשן, נישט פאַרקעמט,
דערביי אַן אַנדערס, טרייסלט זיך און קוקט פאַרשעמט.
עס שלאָגט זיך דורך אַן עזותדיקס, וואָס שרייט און ברומט,
און לעבן דעם אַן אָנגעפּודערטס און פאַרפיומט,
וואָס חנדלט זיך, און וואַרפט די אויגלעך, ווי אַ גאַסנפרוי.
געבענטשט זאָל זיין דאָס ליד, וואָס ווייסט געני,
און נעמט נישט גלאַט אַזוי,
נאָר קלויבט און קלויבט, און קלויבט.
אַזאַ מין ליד איז נישט צעשויבערט און פאַרשטויבט,
און ביי דעם ערשטן טראָט אויף אונדזער ערד אין גאַנג,
דערהערט דער מענטש געזאַנג.

ז. ווײַנפּער

מענטשן

איך זינג דאָס געזאַנג פון דעם מענטשן
וואָס האָט זיך מיט וואָס דאָ צו בענטשן,
און פילט זיך נישט קיינמאָל אַלייניק.
איך ברויז מיט געברויז אויף דעם מענטשן,
וואָס שעלט, ווען געדאַרפט וואָלט ער בענטשן,
ווײַל אַלץ, וואָס ער האָט, איז אים ווייניק.

איך שטורעם דעם שטורעם פון מענטשן,
וואָס זוכן, און בענקען אַ מזומן צו בענטשן,
און קאָנען אַזוינס נישט געפינען.
איך וויין דאָס געוויין פון די מענטשן,
וואָס האָבן נישט וואָס דאָ צו בענטשן,
ווײַל אַלץ דאָ אַרום איז רואינען.

איך חלום דעם חלום פון מענטשן,
וואָס זאָגט צו אַ צייט, זיך צו בענטשן,
ווײַל זיין וועט מיט וואָס און מיט וועמען.
מיין גאַנג איז דער גאַנג פון די מענטשן,
וואָס גלויבן און טוען און בענטשן,
אַז קיינער זאָל קיינעם נישט דאַרפן פאַרשעמען.

נישט ליב אָבער זיינען מיר מענטשן,
וואָס האָבן אין זיך קיין באַגער נישט צו בענטשן,
און אויך קיין באַגער נישט צו שעלטן, —
זיי זיינען פאַרבלאָנדזשעטע מענטשן,
און פרעגט זיי בחרם, וואָס שעלטן, וואָס בענטשן,
אַז זייערע השגות זיינען נישט אונדזערע וועלטן.

גאָפּער גאַפּיקער מיט דיין פאַרגאַפּטן ליד

גאָפּער, גאַפּיקער מיט דיין פאַרגאַפּטן ליד,
גיי נישט אום פאַראיינזאַמט און פאַרלוירן! —
פונעם אומרו אין דיין אויפגעשרויפט געמיט
ווערט די שיינקייט דאָך אויפסניי געבוירן!

ווער אַשטייגער וואָלט דאָ היינט דערזען
שיינקייט פון אַ נאַכט, וואָס איז פאַרגאַנגען.
שוין נישטאָ דער נעכטן, וואָס איז דאָ געווען?
זע, אָט איז ער אין די שטילע ווידערקלאַנגען!

שורהלעך אויף אַ שטיקל ווייס פּאַפּיר
פאַרן שלאָפן מיט אַ בלייער אויפגעשריבן, —
הער, אָט, זינגען זיי דאָך איצט צו דיר,
און די שיינקייט איז מיט אונדז געבליבן.

שטיבלעך ווייסע שוואַנען ביי דעם ברעג,
און אין טייך זיך טובלט די לבנה, —
זוניקער קאַיאַר איז נאָך ערגעצוואו אין וועג,
קאָן זי דאָך זיך טובלען אָן סכנה.

און די שטערן, העל־צעפינקלטע, דאָך אויך
פליוסקען זיך, ווי קינדערלעך פאַרשייטע, —
מאָדנע — פונקט אַזוינע זיינען אין דער הויך,
אָבער יענע זיינען קילע און אַזוינע ווייטע.

אָט אַפּנים, אַז עס ווענדט זיך אויך אין אָרט, —
ערטער בייטן אַלצדינג איבער, —
ליב איז די לבנה אין די הויכן דאָרט,
אָבער אונטן אינעם וואַסער איז זי ליבער.

ז. וויינפער

אַזאַ זילבערדיקע איז דאָ היינט די נאַכט,
רואיק שלאָפט שוין לאַנג דער גאַנצער ישוב, —
בלויז אַזאַ, ווי איך, בין דאָ צעוואַכט,
איז דאָס אפשר אָ מין כישוף?

גיין שוין, גיי, — אינמיטן דרינען כישוף גאָר!
אַז מען ווערט פון שיינקייט אָט אַזאַ געטראָפן,
מישט זיך חלום אויס אין דיר מיט וואָר,
און אַ שאָד איז אָט אַזוינס דאָך צו פאַרשלאָפן.

אַלע מענטשן שלאָפן שוין אָט דאָ פון לאַנג, —
זאָל דער שלאָף זיי וואויל באַקומען!
איך בין איצט מיט אַזאַ וואונדערלעך געזאַנג
אין מיין האַרצן שטאַרק פאַרנומען.

וואָס אַזוינס מיין האַרץ אָט דאָ באַגערט?
פרעג מיין טראָט, וואָס איז צעטרעטלט!
פאַר אַ שיינקייט אָט אַזאַ אויף אונדזער ערד
בעטלט איצט מיין האַרץ, און בעטלט.

בעטלען, זאָגן מענטשן, איז נישט שיין, —
און די שיינקייט דאַרף מען זיך אַליין באַשאַפן!
איז דאָס אמת, יאָ, אַוודאי איז געמיין
אומגיין גלאַט אַזוי און גאַפן, גאַפן!

גאַפער, גאַפיקער מיט דיין פאַרגאַפטן ליד
טראָגסטו צום לעבן אונדזערן דיין חלק, —
זע, דער נעכטן אינעם היינט איז העל צעגליט,
און דער גלי איז הייליק! הייליק! הייליק!

ביי אַ ברעג פון אַ לבנהדיקן טייך
שטיבלעך, ווי די שוואַנען ווייסע, —
ערגעץ אין אַ וויטער, אומעטיקער קעניגרייך,
בענקט אַ קינד אין אַ בעטל נאָך אַ מעשה.

ל י י ד   א ו ן   פ ר י י ד

מעשה וויל דאָס פון דער ווייטער ווייט, —
קינדער ווילן אַלצדינג קאָנען, וויסן.
ווייטקייט איז פאַר זיי אַן איבערבייט, —
בייע שיינקייט צו באַנעמען און געניסן.

שיק איך איצט דעם דאָ צום דאָרט,
ווייל אַזוינס איז דאָרט נישטאָאיק, —
זאָל דער דאָרט דורך זעלבן וואָרט
שיקן אונדז, וואָס דאָרט איז דאָאיק!

זיי געבענטשט, אָ, גאַפיק וואָרט פון דאָרט און דאָ
מיט דיין אייביקער און הייליקער שליחות, —
אומעטום גייט אויף צו דיר אַ ברוך־הבא,
ביסט ביי אַלעמען דער גרעסטער יחוס!

אויסטערליש — אַ וואָרט אַ שיינס

אויסטערליש — אַ וואָרט אַזאַ, — האָב איך דאָס פון אַ צדיקס מויל געהערט?
מאָדנע, ווי אַ וואָרט קומט אָן אַמאָל און הויבט דיך אָן באַצווינגען!
קומט צו דיר מיט חשיבות, און מיט זיכערקייט, אַז עס איז באַגערט,
און אַז דו וועסט אין דערהויבונג קדוש, קדוש צו דעם זינגען.

אַז עס וויל נישט עפּעס אַנדערש, ווי נאָר הערן איצט צו זיך אַט אַזאַ געזאַנג,
אין ביי מיר נישטאָ דאָך אין מיין מוח גאָר די מינדסטע ספקות.
אָבער איך באַנעם נישט הלמאי איז אַ וואָרט אַזוינס מיט אַט אַזאַ פאַרלאַנג
נישט געגאַנגען צו דעם זינגער מיט דער שמן־זיתדיקער דבקות.

אויסטערליש, — אַ וואָרט אַזאַ פון אַטלעס און פון זייד אין גלאַנץ פון שבת־ליכט,
וואָס־זשע קאָן אַזאַ ווי איך אין אַט די שווערע, גרויע טעג דעם געבן?
סיידן, אַז דאָס זעט די שווערע כמאַרעס איבער מיר, און דעם רויך, וואָס איז געדיכט,
און עס וויל מיט ביסל שבת־יום־טובדיקייט פון זיך באַהעלערן מיין לעבן?

יענער אָבער וואָלט דאָך מיט פאַרגלאַצטער פרומקייט אויפנעמען אַט אַזאַ מין גאַסט.
אין דער בעקעשע באַגאַרטלטער, און אין ווייכן שטריימעלע פון עכטן סויבל,
וואָלט ער דעם אַנטקעגן דאָך געגאַנגען מיט אַ פרומער מינע, ווי עס פּאַסט
פאַר אַ צדיק, וואָס אין מקוה־וואַסער איז זיך דריי מאָל טובל.

אויסטערליש, — אַ קליינינקייט אַזאַ מין וואָרט, — עס איז דאָך עפּעס, ווי מען זאָגט,
לויטער שמן־זית, און דער לויטערסטער און ריינסטער סולת־שבסולות!
בלויז אַ קוק צו טאָן דאָך אויף דעם ריינעם טלית, וואָס עס טראָגט.
אדרבה, זעט, — כולו תכלת, ממש אָן דעם מינדסטן ביסל פּסולת.

בנאמנות — איך באַנעם נישט, וואָס אַ גאַסט אַזוינער וויל דאָ איצט פון מיר?
איך וואָלט שווערן, אַז עס איז דאָ עפּעס גאָר אַ גרויסער טעות!
שטיי איך טאַקע אַ געפּלעפּטער, — זאָל איך אפשר צומאַכן פאַר אים די טיר,
און אים דורכן שליסל־לעכל זאָגן, אַז אַזאַ, ווי איך, נישטאָ איז?

נישט געוועזן דאָ אַט אַזוינער גאָר אפילו, — נישט געזען און נישט געהערט,
אויב ער גלויבט נישט, קאָן ער פרעגן דאָך ביי יענע דאָרטן,
וואָס באַהערשן אַלדאָס גוטס אויף אונדזער גאַנצער, קיילעכדיקער ערד,
צי עס איז אַמאָל געוואָקסן אַט אַזאַ געוויקס אין זייער גאָרטן.

אַ סימן? — אַט אַזאַ, ווי זישע ווייַנפּער איז ביי זיי נישטאָ,
סיידן ווען נישט ווען, אַ פּיל, אַ גיפטיקע אויף אים צו שיסן.
איז וואָס־זשע טוט מען מיטן גאַסט, וואָס איז ביי מיר איצט דאָ?
זאָל איך איצט פאַר אים די טיר פאַרשליסן?

זאָל איך טאַקע? דינט מיר אָבער נישט דאָס קול דעם גאַסט אַזוי מקבל פּנים זיין.
שטיי איך און איך זאָג אים גאַרנישט, און מיין פּנים איז אַוודאי פול מיט חידוש, —
אויסטערליש אַ וואָרט אַ שיינס. זע, אַזוי פיל העל־צעהעלטע שיין,
און די שיין איז אַ געלייטערטע און איז דורכאויס יידיש.

נעבעך, נעבעך, אַ רחמנות אויף אַזאַ מין שטראַליק וואָרט, —
נעמט און לאָזט זיך פון איר גלייכן וועג אַזוי אַרונטערפירן!
ווייסט אַפּנים גאָרנישט, אַז פאַראַן איז נאָענט דאָ אַן אַנדער אָרט,
וואו מען טוט אַ זינגער פאַר וואָרט אַזוינס באַקרוינען און פּרעמירן.

און אַ זינגער אַט אַזאַ, וואָס ווערט ביי אונדז כאָטש איין מאָל נאָר פּרעמירט,
איז פאַרזאָרגט מיט ביידע וועלטן — וואָרט זיינס איז צווישן די לעילאַ ולעילא.
מאַלע, וואָס עס טרעפט זיך דאָרט פון צייט צו צייט אויך, — עס פּאַסירט,
אַז אַזוינער איז אַמאָל נישט מער, ווי בלויז אַ פּוסטע כלי.

אָפּגענאַרט און אויסגענאַרט, אָבער מיט אַזאַ מין וואָרט, ווי אויסטערליש
איז נישט שייך דאָס געניאַר, ווייל דאָס וואָרט אַליין איז גרויסער יחוס, —
מיט אַ וואָרט אַזאַ קאָן יעדער אויגנגלאַצער גיין צום טיש,
און פאַרטרויען דעם אפילו אַ משיחישע שליחות.

אויסטערליש, — אַ קלייניקייט דיר אויסטערליש! — זעט נאָר, זעט, עס איז נאָך מער
העל־צעהעלטער און צעשיינט, ווי אויף פענצטער פון אַ יאַטקע די ווערטער: „בשר־כשר!“
אויב עס דינט מיר דער זכרון און עס זאָגט מיר אונטער ריכטיק מיין געהער,
איז דאָך אַט דאָס וואָרט געהייליקט אין אַזאַ מין ספר, ווי דער „קב־הישר“.

באמנות, אַז גאָר קשה איז מיר, — זאָל איך אויפנעמען אַזוינס? צי ניין?
נישט קיין קלייניקייט אַזוינס דאָך צו באַשטימען. שווער איז דער נסיון!

זאָל איך אויפדעקן איצט פאַר דעם, ווי דאָס לעבן אונדזערס איז געמיין,
איז מיר אַ רחמנות אָנצוטאָן אָט דעם ריינעם וואָרט אַזאַ בזיון.

גיי דערצייל דעם, אַז מנובל איז אין שטריימל און דער שקרן איז ביים אויבנאָן,
גיי דערצייל דעם, אַז דער מסור האַלט דעם טראָלד פון דעם פּרוכת,
אַז דער חונף טראָגט ביי אונדז דאָ אומעטום פאָראויס די פאָן,
און נר־תמיד אויפן עמוד טשאַדעט און פאַרטשאַדעט אַלע מוחות.

אויסטערליש, אוי, אויסטערליש, איך נעם דאָך אויף מיט כבוד דיין באַזוך,
אָבער וויסן זאָלסטו וויסן, אַז נישט עולה ביסטו דאָ ביי מיר דאָך צו גדולה.
ווילסט געזאָנג זיין צווישן די געזאַנגען פּשוטע אין מיין איצטיק בוך?
אדרבה, מהיכי תיתי, אָבער נישט געהערן וועסטו צו יחידי־סגולה.

נישט געזונגען וועסטו ווערן מיט פאַרגלאָצטקייט צו דער הויכער הויך,
און מיט קרוין קיין גלאַנציק־גאָלדענע וועט דיך קיינער דאָ נישט קרוינען.
אָפּט מאָל וועט דיך אויסקומען זיך אומצעוויגן אין אַ שווערן טשאַד און רויך,
און מיט האָרעפּאַשנע, פּראָסטע מענטשן וועסטו מוזן וואוינען.

ביסטו אָט אַזוינס מקבל איצט? — איז אדרבה, קום אַריין, דערפריש,
און אין פּשטות אונדזערער וועלן מיר מיט דיר שטאָלצירן.
אָבער זאָג נישט, אַז איך האָב דיך נישט געוואָרנט, אָ, דו אויסטערליש,
הער, איך וואָרן דיך, ווייל איך וויל דיך נישט פאַרפירן.

האָרעווען וועסטו ביי מיר גאַנץ שווער צוגלייך מיט יעדן וואָרט,
און נישט בלאָזן זיך אויף קיינעם מיט דיין גרויסן יחוס, —
וועסטו זיך אַ בלאָז טאָן, ווי מען בלאָזט זיך דאָרט אין יענעם אָרט,
שיק איך דיר אַוועק, און גיי זיך דיר צו אלדי רוחות!

סיידן ביסט גאָר מיד געוואָרן פונעם פוסטן גלאַנץ דאָרט ביי דעם אויבנאָן,
און דיר ווילט זיך דאַוועגען אין פאָליש דאָ מיט אונדז בציבור?
שוין געטראָפן אָט אַזוינס, אַז אַ שיינער מלך האָט פאַרלאָזט זיין טראָן,
און איז צו דעם פּראָסטן פאָלק אין דער נידער, אַ שטראַליקער אַריבער!

מאָדנע, ווי ערשט דעמאָלט האָט דער מלך זיך צעהעלט, צעשטראַלט,
ווי די העלע זון צו ווייטע ווייטן און די הויכע הויכן,
ליב געקראָגן האָבן דעמאָלט אים פיל שטאַרקער נאָך סיי יונג, סיי אַלט,
און די שיינקייט זיינע האָט געקראָגן גאָר אַ נייעם זין און אַ טיפן תוכן.

אַ קאַיאָר ביים האָדסאָן

אין די וואַסערן, די לויטערע, מנוחהדיקע פון דעם ברייטן האָדסאָן,
באָדט זיך איצט אַ זינגעוודיקער מיין קאַיאָרעדיקער שיינער חלום.
ווינטל מילדס און ווייכס איז צעוויגט, זאָגט אַוודאי איצט אַ יהי רצון
פאַרן טאָג, וואָס איז אין גאַנג אַהער, אַז דערגיין זאָל ער בשלום.

ווינטל ווייסט, ווינטל האָט אין וועג דאָך שוין אַזוי פיל טעג באַגעגנט.
איינער קומט אַן אָנגעלאָדענער און ער קערט זיך אום אַ לערער,
צווייטער קומט אַ ליידיקער און פאַרנעמט דאָס רייכקייט פון דער געגנט,
קרעכצנדיק דער'ביי, אַז דערוואַרט האָט ער פאַר זיך פיל מערער.

מילא, נו, דאָס ווינטל, — מאַלע דאָרטן, וואָס אַ ווינטל ווינטלט אין דיין אויער,
זאָל דער גוטער יאָר נישט קאָנען אָט דאָס ווינטלדיקע ווינטלען, —
אַזאַ ווינטל קאָן אַ צי טאָן איבער מיר אָט איצט אַ טרויער,
און פּאָעט מעשטיינסגעזאָגט, קאָן גאָר זיך איצט אַנידערזעצן פינטלען.

גיי, לאָז דאָ איבער אַ קאַיאָר אַזאַ. וואָלקנדל פון הויבן צעקאָלירט זיך, —
גוט איז דעם מסתמא דאָרטן אויבן אין פרימאָרגנדיקן דרימל, —
זע, אַ רויכל, אַזאַ דינס, גייט אויף פון עמיצנס אַ קוימען און פאַרלירט זיך
צווישן גרין־קאָלירנדיקער ערד און דער בלויקייט פונעם הימל.

אַלצדינג דאָ אַרום איז אַ שיינע כלה, און דערצו מיט אַזאַ רייכן נדן,
אַזוי שפעדיק איז אַלץ. זע, — אַזוינע פעטע און קאָלירטע שפראָצן.
אַזאַ רחבותדיקע זון וואַרפט פולע הויפנס שטראַלן אויף די פאַליסאַדן,
און נאָך מערער אויף דעם שפיגלדיקן וואַסער פונעם האָדסאָן.

אויג איז דורשטיק, טרינקט די ברכהדיקע שיינקייט אויף די ברעגן,
נאָר דאָס ווינטל, אוי, דאָס ווינטלדיקע ווינטל, וואָס־זשע וויל עס ?
ערד און וואַסער און דער הימל גייען זיך מיט פרייד אַנטקעגן,
און דאָס ווינטל, אוי, דאָס ווינטל, — טרייבט דאָס נישט אַמאָל רכילות ?

ברכהדיקע שעה, — זע, זי וועבט אַזוינע שלווהדיקע, שטראַליקע געוועבן !
פלוצלינג אַ פאַרדאַרטע האַנט צו מיר אַן אויסגעשטרעקטע, —
— ברודער, איך בין הונגעריק, — אפשר קאָנסטו מיר אַ ניקל געבן ?
און די שיינקייט אַרום מיר ווערט פלוצלינג אַ פאַרפלעקטע !

ז. ווײַנפּער

אונדזער לאַנד אַמעריקע

שווערע טעג און נעכט. די לופט איז פול מיט שנאה און היסטעריקע.
די ליבע אויגן פון דער פרייהייט־וועכטערין זײַנען טרעריקע,
און פּנים אירס צערויטלט איז פון בושה
פאַר די, וואָס טרעטן מיט די פיס אויף דער ירושה
פון דזשעפערסאָנען,
פון לינקאָלן, פון עמערסאָנען,
און וויטמאַנען, דעם זינגער פון דער דעמאָקראַטיע.
ווי פײַנלעך מוז איר זײַן פון די, וואָס קוקן מיט אַפּאַטיע
אויף די באַצילן, די כאָליעריקע
אין אונדזער שײַנעם לאַנד אַמעריקע.

אָ, פרייהייטס־וועכטערין, — דײַן ליבע האַנט, די אויסגעשטרעקטע
איז איצט מיט שווערע און געדיכטע כמאַרעס דאָך אַ צוגעדעקטע.
די העלע שײַן פון לאָמפּ צעצונדענעם אין דײַנע פינגער
פלעגט דאָך אין חושך פון דער נאַכט צעליכטיקן דאָס האַרץ פון זינגער,
און ליד זײַנס אויפגעגאַנגען איז און נישט אויפגעהערט צו שטײַגן,
און איצט? פאַרזונקען איז ער אין עקשנותדיקן שווײַגן!

אַזאַ פּחדנות איצט. פאַרכמאַרעטע די אויגן, פאַרשטיינערטע געמיטער.
עס קלאַפּט דאָס האַרץ פון לאַנד אין ציטער,
ווײַל שווערע זײַנען איצט בײַ אונדז די שעהען.
אַ סטייע שוואַרצע, קראַקנדיקע קראָען
פאַרליאַרעמען בײַ אונדז די הויכן,
און אָנגעכמאַרעטע צעקנוילן זיך די רויכן
פון קוימענס איבער אונדזערע פאַבריקן.
די שטאָלצע, שײַנע, הענגענדיקע בריקן
אַריבער טײַכן אונדזערע, וואָס פלעגן,
ווי האַרפן אין דער לופטן אויסשפּילן אַ טרייסט דעם וואַנדערער אַנטקעגן,
פאַרשטומטע זײַנען איצט, ווײַל איבער זיי אַזוי פיל ווינטן קאַלטע און פאַרצעריקע, —
אָ, פרייהייט־וועכטערין, — פאַרוואָס איז אַזאַ שרעק אין אונדזער לאַנד אַמעריקע?

איז דאָס מײַן לאַנד מיט וואָס איך הער נישט אויף מיט דעם זיך אומעטום צו בענטשן?
און בענטשן זיך איז דאָ מיט וואָס. אַזוי פיל וואונדערלעכע מענטשן
פאַרבייגעגאַנגען זײַנען דאָ און געלאָזן אונדז ירושה.
ווער זײַנען זיי, אָט די, וואָס וואָגן צו פאַרשוועכן די קדושה
פון די, וואָס האָבן אָנגעפילט מיט רײַנעם אויל דאָ אונדזערע מנורות,
אַז בלענדן זאָלן זיי פאַר אַלע קומענדיקע דורות?

זיי זיינען ווירבלדיקע ווינטן, וואָס ברויזן מיט היסטעריקע, —
זיי זיינען נישט אַמעריקע!

אַמעריקע איז פריי, — זי איז דאָס קינד פון בראַווע,
וואָס האָט נישט איין מאָל שוין פאַרשטעלט די בריענדיקע לאַווע,
אין איר געיעג צו צינדן איבער אונדזער לייב געשווירן.
אַמעריקע — דאָס לאַנד פון פאַרביקע קאָלירן
און וויטאַמינעדיקסטע שפּראָצן
ביים דעלאַווער, ביים מיסיסיפּי און ביים האַדסאָן, —
די טייכן — שפּילעוודיקע, זינגענדיקע, ריינע.

אַמעריקע — דאָס לאַנד פון קוילנגרעבער אין דער פּענסילווייניע,
פון האַראַפּאַשנע שטעפּער
ביי די מאַשינען אין די שעפּער,
פון בויערער,
פון מויערער,
פון זייער און פון שניטער.
נישט איין מאָל האָט געטראָפן — אַ געוויטער,
און מענטש האָט אומרואיק געציטערט אויף זיין נאַכטיקן געלעגער, —
אַ שטריק האָט זיך פאַרצויגן אויפן האַלדז פון אַן אומבאַשיצטן נעגער.
אַ שופט דאָ און דאָרט, — אַ טויבער און אַ בלינדער
האָט פריי געלאָזט זיין שטראָפנדיקע פויסט אויף אומשולדיקע קינדער.
עס האָט געטראָפן און עס טרעפט, — נו, יאָ, אַוודאי!
אַזאַרטנשפּילער אין לאַסוועגאַס פון נעוואַדע
פאַרנעמען בלויז דעם גרילץ פון דרייעקע ראָלעטן,
און נישט דעם חלום פון פּאָעטן,
וואָס קלעטערט דורך די שווערסטע און געדיכטסטע רויכן
צו זון־צעבלענדטע הויכן.
אַזוי אויך יענע, וואָס ביי די פערד־און הינט־געיעגן אין מיאַמי!
נאָר מיט דעם נביא זאָגן מיר, — אַ, נחמו, נחמו עמי, —
אַמעריקע איז נישט אָט דאָס, וואָס איז גרויסמוילי‌ק,
און גרילצנדיק, און גרויליק. —
פאַראַנען דאָ ביי אונדז אַזוי פיל תמימותדיקע מענטשן,
און גוט איז זיך מיט זיי צו בענטשן,
אַ, פרייהייט־וועכטערין, וויש אויס די טרערן,
און לאָז דיין קול, דאָס שטאָלצע, הערן, —
פאַרבייגיין וועט דאָך די צעווילדעטע היסטעריקע,
און ליכטיקן וועט אַ צעהעלטס זיך אונדזער לאַנד אַמעריקע.

ז. ווײַנפּער

אַ האַרץ זאָגט יהי־רצון בײַם האָדסאָן

אָ, יהי רצון מלפניך — אַז װינט, װאָס װינטיקט איצט, און זאָגט פּאַראױס אַ שטורעם,
זאָל זיך פאַנאַנדערגײן אין אונדזער לופט, װי רױך פון אונדזער קוימען,
און אױפפליִען זאָל ער זיך אָט דאָ אײַנגאַנצן. שױן געװען גענוג, גענוג יסורים
אין אונדזער דור דעם אױסגעפּײַניקטן. עס בענקט אַזױ דאָס האַרץ נאָך שלום אין די רױמען,
און נאָך מנוחה אױף די װעגן אונדזערע. די ערד איז מיד שױן פון דער שנאה
פון שלאַנגען גיפטיקע, פון צײַן די װעלפישע, און פון די שעלטנדיקע קראָען.
עס מוז דאָך ערגעצװאו נאָך זײַן אַ שטיקל ערד מיט בערגלעך װײכע, גרינע,
װאו טױבן װײַסע װאָרקען אין דער שטיל די ליבשאַפט צו מנוחהדיקע שעהען.
שפּאַן, שפּאַן מײַן טראָט, — דו ביסט דאָך שױן געװאױנט אַזױ צו שפּאַנען
דורך נאַכט צו דעם קאַיאָר, דורך מדבר צו אַ פעלד מיט זאַפטיק־גרינע שפּראָצן, —
די שעה װעט זיך באַװײַזן, — די שעה, װאָס איז דאָך ערגעצװאו פאַראַנען,
און זוכט דעם װעג צו מיר, װי איך צו איר, מיט מײַן תפילהדיקן יהי רצון.

אָ, יהי רצון מלפניך, אַז העל־צעהעלט זאָל אױפגײן איבער מיר דײַן פּנים,
װאָס איז פאַרשלײַערט מיט אַ נעפּלדיקן שלײַער און גרױליקע װאָלקן.
זע, זע, אַזױ פיל רשעותדיקע, שנאהדיקע און צײַנער־קריצנדיקע שונאים
באַגערן אומעטום מיט מעסערס אָנגעשאַרפטע אין די הענט מיך צו באַפאַלן,
און פרעג בחרם זײ פאַר װאָס? האָבן זײ דיר דאָך נישט װאָס צו זאָגן.
נאָר דאַרף די רשעותדיקע שנאה האָבן דען אַ סיבה?
די רשעותדיקע שנאה האָט אַ טבע זיך אַרומצװאָגן,
און ברומען גרױלנדיקן צאָרן בײַ די שױבן פון צעלױכטענער מסיבה.
װאו רױ־ערד גיט אין ליבשאַפט זיך צום אָנגעשאַרפטן שאַרף פון אַקער,
און דער פאַרזײער זינגט די האָפענונג צום פעלד, פאַרזײענדיק די קערנער,
גײט אױף די אױפגערײצטע שנאה, װי אַ בײזער פלאַם אין פלאַקער,
און רײַסט זיך, װי אַ װילדער אָקס מיט זײַנע הערנער.

אַלץ, אַלץ, װאָס רײַסט זיך צו די העלע הױכן פון דעם חושך און דער נידער
אין בענקשאַפט צו דער זון, — צו האָריזיאָנטן לױטערע אין די באַגערן,
איז צאָרן פאַר דער שנאה, און דער רשעות ברױזיקער איז דאָס דערװידער,
און גאָרנישט אסור איז פאַר זײ דעם גאַנג פון אָט אַזױנס צו שטערן.

באַדאַרף מען סם, איז דאָ ביי זיי אַזוינס געֵנוג, — זיי זיינען דאָך די שפּראָצן,
וואָס ציִען די יניקה פון יעדע מין געמויזעכץ און פון יעדער בלאָטע.
כדי דעם אומשולד צו פאַרפּירן, ווייסן זיי, ווי אַזוי די אויגן גלאָצן,
און טלית אָנצוטאָן אויף דער שבתדיקער, זיידענער קאַפּאָטע.
דעם טמאדיקסטן ממזר־בלבול פּרעפּלען זיי אין פרומקייט פון אַ תפילה,
און קדוש, קדוש שפּרינגען זיי צו יעדן וואָרט פון וויסטן שקר,
מסירה זיינען זיי דאָך מתיר מיט ווערטער שמן־זיתדיקע שטילע,
און פּרעפּלען ברכות אויף יעדן שאָטן, וואָס איז אַן איבערשרעקער.

אַ, יהי רצון מיינער פאַר דער ליבשאַפט, פאַרשטיל דאָך נישט דעם צאָרן,
וואָס ברויזט אין מיר צעברויזט און ווייטיקדיק אַנטקעגן אַט אַזוינע!
אין ליכט פון די צעגילדעטע, צעשטראַליקטע, דערוואַרטעטע קאַיאָרן,
ווערט קרעציקער און ברודיקער דאָס וויסטע פּנים פון דער זונה,
וואָס מאַכט דעם אָנשטעל פון אַ פרומע גבאיטע, אַ צנועה,
פאַר מענטשן אומשולדיקע, נאַאיווע און פאַרגלויבטע.
פאַר אַט אַזאַ האָט דאָך דאָקטאָר קיין קיין שום רפואה,
ווייל ליבער נאָך פון רויב איז איר דער צער פון די באַרויבטע, —
פּרוּואָו גיב איר פרייד אין נאָמען פון דער ליבשאַפט אויף באַגילדטע טאַצן,
און זי וועט ווידער־ווילִיק פון אַזאַ מתנה מיט דער נאָז פאַרדרייען,
ווייל ליב איז איר נאָר יענעמס לייב אין וואונדן צו צעקראַצן,
און ווערעמען, פאַרווערעמען געזונטע קערבער, וואָס אַנדערע פאַרזייען.

וואוהין־זשע פירט מיך היינט מיין טראָט? זע, זע, אַט בין איך ביי דעם האָדסאָן,
דעם טייך, באַליבטן מיינעם, וואָס פליסט מיט אַזאַ רחבותדיקער שיינקייט.
אַ, האָדסאָן, ליבער! האָסטו דערהערט מיין שטילן תפילהדיקן יהי־רצון
פאַר שעהען פון מנוחהדיקער שטילקייט, וואָס זאָלן בלענדן אין דער ריינקייט,
ווי די, וואָס איז איצט איבער דיר, און אַרום דיר אַזאַ געבענטשטע?
אַ דאַנק, אַ דאַנק פאַר קומען אין דער שווערקייט מיינער, מיר אַנטקעגן!
ווילסט ווויסן, וואָס עס הערט זיך איצט אין די ישובים, די באַמענטשטע?
פיל בעסער וואָלט געווען, אַז זאָלסט אַזוינס ביי מיר נישט פרעגן,
ווייל אַזוי מיד בין איך פון דער צעיושעטער, צעשויבערטער היסטעריקע,
וואָס רייט איצט אויף די רוקנס פון די ווינטן, און וועקט, צעוועקט אַ שטורעם.
אַ, זיי געבענטשט, געשטאַרקט, מיין לאַנד, מיין וואונדערלעך אַמעריקע,
און לאָז נישט אויסלעשן דאָס העלע ליכט פון אונדזער טורעם.

ווי פיינלעך איז צו זען געטרייע בירגער זיך דערשרעקן, ווי די האָזן,
פאַר יעדן מינדסטן ווינטעלע אויף בלאַט פון בוים, וואָס איז מיט זיי בשכנות.

ז. װײַנפּער

דער הפקר־יונג, דער ווינט, ווערט חוצפּהדיקער און לאָזט זיך וואוילגיין מיט זיין בלאָזן
אויף אַלץ, וואָס איז צעגרינט, צעבליט, צעהעלט, און שיין און ריין איז
אין אונדזער פרייער, העל־צעלויכטענער שוין דורותדיקער דעמאָקראַטיע.
אָ, ווהיטמאַן אונדזערער, מיט דיינע שטראַליקע און הערלעכע געזאַנגען!
זע, זע, ווי די פּחדנות וואַרפט דאָס האַרץ אַריין איצט אין אַפּאַטיע,
דער ווינט רייסט אויס די רייפסטע קערנער פון די זאַנגען,
און וואַרפט זיי איבער מדבר־זאַמדן אין געברויז פאַנאַנדער,
און ביימער ברעכן זיך און פאַלן צו דער טיפער נידער, —
וואָס איז געוואָרצלט דאָ געווען פון דורות, איז דאָך איצט אין וואַנדער,
און וואָס געווען צונויפגעוועבט, איז צווישן זיך איצט קידער־ווידער.

איז וואָס וועט זיין? צו וואָס וועט אָט אַזאַ מין צאָרנדיק געברויז דערפירן?
די רשעותדיקע שנאה רייסט זיך אומעטום, ווי הונט פון קייט ביים טויער,
אויף ריגלען און אויף שלעסער זיינען איצט דאָך דאָ ביי אונדז די טירן,
און מעטנש פאַר מענטשן האָט נישט איצט קיין אויג, קיין אויער.
איז וואָס וועט זיין? — עס איז דאָך אָט אַזוינס נישט מער צום איבערטראָגן,
און ווילסטו אויסשרייען, האָסטו מורא, ווייל מען וועט דיך דאָך פאַרטייטשן
אין עפּעס גאָר אַזוינס, וואָס דו האָסט נישט געמיינט צו זאָגן, —
דאָס לייב דיינס איז אַ ווייכס, — עס שרעקט זיך פאַר די בייטשן,
וואָס זיינען איצט אין אונדזער גאַנצער לופט אין גרויזאַמקייט צעוויגטע.
איז וואָס וועט זיין? דאָס האַרץ איז אויפגערודערט, און עס הערט נישט אויף צו פרעגן? —
נאָך גוט, וואָס אָט די בייטשער מיט די בייטשן זיינען צווישן זיך אַליין צעקריגטע,
און פאַכען אין דער זעלבער שנאה איינע צו די אַנדערע אַנטקעגן.

אַז ווי און ווינד, וואָס מער, ווי אָט די טרייסט איז איצט נישטאָ דאָ אונדז צו טרייסטן,
נאָר ווען מען טרינקט זיך אין אַ ים, כאַפּט אַן אַ האַנט זיך אַן אַ שטרוי אפילו.
דאָס האַרץ איז אָנגעפילט מיט בענקשאַפט נאָכן טאָג, דעם אויסגעלייזטן
פון אָט דעם אומרו און דער שרעק, ווען שעהען רואיקע, און שטילע,
זיך וועלן ציען, ווי דער פלוס דאָ דיינער, אָ, האָדסאָן, דו, מיין ליבער,
און זינגען וועלן זיי מנוחהדיק געזאַנג פון העלער אויפגעהעלטער ליבע,
און מענטש מיט מענטשן וועט פריידיק און דערהויבן תפילה טאָן בציבור,
און פרייען זיך ביי טיש געגרייטן אין צעלויכטענער, צעזונגענער מסיבה.
דאָס האַרץ איז אויסגעבענקט דאָך שוין אַזוי נאָך אָט אַזוינע שעהען,
ווייל נאָך נישט טויט איז דאָך די ליבשאַפט, אָ, ליבער, ליבער האָדסאָן, —
אַ סימן? זע, זע, עס שוועבן איבער דיר די טויבן העכער פון די קראָען,
און צו די טויבן אָט אַזוינע גייט פון האַרצן מיינעם אויף דער יהי רצון.

ליד און פרייד

אַ טויבן, טויבן, שוועבנדיקע אין די הויכע, הויכן דאָ אַזוינע ווייסע!
שוועבט! שוועבט! ווי שיין איר זענט אין אייער וואונדערלעכן שוועבן!
כל־זמן איר שוועבט נאָך אַט אַזוי, וועט דאָך די טרויעריקע מעשה
אַריבער אין אַ פרייד צעהעלטער, און זינגען וועט נאָך דאָ דאָס לעבן
דאָס ליד פון אויפגאַנג און צעלויכטענע באַגילדעטע קאַיאָרן.
די קראָען — רשעותדיקע, שנאהדיקע, קרענקלעכע, כאָליעריקע,
פאַרשטומטע וועלן ווערן, און איינע וועט די צווייטע אויפפרעסן אין צאָרן.
ווי שיין, און ווי מנוחהדיק עס זינגט מיין ליד דאָ איצט צו מיין אַמעריקע!
אַפּנים, נישט אומזיסט האָט היינט מיין האַרץ אַהער געצויגן, —
זע, זע, באַוויליקט האָט די רואיקייט אָט דאָ מיין תפילהדיקן יהי רצון.
די פּאַליסאַדן ציען צו דער זון זיך, ווי אויף אַ פעלד די סטויגן,
און שפּיגלען זיך אין שפּיגלדיקן שטילן פלוס פון רחבותדיקן האָדסאָן.

קאַיאָר צעגאָלדיקטער ווערט גאָלדיקער, און אַלץ אַרום ווערט פּילקאָליריק,
דאָס מידע האַרץ ווערט אויפגעלעבט, צעוואַכט און אַלץ צעוואַכטער,
און בליק, מיין אויסגעהונגערטער, פאַלט צו צו דעם אַרום דאָ אַזוי גיריק.
דער קוואַל פון זינגענדיקער פרייד, וואָס איז געווען אָט ערשט אַזאַ פאַרמאַכטער,
איז איצט אַן אויסגעפּראַלטער, כאַטש נעם און שפּרעך אים אָפּ אַן עין־הרע
אַנטקעגן דער פּחדנות, וואָס באַהאַלט זיך פון דער שיינקייט, דער צעוואַכטער.
דער האָדסאָן רעדט צו מיר מיט ווערטער אויסגעוואַשענע און קלאָרע,
און זאָגט מיר, אַז די שנאה, און די רשעות זיינען פון דער פרעמד געבראַכטע,
און פרעמדע זיינען זיי דעם תוך פון אונדזער פרייע דעמאָקראַטיע, —
אַ סימן האָסטו? הער, הער, דיין אייגן ליד, ווי האָפערדיק, ווי גלויביק!
זינג, זינג, און דיין געזאַנג צעוויגן וועט די הערצער פון אַפּאַטיע,
און אויפגיין וועט דער מענטש אָט דאָ אויפסניי זינגענדיק, דערהויביק!

געזונגען האָט דאָך אָט אַזוי וואָלט וויטמאַן, — דער ליבלינג דיין, באַליבטער, —
ווער נאָך ווי דו, איז אַזוי טיף באַזעלט פון זיינע הערלעכע געזאַנגען?
וואָלט ער געלעבט אין אָט די טעג, וואָלט ער נישט קיין באַטריבטער,
אַזוי ווי דו, אויף וועגן אונדזערע אַ קרעכצנדיקער דאָ אַרומגעגאַנגען.
ער וואָלט זיין קול געלאָזט פון זיך פאַראויס, און געוואָרן אַ דערהערטער!
איז דען נישט בלויז אַ צופאַל, וואָס ער איז דאָ געבוירן, און נישט ביים דניעפּער?
אַ מענטש איז נישט בלויז איין־און־איינציק מאָל אין לעבן אַ געבערטער, —
איז דאָס געבורט נישט פון דיין ליד ביי די מאַשינען פון ניו־יאָרקער שטעפּער?
און אַז אין דיר איז אויפגעגאַנגען היינט די תפילה יהי רצון,
האָסטו זי נישט געבראַכט אין ציטערניש אַהער צו מיינע ברעגן? —

ז. ווײַנפּער

אַזױ האָט װײך גערעדט צו מיר דער העל־צעזוניקטער, און פליסנדיקער האָדסאָן,
און הײמישער געװאָרן זײנען אין מײַן ליבן לאַנד מיר אַלע װעגן.

זעט, זעט, װי פרײ איך שפּאַן שױן װידער, און טראָג אַמעריקע אין מײַן יעדן אבר,
און זינג די ליבשאַפט דאָ אינאײנעם מיט די טויבן שװעבנדיקע װײסע.
אַן אײגענע איז מיר די ערד, — דאָס גרינס דאָ אויף מײַן ברודערס קבר
איז אין געװעב פאַרװעבט פון דער װאונדערלעכער מעשה,
װאָס איך דערצײל, זינג אויס, אין מײנע זינגענדיקע, אַמעריקאַנער לידער.
װאָס איז דער חילוק, צי ענגליש איז דאָס לשון אָדער מײַן באַליבטער ײדיש,
אַבי די מעשה איז פון טראָט, װאָס גײט אויף פון דער נידער
צו הויכקײטן צעלויכטענע, װאָס זײנען פאַרביקע און שפּעדיק־נגידיש
מיט אונדזער גרויסער שפּעדיקײט, װאָס איז די ברכה פון אַמעריקע.
גײ אויף, גײ אויף מײַן ליד, דו טראָגסט אויך װהיטמאַנען אין דײַן ירושה, —
אינאײנעם מיט ישעיהן, עמוסן, הושען און נאָך אַזוינע הי־געהעריקע,
איז אויך דײַן װאָרט דאָס הי־געבוירענע אין רײנקײט פון קדושה.

על חטא

על חטא פאַר דער רשעות ביטערער, וואָס איז אַזוי פיל מאָל אין מיר געווען.
אַ מענטש האָט זיך דערנעענטערט און איך האָב נישט געזאָגט — גענען,
רעד אויס דאָס שווערע האַרץ פאַר מיר, דערצייל,
און טייל
מיט מיר דיין פיין.
קיין חידוש נישט, וואָס שיין
צעשיינטע אויף מיין שוועל
איז נישט אינגאַנצן העל.

די זון, — זי איז פאַר יעדערן און אַלעמען אָט דאָ,
נאָר אַזאַ כמאַרעדיקע שעה
איז איצט אַריבער מיר.

אַ היימלאָזער האָט אויף מיין טיר
אַ קלאַפּ געטאָן אין אַ רעגנדיקער נאַכט,
און איך האָב זי פאַר אים נישט אויפגעמאַכט.

אַ קעצל אין מיין שטוב האָט זיך געלאַשטשעט וויך ביי מיינע פיס,
און איך האָב זיך געטאָן אַ ריס,
ווי ווילדער, ווינטיקער געברויז:
— אוועק פון מיר! אַרויס! אַרויס!
פאַרוואָס? פאַרוועןן?
דאָס האַרץ פאַרשטיינערט איז געווען
פאַר יענעמס איינזאַמקייט און צער, —
איצט צאָל איך שווער דערפאַר!

חטאים פון יאָרן לאַנג שוין קומען אָפּט צו מיר,
און גראַבלען אָפּטמאָל ביי מיין טיר,
און אַז איך עפן זי פאַר זיי און זאָג:
— קומט, נעמט וואָס איך פאַרמאָג, —
צעלאַכן זיי אויף קולות זיך,
און זאָגן — מיר ווילן דיך!

ז. וויינפער

איז ווי־זשע ווערט מען פריי פון דעם, וואָס איז מיר שווער?
אָט זיץ איך און איך טראַכט, אַז אפשר איז אַ זינד גאָר דער באַגער
צו וועלן זיך באַפרייען איצט פון דעם?
די שטראָף איז אַ פּאַרדינטע, און זע, איך נעם
זי אָן פאַר ליב.
און מורמל איך צו עמיצן — פאַרגיב,
איז אָט דאָס מורמלען נישט דערפאַר,
כדי פאַרגינגערן דעם צער,
וואָס איז אין מיין געמיט.
אַזוינס וועט אויך אפילו אָט דאָס ליד,
וואָס שרייט פון מיר אַרויס
— אין שווער געברויז
על חטא! על חטא! על חטא!
נישט אָפּוואַשן די זינד פון דעם פאַעט.

ש ו ו ע ר

אזא ציטער אין געמיטער,
ווער איז פריינט? און ווער איז שונא?
א פארשיכורטער דער היטער
אין די ארעמס פון דער זונה.

שונא צאלט מיט קופער־קלאנגען
פאר א שושקע אין זיין אויער, —
האגל איבער רייפע זאנגען,
און דאס פעלד אין טרויער.

בייזע ווינטן יאגן, טראגן
אש פון די עקדות, —
דאס געבליבענע — דערשלאגן, —
ווער קאן ציילן די אבדות?

מענטש מיט זאק אויף זיינע לענדן
און א פנים פון אן אבל,
און צו ווענדן זיך צו ווענדן,
אז עס הערשט בלויז דער מנובל?

טרעפט, א ליכטל זיך צעפלעמלט
איבער כמארעס און בזיונות,
לעבט מען אויף אביסל דעמאלט,
און מען טרייסט זיך מיט זכרונות.

די זכרונות ווערן חלום,
איז דאס א מדרגה,
חלום זינגט דאס ליד פון שלום,
ווערט דיר גריגגער אויף א רגע.

רגעס, רגעס — דאס אינגאנצן,
און וואס טוט מען מיט די שעהען?
שדים פרייען זיך און טאנצן,
און די טופן מיט די קלאען.

בייזער שטורעם אויף די וועגן,
אזא אומרו אין געמיטער,
נאכט און חושך איז אנטקעגן,
און אין לופטן שווערע ריטער.

ז. ווייגער

וואָרט, דאָס דורכגעגליטע

20 אויסגעזוונגען שוין פון זיך אַזוי פיל לידער,
און עס זינגט זיך ווידער,
אָן אַן אויפהער.
יעדער רוף פון שופר
עכאָט אָפּ אין מיין געמיט.
וואָרט ווערט אָנגעגליט,
און צעהעלט זיך, ווי אַ בשורה.
וואָרט געבערט, און עס וואַקסט אַ שורה,
און די שורה, אַ דערפרייטע,
ברענגט אַ צווייטע,
און אַ דריטע.
וואַקסן שורות אָנגעצונדענע, צעגליטע,
און קאָלירן זיך, ווי רעגנבויגן.
פּלוצלינג זע, — פאַר די אויגן
אַ פאַרמעגן.
גאָט, מיין גאָט! וויפל מעסערס, העק און זעגן
האָבן אָנגעוואוירן פאַר דער צייט די שאַרפן?
צייט צעפרעסט די סטרונעס פון די האַרפן,
און דאָס האָלץ פון פיינסטן פידל,
ווי דעם רידל
פראָסטן,
אָבער נישט דאָס וואָרט, וואָס איז פאַרמאָסטן,
און וואָס איז פאַר דער גערעכטיקייט אַ קריגער.

יצחק לייבוש פרץ איז נאָך אַלץ אַ היגער!
זע, זיין קייט די גאָלדענע, זי שמידט זיך,
און צעגליט זיך
אונטער שווערסטע יאָכן
דורך די גרויע טעג פון אינדערוואָכן
צו אַ שבת יום־טובדיקער לויטערער קדושה,
און אַזוי אויך די צעלויכטענע ירושה
פון אַן עדעלשטאָט, אַ ראָזענפעלד, אַ רייזען,
ווערטער זייערע, — זיי פירן, וויזן,
און וואָס ווייטער ווערן זיי נאָך מער נתגלה,
און נתעלה
צו די הויכן, און די ווייטן
איבער אַלע צייטן.

און איך זינג און זינג

גאָטס כשרע בהמה, — 12
זי ווייסט נישט פון קיין אימה,
זי האָט נישט קיין פחד.
זי איז זיך מתיחד
מיט וועמען? מיט וואָס?
זי כראָמטשעט דאָס גראָז,
און פרעגט נישט קיין קשיא.
מעלה גרהט די פּאַשע,
באַלעקט זיך פון קלייען,
און ווילט זיך איר שרייען,
איז מילא, — נו, נו.

— מו־הו! און מו־הו!
אין לופט טוט אַ הילך.

— זי האָט נישט קיין מילך
לאָזט וויסן דער פויער
זיין ווייבל ביים טויער.

— אַ ליידיקע כלי?
נו, מילא, נו, מילא,
נו, מילא, נו, נו.

— מו־הו! און מו־הו!

אין שטעלכל דערביי
זיך רייסט דער בוהאַי,
צו וועמען? צו וואָס?
ער בלאָזט דורך דער נאָז
פון עפּעס באַשווערט,

און הייס ווערט די ערד
אים אונטער די פיס.
אַ צי און אַ ריס,
נאָר שטייף איז די קייט,

די זון, — זי פאַרגייט,
דער אָוונט קומט אָן,
און פויער נעמט טאָן,
וואָס פויער באַדאַרף.

דאָס מעסער איז שאַרף,
און טוט, וואָס עס טוט,
די וועלט דאַרף דאָס בלוט,
דאָס פלייש און די פעל.

דער פויער איז שנעל,
דאָס מעסער איז פלינק,
און איך זינג און זינג
אַ לויב און אַ דאַנק,
וויל מענטש דאַרף געזאַנג
צום פלייש און די פיש
ביי אים אויפן טיש, —
כדי זיך צו פרייען,
און גרינגער פאַרדייען.

ווי דער דור־המדבר

אפנים, ווי דער דור־המדבר, איז נישט ראוי אויך נאך אונדזער דור
אנטקעגן גיין דער אויפגעהעלטקייט פון דער וואר,
וואס אט אזא איז דאך געווען זיין חלום.

אפנים, אז דאס בענקענדיקע ליד נאך רחבות און נאך שלום
איז גרינגער אים געווען צו זינגען, ווי איצט מיט דעם צו לעבן.

אזוי פיל שפעדיקע ברכה ווערט דאך אונדז געגעבן
אין טעג, די איצטיקע, און וואס געווען פארשלייערט און פארבארגן,
אנטפלעקט זיך היינט פאר אונדז, און זאגט צו מער נאך פארן מארגן,
איז וואס־זשע גייען מיר נישט אויף און זינגען נישט צו אויפגעפראלטע טירן,
וואס פירן אונדז, און הערן אונדז נישט אויף צו פירן און דערפירן
צו דעם עשירות אין די לאבירינטן פון יצירה?

פארוואס־זשע זינגען מיר נישט היינט קיין יובלדיקע שירה
צו דעם, וואס ווערט פאר אונדזער אויג געבוירן?

הערט, הערט, — מיר זינגען אלץ נאך שטיל, פארלוירן
דאס אלטע, ברומענדיקע ליד,
וואס אויסגעטראכט האט אונדזער שווער געמיט
אין אומעטיקע שעהען.

דאס קראקעריי פון שווארצע, קראקעדיקע קראען
פארזינגען מיר אין זיך מיט ווארקע פון די טויבן, ווייסע.
אפנים, אז מיר ווילן מער נישט, ווי א שיינע מעשה,
וואס זאל די קינדער אונדזערע און אונדז אליין צום שלאף פארוויגן.
מיר זיינען אלץ נאך אין געוועב פון עפעס אזא בענקענדיקן ניגון,
און אט דאס בענקעניש אליין איז אונדזער גאנצער תוכן.
ווי גרינג עס איז אונדז אין דעם חלום אונדזערן צו שוועבן אין די הויכן,

ז. וויינפער

און ווי באַשוווערט, און ווי פּחדנותדיק מיר ווערן פֿאַר אויפגעהעלטקייט אין דער וואָר.
נישט נאָר סאָליסט ביי אונדז, נאָר אונדזער גאַנצער כאָר
דערשרעקט זיך און ער פֿאַלט פּאַנאַנדער.

אַוודאי איז די וועלט נאָך היפּש אין וואַנדער,
און נישט קיין גרינגע זיינען אויך אפילו איצט די וועגן,
נאָר אוצרות פֿאַרביקע באַווייזן זיך, — אַזוינע פלעגן
דערפרייען אונדז אין חלום,
איז וואָס־זשע גיבן מיר זיי נישט קיין שלום
אין אונדזער אויפגעהעלטער וואָר ?

אַפּנים, ווי דער דור־המדבר איז נישט ראוי אויך נאָך אונדזער דור, —
ווי יענער אין פּחדנות פֿאַר דער ליכטיקייט פון משהס תורה,
אַזוי אויך אונדזער פּחד, און אונדזער מורא.

מען איז אַוועקגעפֿאָרן

אַ צעטל אויפֿן טיר פֿון הויז —
מען איז אַוועקגעפֿאָרן!
און ביי דער שוועל אַ מויז
זוכט אום אַ ווייץ, אַ קאָרן.

אַ בלייכע, אויסגעדאַרטע רויז
אין לאָפּע פֿון אַ דאָרן, —
באַלד, באַלד, און זי איז אויס,
אַז ווי איז צו די יאָרן!

איז ווי־זשע לאָזט מען דאָס אַ רויז
אין לאָפּע פֿון אַ דאָרן?
עס קוקט אַ שטומס דאָס הויז
מיט אירע צוגעמאַכטע שטאָרן.

אַ ווינטל ווינטלט זיך אין ברויז
און וויגט זיך אום מיט צאָרן, —
די ערד איז ברייט, די ערד איז גרויס,
נו, איז מען זיך צעפֿאָרן.

וואוהין? וואוהין? וואָס מאַכט דאָס אויס? —
מען איז אַוועקגעפֿאָרן!
אַ גאַסט געקומען צו דעם הויז
און איז פֿאַרשעמט געוואָרן.

דאָס ווינטל האָט געווינטלט אין געברויז
און זיך געוויגט אין צאָרן, —
דערשראָקן האָט, אַפֿנים, זיך די מויז, —
אַנטלאָפֿן, נישט געוואָרן.

די ערד איז ברייט, די ערד איז גרויס
און דאָ גענוג איז ווייץ און קאָרן, —
עס איז נאָך קיינמאָל נישט קיין מויז
פֿאַרפֿאַלן ערגעצוואו געוואָרן.

נאָר וואָס־זשע טוט מען מיט דער רויז,
וואָס ווערט צעפֿרעסן פֿונעם דאָרן? —
אַ צעטל אויפֿן טיר פֿון הויז, —
מען איז אַוועקגעפֿאָרן?

ז. ווײַנבער

טויטשטראָף

די גאַז, דער שטריק, די קויל,
פאַרשאָלטן איז דאָס מויל,
וואָס גיט אַרויס אַזאַ באַפעל.
נישט וואַרקען בײַ זײַן שוועל
זאָל מער די ווײַסע טויב.
אַ פֿינצטערע זאָל זײַן די שויב
בײַ אים אינמיטן טאָג.
אַ דריקנדיקע, שווערע וואָג
זאָל פּרעסן זײַן געמיט,
און קײנער זאָל קײן ליד
נישט זינגען אין זײַן שטוב.
זײַן היים זאָל זײַן אַ גרוב,
אַ שלאַנג זאָל צישען בײַ זײַן שוועל.
אַ מענטש, וואָס גיט אַזאַ באַפעל
איז חיה מיט פאַרצונקנדיקן מויל, —
איז גרוילנדיקע גרויל.
אַז ווי איז אונדז און ווינד
צו טראָגן אַזאַ זינד,
און לעבן דאָ מיט איר!
אַ שווערן שלאָס אויף טיר?
איז מילא, מילא, נו!
נאָר ווער בין איך? ביסטו?
און אַלע מיר דאָ־הי
אַ לעש צו טאָן דעם לעצטן גלי
אפילו פון דער זינד? —
אַז ווי איז אונדז און ווינד!

זיי פּאָרזיכטיק!

נחמהלען

זיי פּאָרזיכטיק און שפּאָרזאַם מיט דיין וואָרט.
געשמאַקער איז דער טרונק פון גלאָז, ווי פון דער קוואָרט,
און דורכזיכטיק איז ער דאָך פאַר דיין בליק.
דער טראָט, וואָס טרעטלט אויף אַ שטריק
איז צו פאָראויסן נישט קיין גייער.
נישט יעדער שלייער
האָט הינטער זיך אַ סוד באַהאַלטן.
עס טרעפט אויך, אַז ביי טויער, אַ צעפראַלטן,
באַגעגנט דיך אַ חלל אַזאַ פוסטער,
צי גאָר אַ חולה, אַ צעהוסטער.

זיי פּאָרזיכטיק און שפּאָרזאַם מיט דיין טראָט.
מען טרעפט אַן דאָ און דאָרט אַ לוט, —
אַ שיכור און אַ רשע, ווי אין סדום.
נישט יעדער שוואָם
איז אָנגעפילט מיט ריינקייט.
עס טרעפט, — דו ווערסט געפּלעפט פון שיינקייט,
און פלוצלינג כאַפּסטו זיך, — זי איז בלויז אַ גרימירטע.
נישט אַלע שטיבער, די באַטירטע,
באַגעגענען דיך ליבלעך, —
אַזוינס איז אָפטער ביי די צעלעכעדיקע שטיבלעך.

זיי פּאָרזיכטיק און האַלט אַן אָפענעם דיין בליק.
עס טרעפט, — עס דאַכט זיך דיר — אַ בריק,
און פלוצלינג — אַ פאַרבלענדעניש נישט מער.
זיין פּאָרזיכטיק און אויפמערקזאַם מיט דיין געהער,
אויך מעסט און וועג דאָס אויסגעהערטע.
אַזוי פיל מענטשן זאָגן, און מיינען דאָס פאַרקערטע,
און די נאַאיווע זיינען זייערע קרבנות.
אַ גוטע מידה איז דער מענטשלעכער רחמנות,
נאָר לאָז פון אים זיך נישט פאַרפירן.
האָב צוטרוי, נאָר עס שאַדט נישט עקזאַמינירן.

אָ, שנאה נישט שפּרייט!

איך זינג דעם באַשייד
פון פּיין און פון צער
אין בענקשאַפט נאָך פרייד.
אַ װילדער װירװאַר
איז איצט אויפן װעג.
אַ װינטיק געברויז
דורך נעכט און דורך טעג,
נאָר ליד מײַנס פאַראויס,
װי פויגל אין לופט
צו העלן קאַיאָר.
מײַן רוף איז צערופט
צו ליכטיקער װאָר, —
דאָך הערט, װי מען שעלט
אַט דאָ מײַנע טריט!
אַ פראָסטיקע קעלט
צום קלאַנג פון מײַן ליד, —
פאַרװאָס פאַר אַ זינד?
נישט פרעג, אָ, נישט פרעג!
די שנאה איז בלינד
צו ליכט אויפן װעג.
די שנאה נישט דאַרף
קיין סיבה פאַרװאָס
צו שאַרפן איר שאַרף
פאַר זאַפטיקן גראָז.

די פרייד דאָ צו זײַן, —
מײַן ליד, מײַן געזאַנג.
די װעלט מיט איר פּײַן
אין טריט פון מײַן גאַנג.
אויך פּײַן איז אַ שײַן,

וואָס לייטערט צעהעלט,
ווען זי איז די פּיין,
פון טראָגן די וועלט
צו בלענדיקן שיין
דורך קנויליקן רויך
אַרויף אין דער הויך.

צו זיין אַטאָ דאָ
ווי ליב איז, ווי ליב.
נישט שטענדיק איז שעה
פאַרחושכט און טריב.
עס טרעפט, אַז אויך שוואַרץ
צעגלאַנצט זיך, צעגליט,
און וועקט אויף אין האַרץ
אַ זינגענדיק ליד.
די שוואַרצקייט אויף זייד
איז אויך אַ קאָליר,
ווי ווייסקייט אויף קרייד,
ווי וואָרט אויף פּאַפּיר, —
עס ווענט זיך נאָר וואָס,
עס ווענט זיך נאָר ווער.
אַוודאי איז האָז
נישט לייב און נישט בער,
און מויז נישט קיין קאַץ, —
איז וואָס? נו, איז וואָס?
אַ בלימל אין לאַץ
איז אויך דיר נישט דאָס,
ווי בלום אויף דער בייט
אין בלי און אין צוויט.
אָ, שנאה נישט שפּרייט
קיין בעץ פאַר די טריט
פון דעם, וואָס דערזעט,
פון דעם, וואָס דערהערט.
געבענטשט זיי, פּאָעט,
מיט ליד אויף דער ערד!

ז. ווייננער

איך גלויב נאָך אַלץ

עס גייט מיין פּען אין צוים פון מיינע פינגער אויפן שליאַך פון ווייס פּאַפּיר,
כאַטש אומרו פון אַ שווערן שטורעם אין דער נאַכט איז ביי מיין טיר.

פון וואַנען אַט דער אומרו? און וואָס באַצוועקט ער מיט זיין שווער געברויז?
די פּען אין מיינע פינגער איז געשולט, און האַלט דעם שטורעם אויס.

עס איז דער אומרו פון אַ זעאונג, אַז אַרום מיר איז אַלץ געוואָרן פרעמד און לער, —
געפלויגן איז אַ פּאַווע גאָלדענע, און זע, — זי פליט שוין דאָ נישט מער.

איך ווייס, איך ווייס. די פּאַווע גאָלדענע האָט פאַרלוירן זיך אין וועג,
און אַרעמער געוואָרן איז די שיינקייט אונדזערע פון די נעכט און טעג.

און דאָך זעט אויס, אַז אויך דער אומרו, ווען געשפּאַנט, קאָן גיין אַ גאַנג,
און די שליחות דיינע אויספירן לויט דיין באַפעל און דיין פאַרלאַנג.

אָט זע איך דאָך, — איך בין צום אומרו אין געמיט נישט טויב, נישט בלינד,
נאָר פּען אין מיינע פינגער גייט, ווי אַ שיף אויף ים אַנטקעגן ווינט.

און גרינגער ווערט, כאָטש פּען איז איינגעטונקען אין מיין טרער,
נאָר גאַנג פון איר איז אויפן שליאַך פון דעם פּאַפּיר לויט מיין באַגער.

און וואָס איז מיין באַגער דען איצט, אויב נישט מנוחה אין געמיט?
אין ברויזנדיקן ברויז וויל האַרץ מיינס דווקא גאָר דעם שטילן טאָן פון ליד.

דער שטילער טאָן, וואָס פאַלט, ווי טריט אין ווייכע שיך אויף פליושענעם טאַפּעט,
און צערטלט דיך און וויגט דיך און באַרואיקט דיך, ווי קוש און גלעט.

איז מעגלעך היינט אַזוינס? די צייט אַן אַנגעלאָדענע, די לופט איז שאַרף,
צי קאָן מען אינעם ליאַרעם פון שויבנבראַזג דערהערן שטילן טאָן פון האַרף?

ל י י ד א ו ן פ ר י י ד

מען קאָן! מען קאָן! אַ סימן? אַט ווערט אַזאַ מנוחה איצט געבוירן פון מיין פּען,
און וואָס איך האָב נאָך נישט דערהערט, דערזען, הויבט אָן זיך צו דערהערן און דערזען.

נו, יאָ, אַוודאי איז איצט דאָס דערהערטע און דערזעענע אין גאַנץ פון שווערער פּיין,
נאָר אין דער קלאָרקייט פון באַנעם איז פאַראַן אַזוי פיל לויטערקייט און שיין.

דורך טאַצנבראַזגעריי, טרומייטערדיק געשריי און שווערער פויקעריי פון פויק,
דערהערט מען אויך דעם קאָסע־קלאַנג און ליד ביי גאַרבן וואַקסנדיקע אין אַ סטויג.

דערהערט מען אויך געזאַנג פון רידל און פון האַמער און פון אַקער און פון זעג,
און זאָגסט צו זיך — נישט אַלץ איז דאָך רציחהדיק אויף אונדזער וועג.

דער פויגל אין דער לופט כאַפּט אַלץ נאָך אויף אַ קערנדל און ווערט גענערט,
און זינגט דערביי אין וואָלקנדיקע שעהען אויס די פרייד צו אונדזער ערד.

און אַז דערזעסט אַזוינס, דערהערסט אַזוינס הויבט אָן דיין האַרץ צו גלויבן, אַז
נישט נאָר דעם אָטעם פונעם מענטשן אָפּצושטעלן איז שליחות פון דעם גאַז.

אַט הערסטו ווי דער גאַז איז גאָר צעווייִנט, ווען געצוואונגען צו אַ מאָרד,
ווייל ליבער איז אים ווערטשערע צו קאָכן און באַקן פאַרן מענטשן ברויט און טאָרט.

נו, יאָ, איך ווייס, — אויף אונדזער דאַך איז איצט אַ שוואַרצע, קראַקעדיקע קראָ, —
איך הער איר קראַקעריי, וואָס זאָגט פאָראויס דער וועלט אַ בייזע שעה.

נאָר ווייסן ווייס איך אויך, אַז אונטער אָפּדאַך אויפן ראַנד פון דעם קאָרניז
זיצט וואָרקענדיק די ליבע ווייסע טויב, און ווייסט איר, וואָס איר וואָרקען איז?

איר וואָרקען איז דער אָנזאָג פון דער רו, וואָס רייסט זיך אומרואיק צו אונדזער שוועל,
איר וואָרקען איז די טרייסט, אַז חושך איז נישט אייביק, אַז באַלד וועט ווערן העל.

די זון גייט אויף און פלאַטערל קאָלירנדיקס צעלאָזט זיך אין אַ וואַלץ, —
און איך? אַט זעט איר דאָך, — איך גלויב, איך גלויב נאָך אַלץ!

ז. ווייַנפּער

אַן ענטפער אויף אַ בריוו

אַזוי, אַזוי, — איז הייסט עס, אַז דו טראַכסט אַמאָל, און דו פּרעגסט, ווי לעב איך?
דו רעדסט אפילו אויך אַמאָל פון מיר, און פון דיין מויל טוט זיך אַ גליטש אַוודאי: נעבעך,
אַ מענטש אַזאַ, ווי ער, וואָס איז געווען, און וואָלט געקאָנט אַוודאי מער נאָך ווערן,
נעמט פּלוצלינג, און ער לאָזט אַוועק זיך אויף אַ וועג אַזאַ מין שווערן.
אַזוי, אַזוי, — איז הייסט עס, אַז אין גרינגקייט דיינער, טראַכסטו וועגן מיינע שעהען שווערע,
און אָפּט מאָל זאָגסטו אויך אפילו אויפן קול צו זיך, אַז אָט אַזאַ, ווי איך, איז אַן עבירה
אינגאַנצן צו פאַרלאָזן, און אַפּנים אין אַזאַ מאָמענט האָסטו צו מיר דיין בריוו געשריבן.
איז מילא, נו, — אפילו אַזאַ שאַרפער מוח, ווי ביי דיר, ווערט אויך אַמאָל צו נאַרישקייט געטריבן.
נו, טאַקע, וואָס וואָלסטו געטאָן, ווען אָט אַזאַ, ווי איך, דרוק אָפּ דיין בריוו גאָר אין די בלעטער?
איך שטעל זיך פאָר, ווי שטורעמדיק עס וואָלט געוואָרן אַרום דיר דאָס וועטער!
אין מקום־קדוש דיינעם וואָלט מען מער דיך שוין נישט אויפגערופן צו קיין מפטיר,
און קללות וואָלטן זיך צעכוואַליעט איבער דיר אויף גאַנצע קלאַפּטער.
וואָס הייסט? וואָס טייטש? און היתכן? אין טעג אַזוינע, ווי די איצטיקע, פון פּחד,
נעמסטו און שרייבסט מיר שוואַרץ אויף ווייס, אַז אין דיין האַרצן ביסטו זיך מתיחד
מיט אָט אַזאַ, ווי איך, וואָס איז ביים צדיק מיטן שמן־זית פּנים אין דיין קרייז ניט כשר.
דער צדיק דיינער, וואָס שטראַלט נאָך אַלץ ביי דיר אין אָפּשיין פון זיין אַמאָליקן „אָז ישיר“,
האָט לעצטנס, זע איך, זיך גענומען צו חלפים שאַרפן, ווי אַ פרומער שוחט.
אַפּנים, אַז עס פעלט אים אויס אַביסל בלוט, ווייל ריח זיינער, וואָס ניחוחעט,
און האָט ביי אונדז אַזוי פיל נעז געזונטע אומעטום פאַרקאַטערט,
צעגייט זיך אין דער לופט, וואָס איז מיט אַ געזונטער פרישקייט איצט צעפלאַטערט.
און וואָס איז טאַקע איצט מיט דיר? דיין קרעכץ איז, ווי אַ שלאַנג וואָלט דיך געביסן!
ביסטו חלילה קראַנק אויף דעם, וואָס מען רופט ביי אונדז „געוויסן?“
האָסטו פאַרטרויט דיין אומרו צו דעם אויער פון דיין הייליקן משיח?
ווען פרעגסט ביי מיר, וואָלט איך געזאָגט דיר, — זיי זיך צו אַ פּסיכיאַטאָר גאָר מטריח!
אַזוינער קאָן אַמאָל דערגרונטעווען דעם אמת, אַז דו ליידסט פון שווערער קנאה,
ווייל אַנדערש וואָלט אַ מענטש, ווי דו, וואָס לעבט אויף אָט אַזוינע אינדזלען גרינע,
וואו אַלצדינג זינגט פון זעטיקייט און פון דיוואַנען פּליושענע און ווייכע,
נישט אָנגעשריבן צו אַזאַ, ווי איך בין דאָ, מיט טרויער־טאָן פון „איכה“.
וואָס פּלוצלינג טוט דיר אַזוי וויי, וואָס האָסט פון מיר זיך אָפּגעזונדערט?
איך זאָג דיר אויס אַ סוד, אַז דיין בריוו, וואָס האָט ביים אָנהייב מיך פאַרוואונדערט,

איז איצט מיר קלאָר, און אַט די קלאָרקייט ווייזט מיר, אַז דיר איז שלעכט און ביטער,
ווייל ווי און ווינד מוז זיין אַזוינעם, וואָס איז פון שייער אויסגעליידיקטן אַ היטער,
און קאָן זיך מער שוין נישט דערהויבן צו דער גרויסער, וואונדערלעכער זכיה
צו גיין נאָך אַקער־אייזן איבער נייער רוי־ערד, און שפרייטן איבער איר זיין זריעה.
איך ווייס, איך ווייס, — דו ביסט באַזאָרגט, און ווילסט וויסן איצט, ווי לעב איך?
איך לעב! און אַז איך טראַכט פון דיר זאָג איך מיט באַדויער אויף דיין לעבן, נעבעך, —
עס איז אַן אויסגעליידיקטס נעבעך, נעבעך, שוין ביי דיר פון יאָרן,
און ווען אפילו אַ טראָפּן ליכט פאַרבלאָנדזשעט איז געוואָרן
אויף דיר, האָט דאָס געפירט דיך בלויז אַ בריוו צו שרייבן
צו אַט אַזאַ, ווי איך, און נאָכדעם וועסטו אַלץ פאַרבלייבן
אַט דאָרטן, וואו דו ביסט, ווייל נישט דאָס ערשטע מאָל, אַז לאָזט דאָס וויסן, —
אַפּנים, אַז אַ בריוו אַזאַ באַרואיקט דאָך אַביסל דיין צעוואַכט געוויסן,
און, ווי ער שלאָפט נאָר איין, איז גוט און וואויל דיר ווידער
צו דאַווענען מיטן צדיק דיינעם פונעם זעלבן שמן־זיתדיקן סידור,
וואָס כאַטש דער אָפּשיין איבער אים פון זיין אַמאָליקן „אָז ישיר״
איז היפּש פאַרפלעקט שוין, איז דיר געגוג דיין צדיקס מורמל: — כשר! כשר!
און איך? — איך וועל שוין אַט אַזוי דאָס לעבן מיינס דערפירן
אויף אַט דעם וועג דעם אָפענעם, וואָס לאָזט זיך נישט פאַרלירן
אויף סטעזשקעס שאָטנדיקע, זייטיקע אין די נאָרעס פון די האָזן,
וואָס ציטערן און פלאַטערן ווען קאַלטע ווינטן זיך צעבלאָזן.

ז. וויינבערג

די ליבשאַפט אונדזערע

צעצאָרנדיק, און ברויזנדיק איז אַלץ נאָך דאָ צעפּאָכעט איבער אונדז די רוט.
אַפּנים, אַז די שנאה האָט איר דורשט נישט איינגעשטילט נאָך מיט דעם בלוט,
וואָס זי האָט אויסגעזשליאָקעט שוין פון אונדזער לייב.
אָ, גלויבן מיינער, טרייב, צעטרייב, פאַרטרייב
די ספקות, וואָס צעוועראַמען זיך איצט אין מיר.
עס מוז דאָך זיין דאָ ערגעצוואו אַ טיר,
וואָס איז פאַר אונדז נישט אויף קיין שלאָס!
דער שטורעם בושעוועט אויף אונדזער ביסל גרינעם גראָז,
צעוואַלגערט אַלץ, וואָס איז צעבליט,
און וועלקט, פאַרוועלקט דעם יונגן צוויט,
וואָס האָט נאָך אַזאַ וואַרטעניש זיך קוים צעגרינט.
ווי גרויזאַם און ווי רוגזהדיק עס רייסט דער בייזער ווינט
די וואָרצלען דאָ פון אונדזער בוים!
זאָל זיין, אַז אונדזער דורותדיקער טרוים,
וואָס האָט אַ בלענדט געטאָן מיט וואָר
פאַר אונדזער דור,
האָט ווידער אונדז געמאַכט צום נאַר?
זאָל זיין, אַז אָט דאָס ביסל טרייסט אין אונדזער גרויסן צער
פאַר חורבן אונדזערן אויף גאָרער ערד
האָט גאָרנישט נישט די ווערט,
און אַז געווען איז דאָס לפנים, און נישט מער?
אָ, הארץ, מיין האַרץ, — הער, הער, —
מען זאָגט דאָך פאָרט, אַז ערגעצוואו איז דאָ אַ מאַמעס שויס,
וואָס לוליעט אין דעם שווערסטן ווינט־געברויז,
וואָס נעמט אַמאָל געפאַנגען דאָס געמיט,
און גרינגע ווערן נאָך אַמאָל די טריט,
צו שפּאַנען מיט דער ליבשאַפט אויפן וועג.
נו, יאָ, די ליבשאַפט איז אַ גרויס פאַרמעג,
ווען זי איז דאָס געזאַנג
פון מענטש אין גאַנג

ביים אַקער און פֿאַרזיי,
נאָר איצט, אַז ווינד און וויי, —
די אַלטע וואונד — נאָך נישט פֿאַרהיילט,
און אונדזער וועלט איז ווידער שוין צעטיילט,
איז וואָס־זשע מיט דער ליבשאַפֿט אונדזערע דאָ, האָ? —
אָ, האַרץ, מיין האַרץ, זיי שטיל, זיי שאַ!
די ליבשאַפֿט אונדזערע איז דאָ, און גרויס איז איר קוראַזש.
זע, זע, אַט איז זי איצט אין דעם באַנדאַזש
אויף וואונד פֿון אונדזער וועלט.
די שנאה ברויזט און שעלט,
זי בראַט און ברענט,
נאָר ליבשאַפֿט אונדזערע — זי בלענדט,
און היילט, און טרייסט און גלעט
דעם חולה אויף זיין בעט.

אַפּנים

אַפּנים — אויך צו זיך אַליין
באַדאַרף מען גיין און גיין
מיט גרויס עקשנות אין די טריט,
און מיט אַ בליק, וואָס איז צעגליט,
ווי אַ לאַמטערן אין דער נאַכט.

אויך טיר צו זיך איז צוגעמאַכט,
און אָפּט אין בעפּל איינגעהילט.

עס טרעפט, — מען מיינט, מען האָט דערפילט,
דערהערט, דערזען, און אַלץ איז קלאָר.
און פּלוצלינג זע, — די וואָר,
וואָס קומט נאָכדעם צו דיר, באַווייזט,
אַז דו האָסט שווער געגרייזט,
ווייל טויב ביסטו, און בלינד.

אַפּנים, אַז דער מענטש איז לאַבירינט
מיט קעמערלעך און היילן אַלערליי,
און אַזוי טונקל איז דער וועג דורך זיי.

מיין ליד — מיין לאַמטערן

אַפּנים, אַז דער לויטערסטער און שענסטער חלום
קומט זעלטן אָן בשלום
פון וואַנדער זיינעם.
אַט קוק איך איצט אויף מיינעם,
וואָס האָט געזוכט זיך צו באַקערן
צום פינקלעניש פון שטערן
אין פינצטערניש פון נאַכט,
און ער האָט גאָרנישט נישט געטראַכט,
אַז אויך די שטערן לעשן זיך און פאַלן.

וואו זיינען איצט דאָ יענע שטראַלן,
וואָס האָבן מיך
צו זיך
געצויגן?
אַט טאַפּן ווידער מיינע זוכנדיקע אויגן
דעם חושך דאָ אַנטקעגן,
און אַזאַ ווינטיק־שווערער רעגן
איז אין מיין גאַנצן אינגעווייד.

געאַקערט און פאַרזייט,
און שנייד־מעסער געשאַרפט פאַר טעג פון שניט,
און וואָס איז מיר געבליבן? — אָ, ליד, מיין ליד,
נישט צאַפּל און נישט ציטער!

אין צייט פון שטורעמדיק געוויטער
ביסטו מיין איינציקער לאַמטערן.

פאַרלאָשענע די שטערן?
און כמאַרע אויף לבנה?
נו, יאָ, אַוודאי לויערט די סכנה
אין נעכט אַזוינע שוואַרצע פאַר די טריט.
נאָר גלי צעגליטער אין מיין ליד, —
ער גליט נאָך, גליט נאָך

ז. װײַנפּער

און ער באַהיט נאָך,
אַז איך זאָל נישט אַ פֿאַל טאָן צו דער נידער.
אַפּנים, אַז אין מײַנע לידער,
האָט אין די שװערע שעהען
פֿון קראַקענדיקע, שעלטנדיקע קראָען
פֿאַרקליבן זיך מײַן חלום.
אַ סימן? — ער זינגט דאָס ליד פֿון האָפֿענונג און שלום,
אפֿילו אין דער שװאַרצקייט פֿון דער נאַכט דאָ איצט,
װען הימל איז צעדונערט און צעבליצט.

און גיין וועל איך אַזוי

אַז ווײ און ווינד איז צו דעם שומר, וואָס
דערשרעקט זיך פאַר אַ ווינטגעבלאָז,
און לאָזט די הענט אַרונטער רעזיגנירט.
אַ נאַר איז דער, וואָס ווערט געפירט,
און וויל נישט וויסן אַקוראַט וואוהין
אפילו, ווען דער וועג איז גלייך און גרין.
וואָס טויג מיר שטוב מיט גאָלד אין איר,
אַז דאָרטן איז נישטאָ קיין אָרט פאַר מיר?
און וואַרפט מיר נישט אין פּנים, אַז
איך בין פאַרפירט פון שווערן האָס
צו מענטשן אַנדערע, און טראַכט נאָר בלויז פון זיך, —
חלילה! יענער אויך, נאָר וואו בין איך?

צי איז מיין טראָט אין שווערן גאַנג
דען נישט געגאַנגען מיט אַ העל געזאַנג
צו אונדזער אויסגעבענקטער שעה?
וואָס הייסט, אַזאַ ווי איך בין מער נישטאָ?
וואָס הייסט אַזאַ ווי איך בין גאָרנישט־נישט?
און אַז אַ שטורעם האָט געמישט, צעמישט,
און אָפּגעריסן דאָ און דאָרט אַ בלעטל פון דער רויז
איז דען די שיינקייט אירע שוין געוואָרן אויס?
זעט, זעט, ווי בליענדיק און שיין זי גייט
אויף ווידער פאַרן אויג איצט פון דער בייט,
און גרין צעגרינט איז אַרום איר דאָס גראָז
להכעיס יעדן, שווערן ווינט־געבלאָז.

און אַז קיין אייגן לאַנד איז נישט געווען,
האָב איך דען נישט דערהערט, דערזען
די וואונדער אויף דער וועלט פון יעדן אָרט?

ז. ווייגפּער

צי האָט מיין ערלעך, יידיש וואָרט
נישט אומגעטראָגן איבער יעדן שווערן וועג
אויף אירע פּלייצעס דאָס געפּעק ?
דורך אַלע וועטערן האָב איך פאַרהיט
די ריינקייט פון מיין לויטער יידיש ליד,
און היטן וועל איך ווייטער דאָס
אַנטקעגן יעדן, שווערן ווינט־געבלאָז,
און זיבגעץ וועט דאָס לויטער און
זיך ווייטער ציען, ציען צו דער זון.

צי איז מיין יידיש ליד דען נישט אין כאָר
מיט אַלע אויסדערוויילטע פון מיין דור
צו יעדן אויפגאַנג מיט געזאַנג ?
צי איז מיין טראָט דען נישט אין גאַנג
דעם ווינט אַנטקעגן איבער שווערן וועג ?
און איז דען מיין פאַרהאַרעוועט פאַרמעג
נישט דאָס פאַרמעג פון אַלעמען אָט־דאָ ?
וואָס הייסט, אַזאַ ווי איך בין מער נישטאָ ?
קאָן אָט אַזוינס, וואָס איז נישטאָ שוין מער,
אַזאַ מין ווייטיק פילן צווישן שאַרף פון שער ?
קאָן דער, וואָס איז נישטאָ דען פילן אַזוי טיף פּיין,
ווען עמיצער פאַרשטעלט פאַר אים די שיין ?

ניין, ניין, איך נעם נישט אָן אַזאַ מין דין
אפילו, ווען מען מאַכט מיר קלאָר דעם זין,
ווייל דאָס, וואָס מענטשן טראָגט טיף אין זיך,
איז נישט קיין אלטע, אָפּגענוצטע שיך
אַרויסצוואַרפן אויפן בערגל מיסט.
ניין, ניין, איך נעם נישט אָן! אומזיסט
די טיפע רייד פון דעם און יענעם, אַז
בית־עולם איז שוין איצט מיין גאַס.
זעט, זעט, זי בלעגדט נאָך אין מיין וואָרט.
נישטאָ איז נאָך אַזאַ מין זיסער טאָרט,
וואָס זאָל פאַרבייטן מיר מיין טעגלעך ברויט.
כל זמן עס זעטיקט מיך, בין איך נישט טויט!

איז דען דאָס ערשטע מאָל, אַז גליענדיקע שפּיז
טוט זיך פון דאָ און דאָרט אויף מיר אַ ריס,
און זוכט צו טרעפן מיך אין מיין געביין?
דאָך הער איך אַלץ נישט אויף צו גיין
פאָראויס, פאָראויס אין שווערן יאָך.
זעט, זעט, — אָט גיי איך אַלץ דאָ נאָך,
און גיין וועל איך אַזוי פאָראויס
דורך יעדן, שווערן, בייזן ווינט־געברויז.
און גיין וועל איך אַזוי כל זמן
עס איז דאָס ליכט אין מיר פאַראַן, —
דאָס ליכט, וואָס שיינט פאַר מיינע טריט, —
דאָס ליכט, וואָס העלט זיך אין מיין ליד!

זעט, זעט, ווי העל עס איז צעהעלט
אפילו איצט, ווען קראָ מיך שעלט,
און בייזע הינט דורך נעכט און טעג
באַפאַלן מיך אויף יעדן וועג.
די קראַקענדיקע קראָ, די בילנדיקע הינט,
און ווי אַ צוגאָב אויך דער ווינט
אין פּנים מיינעם מיט געברויז.
נסיון איז אַוודאי שווער און גרויס,
נאָר ווער עס טראָגט אַזאַ פאַרמעג,
ווי איך דאָ אין מיין שווער געפּעק,
איז אַ שליח זכיהדיקער אין זיין גאַנג,
און זינגט דורך אַלע שוועריקייטן העל געזאַנג.

ז. ווײַנבער

זכיה

שווערע זײַנען איצט בײַ אונדז די שעהען.
בײזע, קראַקענדיקע קראָען
איבער דעכער,
און פון אַלע לעכער
ראַצן אין געיעגן
אונדז אַנטקעגן.

קאַלטע ווינטן ווייען,
און עס הערט נישט אויף צו שנייען,
און צו האַגלען.

טרוקענע די לאַגלען,
און דער שייער
איז אין פייער.

אָבער קול אין לופטן הערט נישט אויף צו מאָנען,
און דערמאָנען:
— ווער עס וואָרט נישט אינעם פראָסט, דעם קאַלטן
אויפן טאָג צעוואָרעמטן, צעשטראַלטן,
וועט נישט וויסן פון דער זכיה
צו עליה.

נו, יאָ

נו, יאָ, אַ צוגעמאַכטע טיר
וועקט נייגער אויף אין דיר.
אַזוי דאָס וואָרט, וואָס נישט דערזאָגט.
עס דאַכט זיך דיר — עס טראָגט
דעם סוד
פון גאָט,
וואָס זוכסט אים דורך די נעכט אין טעג.

נאָר איז דען נישט דער נעפּלדיקער וועג
אַזאַ, וואָס ציט זיך, ציט זיך, ציט,
און ער דערציט נישט צו קיין ברעג,
און מער, ווי מאַטערניש פאַר דיינע טריט
פאַרמאָגט ער נישט?
נישט יעדע לופט דערפרישט, —
פאַראַן אַזאַ, וואָס סמט.
נישט יעדער פלאַם, וואָס פלאַמט
באַקט חלה, ברויט און טאָרט.
נישט יעדעס וואָרט,
וואָס נישט דערזאָגט און נישט דעררעדט,
איז סימן, אַז פּאָעט
איז טיף.
אַ שיף
אַן אָנגעלאָדענע, לאָדט האָב און גוטס פון זיך דאָך אויס,
און שווימט זי גלאַט אַזוי אויף ים־געברויז
דורך נעכט און טעג,
און ציט נישט צו קיין ברעג
איז סימן, אַז אַ זינלאָזער איז דער קאַפּיטאַן,
און גאָרנישט איז אין אָט דער שיף פאַראַן.

אַזאַ צער

אַזאַ צער איז איצט אין די געמיטער!
האָפענונג? — זי צערטלט, צערטלט,
אָבער ספק שלאָגט מיט ריטער,
און צעפּערטלט
אונדזער עיקר.
בייזער שטורעם
רייסט איצט שטיקער
פונעם טורעם,
וואָס געלויכטן האָט דורך דורות.
ווער האָט אויסגעלאָשן
די מנורות?
זע, דאָס לשון
איז פאַרשטומט געוואָרן
אינעם מויל פון וועכטער.
שטורעם יאָגט מיט צאָרן,
און די שדים קייכן פון געלעכטער.

ווער האָט פאַרצערט?

די ליבשאַפט, וואָס האָט זיך געשפּילט
מיט אונדז אויפן גרינעם גראָז,
האָט פּלוצלינג זיך פאַרקילט
אין קאַלטן ווינטגעבלאָז,
און הערט נאָר, ווי זי הוסט און ברויזט!
די וויכע, ליבע האַנט
געוואָרן איז אַ שווערע פויסט,
און זע, — דאָס גאַנצע לאַנד
איז כמאַרנע איצט.

איז וואָס־זשע איז אַזוינס געשען?
הער, הער, ווי שווער עס קריצט
מיין שטענדיק זינגענדיקע פען
היינט אויפן וויס פּאַפּיר!
אַ שווערער, שווערער עול
האָט זיך געלייגט אויף איר.

דער שערער שערט די וואָל,
און אַזאַ ציטערדיקע איז די ציג.
פון יעדער בוים
אין פעטליע פון אַ שטריק
וויגט אום זיך אונדער טרוים,
און וואָרפט אַ שאָטן אויף דער ערד.
ווי שווער עס ברומט די שרעק!
ווער האָט די ליבשאַפט דאָ פאַרצערט
און אונדז געלאָזט דעם ווינט אין וועג?

זיגער מיטן בלוט אויף זיינע פינגער

זיגער מיטן בלוט אויף זיינע פינגער,
מאַנט באַפעלעריש ביים זינגער
זיגערישע לידער,
אָבער, אַז עס ווײנען שוועסטער, ברידער,
טאַטעס, מאַמעס, זיידעס, באָבעס, קינדער,
קוקט דער זיגער אויס שוין, ווי אַ שינדער
מיט אַ מעסער צווישן זיינע פינגער,
און דעם זינגענדיקן זינגער
שווידערט, שווידערט, שווידערט.

זיגער גווידערט, גווידערט
זיך מיט שטאָלץ אויף זיין רציחה,
און אים וואונדערט, וואָס נישט ניחא
איז דעם שטענדיק זינגענדיקן זינגער
זינגען צו דעם בלוט אויף זיינע פינגער.
— איז דער זינגער נישט קיין היגער?
צאָרנט אויפגעברויזט דער זיגער,
און עס ווערט אים גרינגער
מיטן פרישן בלוט פון זינגער
איבער זיינע פינגער.

דער דאָרן

איך בין די קילע און באַדאַכטע רו
אין אַ וועלט פון ברויזנדיקן צאָרן.
איך ווייס, אַז ערגעצוואו
גייט אויף אַ דאָרן,
וואָס זוכט דעם וועג צו מיינע גלידער,
נאָר קילע און באַדאַכטע רו
אין מיינע לידער
וועט אויפנעמען זיין שטעכן
מיט דער קילקייט, וואָס קומט פון גלויבן
און פאַנאַנדערברעכן
און צעשטויבן
וועט זיך סוף כּל סוף דער דאָרן
אין אייגענעם פאַרוויסטן צאָרן.

ז. װײַנפּער

שרעק

אַ כמאַרע, אַ שװאַרצע, געדיכטע און שװערע, —
פֿון װאַנען? צו װעמען? צו װאָס? און װאוהין?
עס ציטערט דאָס האַרץ, — עס איז אַן עבֿירה
דאָס גאָלד און דאָס גרין.

און נעבעך די בין, װאָס זשומעט אַזוי אויף דער רויז,
און נעבעך די טויב, װאָס שװעבט צו דער זון איצט אַנטקעגן, —
באַלד, באַלד װעט אַ װינט מיט שטורעם געברויז
אַ בײַטש טאָן מיט רעגן.

אַ רעגן? נו, מילא. נאָר כמאַרע, אַ שװערע, װי די
מײנט אײזיקער, פֿריריקער האָגל?
זע, זע, װי עס ציטערן די שאָף און די קי, —
עס װאַרט אויף זײ װאַנדער און װאָגל.

אין אַנגסטן די בײמער, די בלומען, די גראָזן,
דער טײַך, אַ פֿאַרשטאַרטער נישט קושט מער דעם ברעג,
און פֿאַסטוך, דער פֿאַסטוך, — ער פֿילט זיך פֿאַרלאָזן,
ער ציטערט פֿון שרעק.

פאַרמאַך דאָס מויל!

איז פאַראַן דאָ עמיצער, וואָס ווייסט,
וואו עס וואוינט דאָ אונדזער טרייסט?
אין אַזאַ שווערער שעה
האָט זי זיך באַהאַלטן און נישטאָ!
איזן איז זי דאָך אַוודאי ערגעצוואו, —
מענטשן, אפשר ווייסט איר וואו?

שטילע, ציטערדיקע רייד
בענקען נאָך אַביסל פרייד
אינעם לעבן, וואָס נאָך דאָ.
אַזאַ שווייגנדיקע איז די שעה,
ווי געוועזן וואָלט זי אַ שטיין, —
רעדט אפילו נישט צו זיך אַליין.

ציט זיך האַרט און קאַלט און גרוי,
און דער מענטש איז אויך אַזוי.
שטום און בלינד און טויב,
קוקט, ווי חושך דורך אַ שויב,
ציטערט, ווי אַ בוים פון ווינט,
און קיין לאָמפּ זיך נישט צעצינדט.

איז פאַראַן דאָ עמיצער, וואָס ווייסט
וואו עס וואוינט דאָ אונדזער טרייסט?
זאָגט, און האַלט דאָס נישט בסוד!
מיד שוין, מיד שוין אונדזער טראָט
שניידן חושך אין זיין גאַנג
אָן דעם מינדסטן ווידער־קלאַנג.

ווידער־קלאַנג, וואו איז ער וואו?
איזן איז ער דאָך אַוודאי ערגעצוואו,
נאָר די לופט איז אַזוי שווער,
אַז פאַרטויבט איז דאָס געהער,
אָדער אפשר? — העי, פאַרמאַך דאָס מויל, —
שפרייט נישט צווישן אונדז קיין גרויל!

ז. ווײַנפּער

זינג, זינג דײַן ליד

די שנאה שרײַט
פֿון טמא מויל
צו הויך, צו ווײַט
מיט גאַל און גרויל.

זי שרײַט, זי ברויזט,
און הערט נישט אויף,
זי בײַלט איר פּויסט
אויף גאַנג אַרויף.

אַפֿנים, אַז
זי פֿילט איר סוף,
דערפֿאַר איר האַס,
דערפֿאַר איר שטראָף.

אַ בליץ און באַלד
אַ דונער־קראַך, —
זעט, זעט, — עס פֿאַלט
פֿון הויז דער דאַך.

אויך דער קאַרניז,
און אַלע ווענט, —
עס גרייכט שוין ביז
דעם פֿונדאַמענט.

איז וואָס וועט זײַן
דערנאָך? דערנאָך?
עס ברומט די פּײַן
אין שווערן יאָך.

לייד און פרייד

די נאַכט איז שוואַרץ,
די לופט — געדיכט, —
עס בענקט דאָס האַרץ
אַזוי נאָך ליכט.

נאָך ליכט, נאָך לופט
פאַר אויג, פאַר לונג,
נאָך קול, וואָס רופט
נישט בלויז מיט צונג.

דער צונג־געדריי,
ווער קאָן אים נישט?
אַז ווינד און ווי,
ווי ער צעמישט.

וואו איז דאָס קול,
וואָס שמידט צונויף
די טריט פון טאָל
צום באַרג אַרויף?

די בענקשאַפט הערט,
זי טרייסט, זי גלעט,—
די טרייסט, זי ווערט
אין מיר צערעדט.

— הער, הער זיך צו,
נישט וויין, נישט קלאָג, —
דאָס קול ביסטו,
גיי אויף און זאָג!

— דאָס קול איז דאָ
אין דיר אַליין, —
די שווערע שעה,
זי וועט פאַרגיין.

ז. ווינפער

דאָס ליכט איז אויך
אין דיין געמיט, —
דורך פלאַם און רויך
זינג אויף דיין ליד.

וואָס איז איצט גרוי,
און פראָסטיק־קאַלט,
וועט ווערן בלוי
און העל צעשטראַלט.

און וואָס איז שווער, —
וועט ווערן גרינג, —
הער, הער, דערהער
דיין קול און זינג.

זינג, זינג דיין ליד,
און הער נישט אויף,
און פיר די טריט
צום באַרג אַרויף.

אָ, וואָרט מיין צעשייטערטס!

אָ, וואָרט מיין צעשייטערטסט
אין ווינט פון דער צייט,
גיי אויף אַ געלייטערטסט
צו הויך, צו דער ווייט,
נאָר גליאיקן צאָרן
אין זיך נישט פאַרצאַם
אַנטקעגן דעם דאָרן,
וואָס שטעכלט מיט סם
דעם מענטש אויף די וועגן.
גיי אויף, און צעוועק,
און שטעל זיך אַנטקעגן
דעם אַנגסט און די שרעק,
וואָס שפּרייט זיך פון שקר
מיט ווערעמדיק מויל.
ווער וועקער, צעוועקער,
וועט גרויליקע גרויל
דאָס פּנים פאַרדעקן,
און העל, אויפגעהעלט
וועט מענטש זיך צעוועקן
צום ליכט פון דער וועלט.

די וועלט איז דאָך ליכטיק
להכעיס דעם מיסט!
זע, זע נאָר, ווי ציכטיק
עס פּליסט, און עס פּליסט
דאָס וואָרט מיינס, צעברויזטע
אויף ווינטיקן וועג,
וואו פויסטן צעפויסטע
פאַרדאַרבן פאַרמעג.
אַ שווערע שליחות?
איך ווייס דאָס, איך ווייס,
נאָר גרויס איז דער יחוס
פון פּנים אין שווייס
ביים גאַנג פונעם אַקער,
ביים שפּרייטן פאַרזיי.

ז. װײַנבער

אַ װאָרט מײנס, צעפֿלאַקער,
און גײ אויף, גײ, גײ,
אַנטקעגן דעם פּחד
אויף צונג אינעם מויל,
װאָס איז זיך מתיחד
מיט גרויליקער גרויל.

נישט װאַקל, נישט װאַקל,
אַ, װאָרט מײנס, אין גאַנג, —
דער לעצטער סך־הכּל
װעט זײַן דײַן געזאַנג
אויף קבֿר פֿון רשע
בײַם בערגל מיט מיסט!
נישקשה, נישקשה, —
אַזױנס, װאָס פֿאַרװיסט,
און זוכט צו פֿאַרװישן
האָט מער נישט די װערט,
װי זיך צו פֿאַרמישן
אין ברוד פֿון דער ערד,
װאָס אַקער צעאַקערט.
אַ, װאָרט מײנס, ברי, ברי,
און פֿלאַקער צעפֿלאַקערט
אויף לאַפּעס פֿון די,
װאָס רויען, צערויען
אין װילדן געיעג
דאָס מענטשלעכע בויען
דורך נעכט און דורך טעג.

צערויטלט פֿון בושה
די זון אונדז פֿאַרלאָזט,
װײַל װאָס איז קדושה
אין שטויב זיך צעבלאָזט.
אַלץ, אַלץ, װאָס איז אסור
װערט מותּר דאָך איצט.
זעט, זעט, װי דער מסור
אין כּבֿוד דאָ זיצט
אויף טראָן, װי אַ קעניג,

און וואויל איז אים, וואויל,
ווייל אים אונטערטעניק
איז איצט דאָ די גרויל.
אַ ווייסטער בזיון, —
איך ווייס דאָס, נו, יאָ, —
אין שווערן נסיון
איז איצט אונדזער שעה.
אָ, וואָרט מיינס, נישט ציטער,
נישט פלאַטער מיין קול, —
אַ שווערס דאָס געוויטער,
נישט גרינג דיר דער עול.

איז וואָס־זשע? נו, וואָס־זשע?
עס איז נישט קיין שפּיל!
מען זיצט נישט אין לאָזשע
און רו אין דער שטיל
ביים שוישפּיל אויף בינע.
מען איז אין דער מיט
פון ברויזיקער שנאה,
וואָס ברענט און וואָס בריט
מיט ווייסטער שקרנות
און שפּרייט און פאַרשפּרייט
אַ שווערע פּחדנות
אויף האַנט, וואָס פאַרזייט
דעם אויפגאַנג פון שפע.
אָ, וואָרט מיינס, זיי וואַך!
עס טראָגט זיך אַ שרפה
פון ווינט צו דעם דאַך!
אָ, וואָרט מיינס, נישט וואַקל!
גיי מאָן, און דערמאָן,
ווייל אונדזער סך־הכל
שטייט איצט דאָ אין קאָן!

די אַזוינע און אַזעלכע

!אַראַנען מענטשן צווישן אונדז אַזוינע און אַזעלכע, — אַלערלייאיקע, וואָס אַז באַגעגנסט זיי!
, יאָ, די ערד איז גרין און בלאָטיק אויך, און קויטיק איז אויך דאָ און דאָרט דער שניי!
יז וואָס־זשע טוט מען? אַנטלויפן, זאָגסטו? אָ, גיי שוין, גיי! זיי זייַנען דאָרטן פּונקט, ווי דאָ, —
אָס לעבן איז אַזאַ. אין דעם די ווייַסע שטילע טויב, און אויך די שוואַרצע קראַקעדיקע קראָ,
ון לעבסטו אין דעם לעבן, מוזטו אויך אַזוינע און אַזעלכע, — אַלערלייאיקע באַגעגענען, און
ך טרייסטן, וואָס צוזאַמען מיט דעם ווינט, די כמאַרע און דעם האָגל איז אויך דאָ די זון.

וודאי איז נישט גרינג. אַזוינע און אַזעלכע, — אַלערלייאיקע, באַשווערן דיר דעם וועג,
אַר העלפן קאָנסטו נישט, ווייל מיט דעם סולת איז אויך פּסולת דאָ אין אונדזער שווער געפּעק.
ט שמייכלט זיך צו דיר אַ מענטש. און ווייך איז פון זיין מויל צו דיר דאָס וואָרט,
י האָניק אויסגעלייטערטער אויף ווייסער מעל צונויפגעמישט צו ווערן פאַר אַ זיסן טאָרט.
אַר ווי דו קערסט זיך אָפּ פון אים, ווערט באַלד דער האָניק זיינער שוין פאַר דיר גאָר סם.
ון ווי געפעלט דיר יענער, וואָס יחוסט זיך כסדר מיט די וואָרצלען פון זיין שיינעם שטאַם,
אַר אַז מען גרייט דעם טיש ביי אים אין שטוב, איז יעדע פרוכט גאָר פון אַ פרעמדן בוים.
יך קאָן אַזעלכן, וואָס פאַרזוכט האָט ער אין לעבן זיינעם קיינמאָל מער נישט, ווי אַביסל שוים,
ון רעדט, ווי איינציקער און אויסגעפּרואוווטער מבין אויף דעם עכטן טעם פון וויין.
דאי געווען, ווען עמיצער וואָלט מיט געוואַלד אַ שפּאַר געטאָן אַ טראָפּן אים אין מויל אַריין, —
ד זען ווי ער וואָלט אויסגעקוקט? מסתמא, ווי אַ חלוש אונטער שווער געוויכט.
יר קאָנט דאָך אַלע יענעם, וואָס פאַרזשמורעט זיינע אויגן ביי דעם מינדסטן ביסל ליכט.
ען זאָגט, אַז ער איז וואַכיק גאַנצע נעכט, כדי ער זאָל פאַרשלאָפן דעם צעזוניקטן קאַיאָר,
ון רעדט מיט אים, איז אַכץ און קרעכץ, אַז שווער איז אים די גרויע וואָר,
ון גרוי איז ביי אים אַלץ, און אויסגעטראַכט איז אונדזער ליד פון זון, וואָס איז צעהעלט.
ו, יאָ, פאַראַנען אָט אַזוינע און אַזעלכע, — אַ בילנדיקער הונט, למשל, אַ קראָ, וואָס שעלט,
און קאָנסט דעם אויער נישט פאַרשטאָפּן, ווייל דיין געהער פאַרבענקט איז צום געזאַנג
ון נאַכיטגאַל, און ליב איז אים דער עכאָ פון די טריט, וואָס זיינען צו דער זון אין גאַנג.

נומלטן איז מיך באַפאַלן איינער, וואָס שלעפּט דאָס גאַנצענע לעבן זיך נאָך מיינע טריט,
ון מיך באַשולדיקט, אַז איך האָב גאָר זיינס אַ וואָרט אַריינגעוועבט אין מיינס אַ ליד.
– דיר פעלט אַ וואָרט? איך האָב גענוג! — איך האָב דאָס וואָרט געוואָרפן אין זיין מויל.
זיז טאַקע אַ רחמנות אויף דעם וואָרט. שוין יאָרן, אַז עס איז ביי אים דאָך נאַקעט, הויל.
ישט איין מאָל כאַפּט דאָס זיך אַריבער צו מיין שוועל און מורמלט מיט געבעט:

— אַ, נעם מיך אויף צוריק צו זיך! אַ וואָרט אַזאַ, ווי איך, געהער צו אַ פּאָעט.
— און יענער, וואָס? — שפּיל איך דעם תּם, און דאָ איז שוין דאָס וואָרט אין כּעס:
— אַ וויסטע קאַליקע, איז ער! אַ ווערטער־פֿלעכטער! אַ נגע! אַ צרעת!
— איז ווי־זשע קומסטו צו אַזוינעם? — פֿרעג איך, און דאָס צעעפֿנט זיך פֿאַר מיר,
דערציילט און וויינט: — שוין יאָרן גאַנצע, אַז ער שלעפּט זיך הינטער דיר,
און קלײַבט די שׂמחה פֿון דײַן שפּעדיקן פֿעלד, וואָס ווינט צעווייעט איפֿן וועג,
נאָר ווי און ווינד איז דאָך צו אים, ווי ער צעפּאַטשקעט דײַן פֿאַרמעג!
ערשט נעכטן איז דאָס נאָכאַמאָל געקומען און זיך נאָכגעפֿרעגט, איז וואָס־זשע, האַ?
אין מײַן רחמנות האָב איך דעם געטרייסט, און אַ ליד אַ זינג געטאָן: — שאַ, שאַ,
און זעט, דאָס וואָרט האָט זיך אַרײַנגעוועבט צוריק, איז וואָס־זשע זאָגט איר נישט צו דעם?
נאָר וואָס האָב איך זיך דאָ פֿאַררעדט? געפֿאָרן קיין באר־שבע און אָט בין איך אין שכם.
און וואָס־זשע עפּעס שכם? אָפּנים, אַז דאָס וואָרט איז מיר, ווי צו די ברידער דינה איז געווען!
נישט מער, קיין שווערד פֿון שייד וועל איך, ווי זיי, נישט ציען. אַזוינס וועט נישט געשען!
וואָס דאַרף איך דען אַ שווערד? איז וואָרט מײַנס נישט אַן אָנגעשאַרפֿטע שאַרף?
אָודאי איז דעם ליבער זײַן דער דינער קלאַנג פֿון סטרונע אָנגעצויגענע אויף האַרף,
און גוט איז מיר און וואויל איז מיר, וואָס שאַרף פֿון וואָרט אין מיר איז בלויז פֿאַר ליד,
וואָס זינגט אַן אויפֿגעלויכטנס אויף די וועגן צו דעם מענטשנס גייענדיקע טריט.

איז וואָס־זשע איז מיט די אַזוינע און אַזעלכע? — מיר האָבן דאָך פֿון זיי אָט דאָ גערעדט!
זײַט מוחל, וואָס אַרונטער פֿונעם וועג בין איך אַ רגע, — אָפּנים דער פּאָעט
איז אויך אַזוינער, און אַזעלכער, און עס וואָלט געווען אָודאי איצט כּדאַי
אַ קוק צו טאָן אין אָפּגרונט אין דעם אייגענעם, וואָס איז פֿון רשעות אויך נישט פֿריי.
אַ סימן האָסטו, אָט זיץ איך און איך פֿאַלמעס דעם און יענעם, און ווער בין איך?
איז דאָס קיין רשעות נישט, וואָס איך צערויע יענעמס מיסט? זעט נאָר, ווי איך קריך,
און רויע און צערויע. און אָט איז ווידער איבער, וואָס זעט בלויז אין קלאָר,
און טענהען טענהעט ער מיט זיכערקייט אַזאַ אין זײַן צעגרילצטן קול, אַז מיר,
וואָס זאָגן, אַז די זון איז גאָלדיק, און אַז זוניק קאָן אויך זײַן אַ מענטשנס האַרץ,
דערציילן באָבע־מעשׂיות גאָר, ווײַל איז דען דאָ אַן אַנדער מין קאָליר, ווי שוואַרץ?
— די זון אַ גאָלדיקע? — כאַ! כאַ! — צעחוזקט ער זיך און ער פֿרעגט: — וואָס נאָך?
און ווײַזט דערבײַ אויף דעם אָרום, וואָס ליכטיקט זיך, און שרײַט: — אָט זעט איר דאָך!
איז ווי־זשע לעבט מען מיט אַזוינעם, וואָס זעט נישט מער, ווי שוואַרצקייט מיטן בליק?
און אָט איז דיר אַן אַנדערער, — ער איז אַ מאָדים־טענצער אויף אַ שטריק,
נאָר ווי זײַן טראָט באַרירט די ערד, איז סוף שוין צו זײַן גלײַכגעוויכט!
אַ, גאָט, מײַן גאָט, מיט וויפֿל מיסט און קויט, עס איז דײַן ערד געדיכט!
זע, זע מיט וויפֿל דערגנער שטעכיקע זי איז, און ווי די קראָפּעווע איז דאָ צעשפּראָצט!
אָט טרעטלט דער צבֿועק מיט שמן־זית אויפֿן פּנים און דעם בליקעלע פֿאַרגלאָצט, —
וואוהין־זשע טרעטלט ער דאָס איצט? איר מיינט אָודאי, אַז צו חצות אינמיטן נאַכט?
זײַט מוחל, גייט אים נאָך, און איר וועט הערן בלבול אויף אַ מענטשן אויסגעטראַכט.
נו, און אונדזער גרויסן עניו קאָנט איר אַלע, — דער בײַשפּיל דאָ פֿאַר קינד־און־קייט.
אַ קלייניקייט, דער עניו אונדזערער! אַז נישט געזינדיקט זאָל איך האָבן מיט די רייד.

ל י י ד   א ו ן   פ ר י י ד

אָט שטייט ער ביי דעם עמוד און ער דרשנט, און ער מוסרט אונדז דאָ, אַז
דאָס כבוד־זוכעניש איז איבלדיק, איז מוקצה מחמת מיאוס, איז ווי אַ שווער צרעת,
און גוט און וואויל איז דאָך צו דעם, וואָס טרייבט דאָס פון זיך גוף און זיין געדאַנק.
נו, יאָ, אוודאי, נאָר פּרוּווט און זינגט דער עניוות זיינער נישט קיין לויב־געזאַנג,
וועט זיין אַז אַך און ווי שוין דעמאָלט דאָך צו אייער לייב און דעם געביין.
ער וועט זיך איינבייסן אין אייך מיט זיינע שטשירעדיקע און רציחהדיקע ציין.

איז ווי־זשע לעבט מען מיט אַזוינע און אַזעלכע? — זעט, זעט, — מען לעבט! מען לעבט!
דער אָדלער־פליגל האָט, דער הייבט זיך אויף און אין דער הויכקייט זיך צעשוועבט,
און האָט נישט ווער אַזוינע פליגל, און זיין פאַרמעג איז בלויז די שיין פאָר זיינע טריט,
פירט אָט די שיין אים דורך די דערנער שטעכיקע, און דורך קראַפּעווע, וואָס בריט,
צו בוימער וואָרצלדיקע און גרין באַבלעטערטע און צו מענטשן, וואָס פאַרזעצן זיי.
אַז וואויל איז דעם, וואָס טראָגט די האָפענונג ביים אַקערן די ערד און ביים פאַרזיי,
אַז זינגען וועט זיין האַרץ אַן אויפגעלויכטנס אין די טעג פון שפּעדיקן שניט.
אַזוינער איז דאָס ליכט, דאָס לויטערע, וואָס שטראַלט צעליכטיקט פון מיין ליד,
איז גוט און וואויל, וואָס אָט אַזוינע זיינען דאָ, כאָטש ווינציק זייער צאָל,
איז זייער כוח אונדזער אָנשפּאַר, נאָר וועגן זיי? — זאָל זיין שוין אויף אַן אַנדערש מאָל,
ווען אָט די שווערע ריחות פונעם מיסט אין אונדזער לעבן, וועלן זיך פאַנאַנדערגיין,
און האַרץ מיינס וועט זיך טובלען זיבן מאָל אין וואַסער, וואָס איז ריין.
מען קאָן דאָך קיין באַמיסטיקטער נישט גיין צום היכל, וואו קדושה איז צעהעלט
און יעדער מענטש אין אים אַ כוהן, און יעדער כוהן — קרבן פאַר דער וועלט,
וואָס איז נאָך אַלץ אין גאַנג צו אייגענער דערקענטעניש פון טיפער נידער צו דער הויך
דורך צאָם, דורך פלאַם, דורך ווינט און רעגן, און דורך אַזאַ געדיכטן רויך,
וואָס וויקלט זיך און קנוילט זיך, ווי אַרום דעם קרבן זיינעם דער צישענדיקער שלאַנג.
ווי וואונדערלעך, ווי וואונדערלעך איז דאָך די וועלט אין איר עקשנותדיקן גאַנג
צווישן די אַזוינע און אַזעלכע, וואָס פלאָדיען זיך, ווי ווערים אויף איר וועג,
און טשאַדען אונדז די נעכט און כמאַרען און פאַרכמאַרען אונדז די טעג.

ולמלשינים אל תהי תקוה

ולמלשינים אל תהי תקוה! — האָט אַ חכם פון פאַרצייטן זיי געשאָלטן אין זיין צאָרן.
מסתמא איז ער פון אַזוינע אין זיין לעבן אָפטמאָל אַ פאַרסאַזשעטער געוואָרן.
פאַראַנען אָט אַזוינע, וואָס קרענקען אויפן וואָרט „חשדהו״,
ווייל פרעמד איז זיי דאָס וואָרט „כבדהו״,
וואָס איז דערביי אין שכנות.
זיי טראַכטן גאָרנישט, אַז געמיין איז
צו פליוכען מיט רכילות.
עס איז ביי זיי שוין אַ רגילות,
וואָס איז נישט אויסצוהיילן.
זיי וועלן אייך דערציילן
אַזוינס, וואָס איז געבויט אויף וויסטע סברות,
און שטויביקע השערות,
און גאָרנישט טראַכטן, אַז זיי באַמיסטיקן דעם אייגנסטן אפילו.
די ווערטער זייערע — אַזוינע פרומע, שטילע,
און כלומרשט מיט באַדויער
צו יעדן איינעם אויפן אויער,
אַז בלייבן זאָל דאָס צווישן אונדז, למען השם, אַ סוד, פאַרשטייט זיך.
און גוט און וואויל איז זיי, ווען כמאַרע שפרייט זיך,
און דראָעט מיט אַ רעגן אויף דעם און יענעם.
איך קאָן זיי אָט די לייט, — זיי זיינען זשאַר־צעבלאָזער אין גיהינום
מיט צדקות אויף די פנימער, ווי ביי מלאכים אין גן־עדן.
אַז אָט אַזוינער עפנט אויף זיין מויל צו מיר צו ריידן,
פאַרהענג איך גלייך מיין נאָז מיט אַ פאַטשיילע,
ווייל ריח זיינער איז — נבלה.

ז. וויינפער

דיינע בעלי־טובות

גוטע מענטשן העלפן און פארגעסן,
אבער די רשעים פרעסן
אויף דעם נעמער.
פולע עמער
בלוט זיי זויפן.
נישט זיך אויסצוקויפן
פון די חובות
ביי אזוינע בעלי־טובות.

אוי, די זויפער און די פרעסער!
גיב זיי עולם־הזה גאנצע פעסער,
און פארזארג זיי אויך מיט עולם־הבא גאנצע טאנען.
צי פאר זיי פאנאנדער אלע פאנען
העכער, העכער
פון די דעכער
ביז די כמארעס.
מאך פאר זיי די ברייטסטע ווארעס,
און באזינג זיי,
און באקלינג זיי
נישט קיין ביסל,
נאר א פולע שסיל.
רעגן איבער זיי מיט ברכות,
זינג זיי שירים ותשבחות
אויף אסיפות
פול מיט חניפות:
— יעמוד, ר׳ יעקל ב״ר שמעלקע
מיט זיין אשת חיל נעכע עלקע,
ווענס צדקות איז צו מעסטן אויף די קלאפטער.
גיב זיי ששי, גיב זיי מפטיר,
ציקל מי שברכס מיט א שלשלת פון גארגל.
שפיל פאר זיי דעם ארגל,
בלאז זיי שופר!

אוי, די פרעסער און די זויפער, —
ווייניק איז זיי עולם־הזה, גיב זיי אויך דיין עולם־הבא.
נישט געגוג, וואָס ביסט ביי זיי אַ גבאי,
און דו שפרייטסט זיי אויס אַנטקעגן
ווייסע טעפּעכער אויף וועגן,
ווילן זיי דיין אויל אויך אין זייערע באַגילדעטע מנורות,
כדי אפילו אויך די קומענדיקע דורות
זאָלן צו די נעמען זייערע פאַרבלייבן בעלי־חובות, —
פרעג ביי זיי, זיינען זיי גאָר דיינע בעלי־טובות.

ז. ווײַנפּער

אין די איצטיקע טעג

ירושה
צעדרויבט זיך,
קדושה
צעשטויבט זיך,
מה נאמר,
ונדבר?

דער שומר
שלינגט זשאַווער
און שטיקט זיך, —
דער וואָרעם?
ער קוויקט זיך
מיט קברים,
און מערט זיך.

עקדה, —
זי בערט זיך
פון עדה.

דער רשע
ביים עמוד.
זיין דרשה
נקמהט
דעם דרך,
וואָס גראַדיק, —
דעם דרך
פון צדיק.

נר־תמיד
פאַרנעפּלט.

ביים עמוד
צעפּרעפּלט

ל י י ד א ו ן פ ר י י ד

איז כוהן
אין וויסטן
בזיון

שפּרייט מיסטן
צעפּוילטע,
צינדט פלאַמען
צעגרוילטע,
וואָס סמען
ירושה.

די תפילה
איז בושה.

קהילה
נכבדה
זאָגט אָמן,
ווייל מאָדע
איז נאָמען
פון רשע
אַזוינעם.

— זיין דרשה?
קויפט, קונים!

די קראָען,
— ווי כמאַרעס,
זיי דראָען
מיט נאַרעס
אין תפיסה,
מיט ריטער
און מיתה,
נאָר היטער
פון גאַרבן
— מיט זריעה,
זיי שטאַרבן
פאַר תחיה!

ז. ווייספּער

דער פּסיכיאַטאָר דערציילט

ער קומט צו מיר הכנעהדיק, — קוים, קוים, וואָס ער דערהאַלט זיך אויף די פיס,
און אַז איך בעט אים זיצן און וויל וויסן, וואָס אים דריקט, און וואָס אים איז,
צעקרעכצט ער זיך און איז זיך מודה, אַז ער ווייסט אַליין נישט גאַנץ גענוי,
און דעמאָלט פּרוּוו איך טרעפן, און איך רעד צו אים אַזוי, אַזוי,
ביז ער אַליין צעבינדט די צונג, וואָס וואַרפט מיט ווערטער אין דער לופטן ווילד,
און איך, אין אָנגעשטרענגטקייט, כאַפּ זיי אויף, און שטעל צונויף פאַר זיך אַ בילד
פון זיין פאַרלוירנקייט, וואָס איז איצט די פאַרלוירנקייט פון אַזוי פיל טריט.
אַפּנים, אַז דער דור, וואָס צווישן האַמער און קאָוואַדלע איז נאָך נישט געשמידט,
און נאָך נישט ראוי איז ער גיין אַנטקעגן דעם, וואָס איז אין וועג צו אים.
דאָס האַרץ נאָך נישט געשטאַלט גענוג, — און מאַרך איז אין געשווים
אויף כוואַליעס ברויזיקע, וואָס שלאָגן זיך און שלינגען איינע זיך די צווייטע איין.
אָט זיצט ער, און איך, דער פּסיכיאַטאָר, רעד, און ער באַשטעטיקט אין זיין פּיין,
אַז פּונקט אַזוי און אַקוראַט, און קוקט אויף מיר דערביי דערשטוינט, געפּלעפט.
— עס טרעפט, עס טרעפט, — עס זאָל נישט טרעפן גאָר אַזוינס, ווי עס טרעפט,
דערצייל איך אים אין שטילער רו,
און ער? — ער שוויגט, און שאָקלט צו.
אַז אַלץ, וואָס נאָענט איז געווען, איז פּלוצלינג גאָר געוואָרן אַזוי ווייט.
די גאַנצע וועלט איז אַלט, און אויך אפילו דאָס, וואָס זיך באַנייט,
איז מער נישט, ווי געצוצעוועט פון דעם, וואָס איז שוין לאַנג געווען,
און גאָרנישט מער איז דאָ צו הערן, און גאָרנישט מער איז שוין צו זען?
אין אַזאַ שעה ווערט אייגן לייב דיר אויף אַ פרעמד שטיק פלייש,
ווייל אַלץ, וואָס האָט געשיינט פאַר דיר, ווי עמוד־אש
איז איצט נישט מער, ווי קנויט אַ רויכיקער אין לעצטן צאַנק?
אַוודאי ביסטו אויך אפילו איצט אין אַ כסדרדיקן גאַנג,
נאָר אָט דער גאַנג איז מער נישט, ווי פון שליאַפּענדיקע שיך,
וואָס שלעפן צופעליק אויך מיט איצט דיינע פיס און זיך?
נו, יאָ, עס טרעפט, עס טרעפט, עס זאָל נישט טרעפן, וואָס עס טרעפט,
אַז אַלץ צו וואָס דו ביסט געווען פאַרוועבט, פאַרקניפּט, באַהעפט
איז פּלוצלינג אין אַ דריבלעניש? — וואָס נעכטן ריין און שיין,
איז היינט פאַרקויטיקט, מאוס? וואָס נעכטן גוט, איז היינט געמיין?
און ביסטו אַלץ אין גאַנג, איז דאָס דערפאַר, ווייל גיין איז שוין רוטין?

ליד און פרייד

די פילסט, אַז ביסט אַ שרייפל בלויז, און גאָרנישט מער אין דער מאַשין,
וואָס רופט זיך מיטן נאָמען „לעבן" אין דעם ווערטער־לעקסיקאָן ?

איך רעד, און ער, אַ טרויעריקער, שאָקלט מיטן קאָפּ און קוקט מיך אָן, —
אַזוי, אַזוי, נו, טאַקע אַקוראַט אַזוי, — און ער איז מסכים טרויעריק מיט מיר,
און איך, דער פּסיכיאַטאָר, רעד און זאָג צו אים, — אַ רחמנות איז אויף דיר,
נאָר אָט אַזוינס איז נישט קיין הילף דאָך פאַר אַזוינעם, ווי דו ביסט.
און ווידער איז ער מסכים, און ער זאָגט : — איך בין אַ בערגל מיסט,
איז נישט כדאי איז איבער מיר שוין איצט דאָ קיין פּאַרזיי.

ער הייבט זיך אויף און גייט אַוועק, — איך טראַכט, אַז בלויז אַזאַ, וואָס קאָן אין שניי
דערוואַרעמען זיין האַרץ, און פאַנאַנדערפירן זיינע הענט,
איז זוכה אויך דורך כמאַרע חושכדיקער צו דערזען דעם העלן בלענד
פון זון צעליכטיקטער, וואָס כאָטש זי איז פאַרדעקט, פאַרשטעלט,
איז זי דאָך דאָ, און הערט נישט אויף דעם וועג צו זוכן צו דער וועלט,
נאָר ווינד און ווי איז צו אַזוינעם, וואָס ער קאָן דאָס נישט, —
אַזוינער איז פאַרמשפּט אויפגעלייזט צו ווערן אין דעם גאָרנישט־נישט,
ווי דער, וואָס איז געווען ביי מיר, און איז אַוועק, —
אויף וועלכן וויסטן וועג
וועט אָט אַזאַ זיך לאָזן גיין ? —
דער פּסיכיאַטאָר קרעכצט, — אַז ווי איז דעם, וואָס בלייבט אַליין !

ז. וויינבער

דער פּאָעט לעקיש־בער, אַז ווייי צו זיינע יאָר!

נו, יאָ, אַוודאי איז אַזוי מיט דעם וועמענס צונג אין מויל
איז נעבעך נאַקעט, הויל!
די וועלט איז אין גערודער מיטן עול, וואָס איז איר שווער,
און לעקיש בער,
דער יאָלדישער פּאָעט
איז איצט אין זוכעניש נאָך וואָרט צו שליסן אַ סאָנעט
פֿאַר דאַמען זיינע, — ברונעטע, בלאָנדע.
פֿאַרטראַכט האָט ער אפילו גאָר אַ ראָנדאָ,
דערנאָך באַשלאָסן — אַ טערצין.
נאָר פּלוצלינג האָט ער זיך געכאַפּט, אַז די געזאַנגען פֿון דעם מין
אַרויס שוין זיינען לעצטנס פֿון דער מאָדע
צוזאַמען מיט דער אָדע.
דערצו האָט ער געזונגען שוין צו זיי אַזוינע דאָך אַ שלל,
וועט ער היינט מיט דעם סאָנעט באַווייזן, ווי גרויס און ווערסיטאַל
עס איז דאָך זייער לעקיש בער.
נישט מער,
עס פֿעלט אַ גראַם אים אויס צו באַלערינע!
געפּרואווט האָט ער שוין — מאַנדעלינע,
תחינה, קנאה, שנאה, גרינע, פּאָלערינע,
און ענלעכע צו זיי,
נאָר ווינד איז אים, און וויי, —
עס איז נישט דאָס! נישט דאָס! נישט דאָס!

אַפּנים, אַז דאָס וואָרט געזוכטע, איז מיר געוואָרן פֿון אַ לעקיש בערן און אַ לאָז
געטאָן זיך אינעם זינגענדיקן כאָר,
וואָס זינגט איצט דאָס גערודער פֿון דער שווערער וואָר,
און וויל באַהילפיק זיין איצט דאָרטן, וואו מען דאַרף.
זעט, זעט, דער שוחט פּרואווט פֿון חלף אויס דעם שאַרף,
און די בהמה מעלה גרהט, ווי נישט איר געמיינט.
אַ צער אויף אָט אַזאַ, ווי לעקיש בער, — אָט זיצט ער און ער וויינט,
און ווייסט שוין גאָרנישט, וואָס מיט זיך צו טאָן.

אַפּנים אַז, — נאַר שוויג, און הויב נישט אָן
פאַרתקירהן זיך אין טיפער טיף.
אַזוינס איז סובווערסיוו
ביי אָט אַזאַ, ווי לעקיש בער,
און דאַרפסטו דען, אַז ער
זאָל דיך פאַרמסרן, און שווערן זיך דערצו,
אַז שונא ביטערער פון באַלעבאַטישקייט ביסטו,
און בריען וועט מען דיינע טריט?

געבענטשט זאָל זיין דאָס האַראַפּאַשנע פשוט וואָרט אין ליד,
וואָס הערט נישט מיין באַפעל!
אַפּנים, אַז אַזוינס, וואָס איז צעליכטיקט העל,
און אָנגעלאָדן מיט שליחות איז,
טוט זיך אין צאָרן ברויזיקן אַ ריס
אַנטקעגן בילנדיקע הינט,
צעבושעוועטן ווינט
דורך פשוטן און פּראָסטן פּערז,
און הערט, ווי עס עכאָט אָפּ אין גאַנצן אוניווערז,
אַז דער,
וואָס איז אַ לעקיש בער,
און וואַרפט אַ לאַסאָ אויפן מענטשלעכן געדאַנק,
וואָס איז פון אייביק אָן אין גאַנג,
איז אַ פאַרשפּילטע קאָרט.
עס דינט אים נישט דאָס וואָרט,
וואָס קומט פון טיפער טיף,
ווייל ער אַליין איז סובווערסיוו,
און ווערעמדיק ביז גאָר, —
אַז ווי איז צו די יאָר,
אַז אָט אַזאַ, ווי ער,
דער לעקיש בער
פאַרנעמט ביי אונדז אַן אָרט
מיט אַזאַ פּוסט און אויסגעדראָשן וואָרט!

אָ, צוטרוי אונדזערע!

י פּאונדס, די האופּטמאַנס און די האמסאַנס, און אויך אַט־די, וואָס צווישן אונדז הײנט דאָ, —
י שדים אין די חורבות טענצלען און כאַכאַטשען הילכיק איצט אויף קולות: כאַ־כאַ! כאַ־כאַ!

זויף אַט אַזאַ מין שפּע האָבן זײ אַלײן אפילו נישט געריכט זיך, — זעט נאָר סאַראַ מין געפּאַנג!
ער מײסטער פון „די וועבער", דער באַװײנער פונעם „הונגער", און דער זינגער פון געזאַנג!

זאַ געפּאַנג, — קײן עין־הרע, און מערער קומען, — זעט נאָר, זעט נאָר, — מחנותװײז, —
ומזיסט געשראָקן זיך, אַז מענטשן זײנען פון אַ העכערער מדרגה, ווי די מײז!

ביסל ווינט, און זעט נאָר זײער פּחד! אַ שטיקל קעז, און זעט נאָר, זעט נאָר דאָס געלויף!
ס וואָלט דאָך שווערער אָנגעקומען די הינט אַרויסצונאַרן מיט אַ בײן פון זײער הויף!

י פּאונדס, די האופּטמאַנס און די האמסאַנס, און אַנדערע אַזוינע, — ווײ צו זײ און ווינד!
ער צוטרוי פון דער וועלט, — אַן אָפּגענאַרטער, אַ בלאַט געטראָגן פונעם ווינט.

וי פילט זיך אונדזער צוטרוי אָפּגענאַרטער אינעם ווינט־געטריב? מען ווײסט! מען ווײסט!
ז גרויס רחמנות איז אויף אים. קומט לאָמיר זוכן צווישן פאָלק, דעם פּשוטן, פאַר אים אַ טרײסט.

ס קאָן דאָך אונדזער וועלט נישט לעבן אָן אַביסל צוטרוי אינעם גאַנג צו דעם אַרויף.
ן צוטרוי צווישן זיך איז מענטש נישט מער, ווי אַ חיה אַ רציחהדיקע פאַר פּרעס און זויף.

ואָס אַט די פּאונדס, די האופּטמאַנס און די האמסאַנס האָבן נישט באַוויזן צו דערטאָן,
ערטוען איצט אַט די, וואָס צווישן אונדז דאָ־הי, —זעט, זעט, מען שטעלט די וועלט אין לעצטן קאָן.

ער קאָן איז אַן אַזאַרטער, — די שפּילער ווילד־צעיושעטע פון רשעות און פון כעס,
ון פרעגט בײ זײ איז דאָס אַ פרומע דבקות, און מעשטײנסגעזאָגט עקסטאַז.

עט, זעט, — מען גלאָצט די פרומע אויגן צו דעם געץ פון דער גרוילנדיקסטער גרויל,
וען איז מתפּלל מיט מסירהלעך, און מען זינגט דערבײ נאָך ברוך שאמר צו דעם אײגן מויל.

ל י י ד   א ו ן   פ ר י י ד

און גוט און וואויל איז זיי אַזוי צו זשליאָקן די רציחה פון זייער איבערשוימטן כוס,
און גוט און וואויל איז זיי, ווען האָגלדיקער שטורעם צערויעט אונדזער גראָז.

אַז זיי דערזעען, ווי דער קרבן אויף עקדה, האַלט די אויגן מיט בטחון צו דער הויך,
פאַרציען זיי דעם הימל אין דער שנאה זייערער מיט אַ געדיכטן רויך.

כאַ־כאַ! כאַ־כאַ! — די שדים אין די חורבות פרייען זיך, — — קיין עין־הרע, אַזאַ דערפאָלג!
אַזוי פיל העכט און שלייען אין דער נעץ, — נאָך זיי וועט קומען דאָך דאָס גאַנצע פאָלק!

געבענטשט זאָל זיין דאָס פאָלק דאָס פשוטע, — עס שאַרט אַוועק פון וועג דאָס מיסט.
דאָס פאָלק, דאָס פשוטע, איז אייביק, — העי, שדים, אייער פרייד איז דאָך אומזיסט!

זעט, זעט, — דאָס פאָלק גייט אויף אויך איצט אפילו, און דער גלויבן איז צעהעלט.
עס ראַטעוועט דעם צוטרוי פונעם ווינט, און דער צוטרוי ראַטעוועט די וועלט!

עס גייט, עס גייט אויך איצט אפילו, ווען אַזוינע און אַזעלכע לייגן שטיינער אויפן וועג, —
עס גייט דורך חושך און דורך שטורעם, און זינגט דאָס ליד צו באַנייטע נעכט און טעג.

די פאונדס, די האופטמאַנס און די האמסאַנס, און אויך די, וואָס צווישן אונדז, אָט־דאָ, —
זיי זיינען פלעקן אויף דער זון, וואָס וועלן זיך פאַרווישן, — אָ, צוטרוי, ברוך הבא!

ז. ווײַנבער

דער רשע

טרעפט אַמאָל די רשעות קומט פון ערגעצוואו, און איז צו צדקות אין איר דראנג,
דעמאָלט וואַקסט אַ צדיק זיך פאַנאַנדער פלוצלינג איבער אונדזער וועג.
אַזאַ צדיק איז מדרגה, און דאָס וואָרט זײַנס ווערט אַ גליענדיק געזאַנג,
וואָס דערהויבט דאָס לעבן אונדזערס דורך די שווערסטע נעכט און טעג.
אָבער ווען די רשעות איז פאַרליבט אין זיך אַליין ביז גאָר, וואַקסט דער רשע, און
דעמאָלט העלפט נישט, ווען דו קומסט אים אָן אַנטקעגן אויפגעלויכטן, ווי די זון.

אדרבה, וואָס מער זוניקייט דו ווײַסט אים שפּרייטן, און וואָס וואַרעמער דער בלענד,
וועט די רשעות זיך צעפלאַקערן נאָך העלישער און ברייענדיקער אין זײַן בלוט.
ווי אַ שלאַנג, אַ גיפטיקע, וועט ער אין דער רציחה זײַנער, בײַסן דײַנע הענט,
און צעפּאַסעוען וועט ער די גלידער דײַנע, ווי אַ בייזע, פאַכענדיקע רוט.
שרייען — ביסט אַן אונטערצינדער, ביסט פאַר אונדזער לעבן אַ געפאַר,
דיך פאַרמאַסערן און נישט פאַרגעסן פאַר מסירה זײַנע מאָנען אויך אַביסל שכר.

קאָנסט נישט אַט אַזוינעם? גיי! ביסט בלינד, חלילה, אָדער וואָס?
זע, אַט גייט ער! צדקות אויף זײַן פּנים און אין האַרצן רשעות אַט אַזאַ!
וואו עס פאַלט זײַן טראָט אַנידער, וועלקט דאָך אונטער אים דאָס גראָז.
זעט ער אַ לוויה, קרעכצט ער צדקותדיק, נאָר אין האַרצן יובלט ער — הוראַ!
ווייל נישטאָ איז אויף דער ערד דאָך קיינער, קיינער וועמען ער פאַרגינט, —
בײַ לוויה, אויב אַ גרויסע, וואָרטשעט ער: — מיט וואָס האָט ער אַזוינס פאַרדינט?

וואָרט זײַנס פרום פאַרגלאָצט צום הימל, איז ווי סם, וואָס קומט פון שלאַנגען־מויל.
אָנגעפילט מיט רשעות איז דאָס גאַנצע האָב און גוטס דאָך אין זײַן פויל־געפּעק.
פּאַקט ער דאָס אַמאָל פאַנאַנדער, טוט אַ שלאָג אויף דיר אַזאַ שווערע גרויל,
אַז פאַרגעסט די ביסלעך פרייד, וואָס געהאַט האָסטו דורך דײַנע נעכט און טעג.
כאַפּסט אַ קוק אויף דעם און דערפילסט אין זיך אַזאַ פרירנדיקע קעלט, —
כמאַרעס איבער כמאַרעס, — בלויז אַ רעגנדיקע, האַגלדיקע וועלט!

אַ רחמנות אויף אַזוינעם, זאָגסטו? קרבן איז ער נעבעך פון דער צײַט?
איך האָב קיין רחמנות נישט אין זיך אויף אַ קראַ, וואָס שעלט!
קראַ, אַז זי דערזעט, ווי דער קאַיאָר צעבלענדט זיך פון דער ווײַט,

לייד און פרייד

נעמט זי שיקן אירע קללות וויסטע צו דער גאַנצער וועלט,
קראַ צעקראַקעטע, — נבלה־פּאַדלעס גאַנצע טאָנען, גיב איר, גיב,
און אַ צוגאָב ווינט און חושך, וועט די וועלט איר דעמאָלט ווערן ליב!

אַ מאַרטירער, נעבעך, זאָגסטו? שווייג שוין בעסער, גיי שוין, גיי!
אַ מאַרטירער איז קיין האָגל אויפן פעלד נישט פאַר פאַרזיי!
גרויל, די גרויליקע, איז שווער, אָבער ווען מען מאַכט פון איר אַ קרוין,
און מען מאָנט דערצו כבודים, און דערצו נאָך אויך אַ פעטן לוין,
קומט אין זינען יענער קאַליעקע, וואָס שטופּט זיין מום דיר צו דיין בליק,
און ער מאָנט פון דיר דערפאַר אַזוי פיל און אַזוי פיל זילבער־שטיק.

זע נאָר, ווי ער גיסט פאַמויניצעס אויף יעדער יונגן און געזונטן צוויט!
זע נאָר, ווי ער סמט, פאַרסמט די וואָרצלען דאָ פון אונדזער יעדן בוים!
הערט ער עמיצן אַמאָל אַ זינג טאָן אויפגעהעלט אַ פריידיק ליד,
הויבט אָן פון זיין בייזן מויל צו גאַווערן מיט אַזאַ שנאהדיקן שוים.
ווען איך האָב געזונגען צו מאַרוסיען דער פאַסטושקע פון די ווייסע גענדז,
האָט ער מיך געשאָלטן, ווייל דערמאָנט האָט אים מיין ליד זיין אימפּאָטענץ.

זע נאָר, ווי ער שפּריצט מיט שנאהדיקן סם אויף אונדזער העלער פרייד,
און ווי אויפגעלעבט ער ווערט, ווען ער זעט קאַנוואולסנדיקן אונטערגאַנג.
מער ווי קללות האָט ער נישט פאַר דעם, וואָס אַקערט און פאַרזייט.
דאַרן, שטעכנדיקער איז פאַר אים דאָך יעדער רייפער אָנגעפילטער זאַנג.
יאָ, עס טרעפט אַז רשעות שלאָגט זיך אָן אויף צדקות און זי לייטערט זיך ביז גאָר,
אָבער, אַז זי איז פאַרליבט אין זיך? — זאָל זי גיין צו אַלדי שוואַרצע יאָר!

ז. ווייגפער

אַנטקעגן דעם, וואָס דו זאָגסט „משיח אויף אַן אייזעלע"

אַז דיר איז נישט ליב קיין משיח אויף אַ טאַנק, וואָס ברענגט מיט זיך רציחה,
איז מילא. אַזוינער איז אוודאי קיינעם דאָ נישט ניחא.
נאָר, אַז דו חלומסט פון משיחן, וואָס קומט צורייטן אויף אַ ווייסן אייזעלע,
דערזע איך אים זיך ווישן דאָס פאַרקאַטערט נעזעלע
מיט זיין געבלימלט טאַבאַק־פאַטשיילעכל.
זיין קעפּעלע — די גרויס פון אַן אייער־געלעכל,
און זיינע הענטעלעך אַזוינע ווייסע.
איך הער דיך אויס, און אין זכרון קומט די מעשה
פון יענעם טריסקער חסיד,
וואָס האָט דערזען דעם עתיד
אין גלאַנץ פון רבינס זיידענער קאַפּאָטע,
און זיך צעטענצלט אין דער בלאָטע
פון מיינע טריסקער געסלעך
ווייל, מערצישעם, וועט שוימען יין־המשומר פון די פעסלעך,
און איבער יעדן פריפּעטשאָק וועט זיך בראָטן אַ שור־הבור און אַ לויתן.
נו, יאָ, אוודאי וועט זיין שמחה־וששון,
וועט אָט דאָס אייזעלע וועט זיך צעשפּאַנען אויף די פיסעלעך, די איידעלע,
און וויגן הרחבהדיק דאָס ווידעלע,
ווי קינדער וויגן שמחת־תורה־פענדלעך אין נחת און אין פריידן.
די באָבע וועט זיך לאָזן קעגן זיידן
אין צניעותדיקן מצווה־טענצל,
און דיין משיחל אינעם לארבער־קרענצל,
וועט נחתדיק אין שופר זיינעם טאָן אַ בלעזעלע,
און ווישן זיך דערביי דאָס פאַרקאַטערט נעזעלע.

נו, יאָ, אוודאי, ווען ער וועט קומען וועלן אַלע לעמפּערטן זיך בחפזון
פאַרוואַנדלען באַלד אין הערשעלעך, אין ציגעלעך און האָזן.
די שוואַרצע קראָען וועלן ווערן ווייסע טויבן,
און שטעכלקעס וועלן ווערן אַזעלכע גרויסע טרויבן,
ווי די, וואָס די מרגלים האָבן מיטגעבראַכט פון לאַנד כנען אויף חידוש.

לייד און פרייד

מיין דרדיקער מלמד איטשע בערל, וואָס פלעגט שטעלן ראַזשענקעס אויף קידוש
און שבת זיך צעדברן אין פרומקייט נאָר אויף לשון־קודש,
פלעגט זאָגן, ווען משיח וועט קומען וועט ווערן שבת, יום־טוב און ראש־חודש
פון יעדן וואָכנדיקן טאָג, און בענטשן וועט מען זיין הייליקן און ליבן נאָמען,
און כופרים אויך אפילו וועלן דעמאָלט ענטפערן „אָמן״
ביים דאַווענען אין קלויז אויף יעדן יתומס „יתגדל ויתקדש״,
און זאָגן וועלן זיי מיט התרוממות „תתחדש״
דעם צדיק־הדור, וואָס קליידט זיך אינדערוואָכן אין זיידענע מלבושים.

דער צדיק־הדור, אַז ער צערעדט זיך וועגן שכר ועונש צעשפרודלען זיך חידושים, —
מען זאָגט אויף אים, אַז ער איז אַזוי גרויס, ווי דער רבי עקיבא!
אַפנים, אַז די יושבים אין דער הייליקער ישיבה,
וואָס זאָגן אָט אַזוינס, ווייסן גאָרנישט, אַז דער רבי עקיבא
איז אין זיין צייט, רחמנא לצלן, געווען דאָך צווישן די סובווערסיווע.

אַנטקעגן וואָס־זשע איז דאָס איצט צערייד געקומען? — נו, יאָ, — משיח אויף אַן אייזעלע!
איך קאָן אַן אויסגעבלייכטע מאַמען פון פיר קינדער, הייסט זי רייזעלע,
און איזן איז זי אַזוי שטאַרק אין מאַן פאַרליבט, אַז זי רופט אים יאָסעלע.
איר גרעסטע פרייד איז אַפצוקאָכן ווען נישט ווען פאַר אים אַ ראָסעלע,
אַז כוח זאָל ער האָבן פאַר זיין שווערער האָראָוואַניע.

געהערט אַ מעשה, — אַ פשוטע רייזעלע זאָל האָבן אַזאַ מאַניע!
נאָר אַז נישטאָ קיין שור־הבור, און קיין לויתן,
איז סיי ווי פריילעך — ממש שמחה וששון
ביי איר און אים אינאיינעם מיט די קינדער ביי גריצענער קאַשע!
מען דאַרף נישט זיין קיין רש״י
אַזוינס צו פאַרשטיין און אַזוינס צו באַנעמען, —
מען דאַרף בלויז די ברעמען
נישט האַלטן פאַרצויגן
אַריבער די אויגן,
ווי פאַרהאַנגען אויף שויבן,
כדי צו לויבן
און דאַנקען און בענטשן
אַזוי פיל משיחים צווישן פשוטע און ערלעכע מענטשן.

ז. ווײַנבער

דער עסטעטיקער

ער שטייט און קוקט, און הערט נישט אויף צו קוקן.
די אויגן זיינע גלאָצן, און זיינע אַקסל צוקן,
ווי בײַ אַ קינד מיט בליקן אין אַ מעשה־ביכל.
פון אויבער־קעשענע אַ שפּיציק־טיכל,
וואָס איז אין טאָן פון זיין קראַוואַט,
און אַלץ אויף אים איז נעט און גלאַט.

אויף וואָס־זשע גלאָצט עס מיט די אויגן אַזאַ איינער?
ער זוכט אין דעם אַרום, צי איז נאָך דאָ אַזאַ מין שיינער,
ווי ער אַליין איז איצט אין זיינע אויגן.
אַ פּאַווע איז פון הימל אַנגעפלויגן, —
העי, מענטשן, מענטשן, מאַכט אַ וועג, —
די פּאַווע שפּילט זיך מיט איר עק!

דאָס פּנים זיינס, ווי ערשט אַרויס פון אַ מאַסאַזשל,
און וואָרט פון זיינע ליפּן — אַ זינגענדיק אימאַזשל,
וואָס שאָטנט בין־השמשותדיק, וואואַליש,
און לייזט זיך אויף ווייך און מוזיקאַליש,
ווי טאָן פּיאַניסימאָ און דין,
ווי קלאַנג, וואָס איז פאַר זיך אַליין דער זין.

און אַז ער גייט, איז ער פאַר זיך אַליין, באַזונדער,
ווי ער וואָלט זיך אַליין באַטראַכט פאַר וואונדער־שעבעוואונדער.
ער ווערט אַן אויפגעלויכטענער, ווען ער דערזעט אַ פייער,
וואָס פרעסט אַ דאַך אַפּ פון אַן אַנגעפילטן שייער, —
וואָס אַרט אים, וואָס אַ שייער ברענט,
אַבי דאָס פייער בלענדט.

אַ גיפטמישער ביי טואונג ווייסטער אַ מענטשן צו פאַרסמען,
איז אים אַ בילד אַ שיינס אין ראַם אין גאָלדענער צו ראַמען,
אויב טואונג זיינע איז נאָר לויט די דינים פון עסטעטיק.

ל י י ד   א ו ן   פ ר י י ד

ביי אים איז ניט די טואונג, נאָר ווי אַזוי ביסט טעטיק, —
וואָס אַרט אים דען אַ מענטש, וואָס ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ מת,
אַבי דער מערדער טוט דאָס גראַציעז.

נישט ליב איז אים דאָס ציטערדיקע מעקען פון אַ שאָף ביים שערן,
עס קאָן אַזוינס די ראַפינירטקייט זיינע דאָך ניט הערן,
נאָר ליב איז אים די שער־באַוועגונג אין דער האַנט פון שערער,
וואָס עכאָט ריטמישדיק זיך אָפּ אין לופט דער לערער,
פאַר אים איז אָט אַזוינס געזאַנג,
וואָס העלפט אים אין זיין גאַנג.

זיין גאַנג, וואוהין? וואָס איז דער חילוק — אַבי ער גייט עסטעטיש.
זעט, זעט, ווי ליב, ווי שיין, ווי חנעוודיק קאָקעטיש,
ער טענצלט, ווי אַן אַנגעצויגענער אויף דראָטן.
כדאי צו וויסן צי ביים שלאָפן כראָפּעט ער אויף נאָטן,
און אויך צי די חלומות זיינע זיינען אַקוראַט,
ווי ער אַליין איז צוגעפּרעסט, און גלאַט.

איך קאָן זיי, אָט די לייט!

אָט די, וואָס האָבן קיינמאָל נישט געאַקערט, נישט געזייט און נישט געדראָשן,
און האָבן קיינמאָל קיין „המוציא" נישט געמאַכט אויף אייגן ברויט און חלה,
באַנעמען נישט דעם טעם פון אייגן וואָרט, ווייל אַ געבאָרגטס איז זייער לשון,
און גאָרנישט, גאָרנישט לייטערט זיי, און גאָרנישט איז זיי ווען נתעלה.

אַזוינע זינגען אַלע לידער, און קיינער הערט אין זיי נישט קיין געזאַנגען.
די קולות זייערע געשולטע לויט אַלע כללים און אַוודאי אויך אויף באַטן,
נאָר רופן נישט אַרויס אין דיין געהער קיין ווידערקלאַנגען, —
דיין בלוט בלייבט קיל אין דיר, דיין האַרץ ווערט נישט צעזאַטן.

אַזוינע זיינען אומעטום, און זיינען דאָך אין ערגעץ נישט פאַראַנען.
די וועלט איז זיי אַ מאַרק, און מאַרק איז אומעטום יאַרידיש.
זיי רעדן, דאַכט זיך, קלאָרע ווערטער, און ווערן נישט פאַרשטאַנען, —
זיי זיינען יין נסך און קיינער מאַכט אויף זיי דאָך נישט קיין קידוש.

עס טרעפט, עס גייט אויף אַ רחמנות אין געמיט אויף אָט אַזוינע,
כאָטש קלאָר איז דיר, אַז זיי פאַרדינען נישט אָט דעם רחמנות.
נאָר מאַלע, וואָס איז קלאָר! — מען ראַטעוועט אַמאָל אַ גאַסן־זונה,
ווען מיסטיק לעבן אירס שלאָגט אָן זיך אויף רציחה און סכנות.

איך קאָן זיי, אָט־די לייט, — זיי יאָגן זיך, ווי ווינט, כאָטש פּרעגט בחרם,
וואָס יאָגן זיי, אַז גאָרנישט אויסן זיינען זיי דאָך עפּעס צו געפינען.
אַזוינע, אַז דער אימפּעט פּרעסט זיי אויף, צעפוילן זיי, ווי ווערעם,
און לאַנדן סוף כל סוף אין שפּאַלטן פון די אייגענע רואינען.

ז. ווייגפער

זיי

זיי זיינען די קנאה,
די שנאה,
דער שקר,
און פרעג זיי, זיינען זיי וועקער
צו חצות פאַר עבודת־הבורא.
זיי זיינען די שפרייטער פון מורא,
ווי כמאַרעס, וואָס דראָען,
זיי זיינען די קראָען,
וואָס קראַקען מיט קללות, חרמות,
און פרעג זיי, איז יעדער פון זיי דאָך אַן עמוס,
וואָס צאָרנט,
און וואָרנט.

אַז ווי איז צו אונדז מיט אַזוינע נביאים!

זיי פרעפלען פון המשך און קיום,
און צינדן אָן פייער
אויף דאָך פונעם שייער.
זיי זייען די ווינטן, וואָס בלאָזן פאַנאַנדער דעם שטורעם,
און פרעג זיי, זיינען זיי פונעם ליכט אינעם טורעם
די היטער.
זיי זיינען דאָס וויסטע געוויטער,
וואָס קויעט,
צערויעט
די בייטן אין גאָרטן, ווי ווילדע חזרים,
און פרעג זיי בחרם
פאַרוואָס אַזאַ שנאה?
פאַרוואָס אַזאַ קנאה?
נישטאָ אַזאַ צוויט דאָ ביי אונדז, וואָס זאָל זי נישט קרענקען!
איך וואָלט זיי געשאָלטן — דער ים זאָל זיין אַלע פאַרשווענקען,
איז מיר אַ רחמנות אויף די פיש, די באַטעמטע,
וואָס וועלן דאָרט ווערן פאַרסמטע!

רשעים

צדיקים שפאָרן אָפּ פון זיך דעם לעצטן ביסן
און זיי גרוסן,
און זיי בענטשן
זיך מיט מענטשן.
אָבער די רשעים, — שטענדיק זויפיק, פרעסיק.
טרעפט זיי וואַרפן צו אַ ביין, אָדער גאָר אַביסל עסיק
פון די טישן זייערע געדעקטע
צו די הענט, די אויסגעשטרעקטע,
צאַפּן זיי דערנאָך פון די געפּרואווטע נעמער
בלוט אין פולע עמער,
און זיי מאָנען,
און באַטאָנען
טאָג און נאַכט דעם זעלבן פּזמון,
אַז אין זייער זכות בלויז לעבט מען, איז מען!

דער כּוהן פון בזיון

אַז װײ און װינד איז אונדז מיט אַזאַ כּוהן !
עס שלאָגט דאָך מיט בזיון
פון זײַן מזבח.
אַ טשאַדידקער ריח
גײט אױף פון אים, און פון זײַן חושן־ואופד.
די גאַנצע לופט אַרום די דלד אמות זײַנע מגפהט,
װײל בלוט איז אױף די פינגער זײַנע.
אָ, שװעסטער מײַנע, ברידער מײַנע,
און אַלע, אַלע,
װאָס חלומען נתעלה
צו װערן אין אַ װעלט, אַ נײַער !
אַװדאי איז דאָ שײַנקײט אינעם פײַער,
װאָס שײַנט אױף װעגן
דעם חושך פון דער נאַכט אַנטקעגן,
און שײַן אַװדאי איז נר־תּמיד,
אױף רײַנעם עמוד
פאַר דעם צעלױכטענעם בעל־תּפילה,
װאָס בעט פאַר זײַן קהילה.
אָבער דער, װאָס מעלקט די עדה,
און פירט זי אױגנגלאָצעריש אױף זײַן עקדה,
כּדי דאָס פלײש און פעטע בײנער
זאָל זײַן פאַר זײַנע צײנער
איז כּוהן
פון בזיון !

איבלדיקער ריח
גײט אױף פון זײַן מזבח,
עס שלאָגט פון אים מיט שׂרפה,
און גרױליקע מגפה.

דער מאַרק — דער קונה

האָט נישט קיין פּאַראַיבל,
עס שלאָגט מיט וויסטן איבל
און נודנאָטע
פון זיין חרטה,
ווי פון אַ פאַלשער נאָטע
פאַר ראַפינירטן אויער.
זיין טאָן — גרימירטער טרויער,
און קול זיינס — אַ צינגל אָן אַ גלעקל,
וואָס וויגט זיך, ווי אַ הינטיש עקל,
אַ קלאָג צו אונדז, וואָס אָט אַזאַ געסראָכע
איז איצט ביי אונדז אין דער משפחה.
זעט, זעט, ווי דער אפילו
ביי וועמענס עמוד ער גאָרגלט אויס אַ תפילה,
פאַרשטאָפּט די אויערן מיט וואַטע.
קיין חידוש נישט, — די ווערטער זיינע זיינען בלאַטע,
ווי זונות דורך די נעכט אויף ראָגן.
נו, יאָ, נישטאָ איז וואָס צו רעדן און צו זאָגן,
אַז מאַרק איז איצט אַ קונה
פון יעדער זונה,
איז עמוד דאָ פאַר אָט אַזוינעם, —
אַז וויי צו אָט אַזאַ מין מאַרק מיט אָט אַזוינע קונים!

ד ע ר ז י י ט י ק ע ר

נישט ליב איז מיר דער זייטיקער, דער שטילער אָבזערוואַטאָר,
וואָס הערט נישט אויף באַטאָנען, ווי טאָלעראַנט ער איז, ווי אָביעקטיוו.
ער שאַרט זיך צווישן אונדז אַרום, ווי אין מוזייאום דער קוראַטאָר,
און אָבזערווירט אונדז קיל און אויסגערעכנט דורך שפּאַקטיוו.
איך ווייס נישט אַקוראַט, ווי איר, נאָר איך האָב ליב דעם פלאַטער,
דעם ציטער־צאַפּל צו דער הויך, וואָס גייט אויף פון דער טיף.
געהערט אַ מעשׂה! — נישט קיין פרייד און נישט קיין צער און מאַטער,
און אויך אפילו נישט דער נייגער פון אַ קינד, וואָס איז נאַאיוו.

ווער איז דער מענטש, וואָס ווייסט גענוי נאָר יענעמס חשבון אונטערציען
און איז אַליין דיר קיינמאָל גאָר קיין ציפער אינעם חשבון נישט?
אַזוינער איז קיין גלי נישט האַרץ דיינס צו דערוואַרעמען, צעגליען,
און אויך קיין ווינט נישט אין דער לופט אפילו, וואָס צעוויגט, דערפרישט.
איך ווייס נישט אַקוראַט, ווי איר, נאָר איך וועל ליבערשט זיך דאָס לייב צעבריען
פון דערנער שטעכיקע און אומגיין אַ פאַרסמטער און צעמישט,
ווי לאָזן דעם סך־הכל פון דעם חשבון מיינעם אונטערציען
פון אָט אַזוינעם, וואָס איז אַליין אַ גרויסער גאָרנישט־נישט.

איך ווייס נישט אַקוראַט, ווי איר, נאָר מיר איז אָט אַזאַ דערווידער!
געהערט אַ מעשׂה, — אַן אויג, אַ האַנט, און דער מענטש דערביי נישטאָ?
אַזוינער איז דיר קיינמאָל נישט קיין צודעק צו דערוואַרעמען די גלידער,
און אָפּגערעדט פון טרייסט פאַר דיר אין אַ שווערער שעה.
דו זוכסט פאַר זיך אַ תּפֿילה אין די בלעטלעך פון זיין סידור
און זיי דערציילן דיר, אַז קאָמעץ אַלעף איז אַן „אָ“.
ער איז דיר נישט קיין הויך, און איז דיר נישט קיין נידער,
און אויף זיין פלאַכלאַנד איז קיין ביסל גרינס נישטאָ.

וואו צדדים אין געראַנגל, איז ער, דער זייטיקער, דער דריטער,
וואָס טוט אויף זיך די טאָגע פון אַ שופט אָן, און ווערט דער רעפערי.

ער איז דיר נישט קיין אַקערער, קיין זייער און קיין שניטער,
און נעמט דעם בעסטן חלק צו פֿאַר זיך פֿון יענעמס מי.
אַזוינער, אַז עס קומט אַ שווערע שעה אָן אין געוויטער,
איז ער דיר אונטער אָפּדאַך אַ באַשיצטער, אָדער גאָר נישטאָ דאָ־הי.
נאָר אַז עס האַלט ביי דעם סך־הכל איז ער אַן אונטערציער, אַ געניטער,
און אַלע צדדים ווערן זיינע פּעטע, מעלקנדיקע קי.

געהערט אַ מעשה, — אַ רואיקער און קילער אָבזערוואַטאָר
אויף וועלט צעראַנגלטער דורך גלעזערנעם שפּאַקטיוו!
נישט טאַטע, און נישט מאַמע, נאָר עמיצער, וואָס צופעליק — אַ קוואַטער,
באַשטימט דעם גורל פֿון דעם ניי־געבוירענעם און חתמעט אים זיין יחוס־בריוו.
פֿאַר מיר איז אָט אַזוינער מיט זיין שמן זית פּנים גאָר אַ בלאַטער,
וואָס קריגט אַזוי פֿיל און אַזוי פֿיל פֿאַר האַנדלען — אָביעקטיוו.
איך ווייס נישט אַקוראַט, ווי איר, נאָר איך קריג אין דער נאָז אַ קאַטער
פֿון אָט אַזוינעם, וואָס מיינט אַפּנים, אַז איך בין נאַאיוו.

שוין ליבער מיר דער ברוזיקער, קעגנערישער קריגער,
וואָס ציט אַנטקעגן מיר זיין שאַרפֿע שווערד פֿון שייד.
געהערט אַ מעשה, — אַ מענטש, וואָס אינגאַנצן נישט קיין היגער,
און קאָן נישט אונדזער צער און קאָן נישט אונדזער פֿרייד.
איך ווייס נישט אַקוראַט, ווי איר, נאָר מיר איז ליבער שוין א שוויגער
מיט אירע בייזע, שטענדיק־שטעכיקע און שאַרפֿע רייד,
ווי אָט דער זייטיקער, וואָס טראָגט די טאָגע פֿון אַ זיגער,
ווייל קלאָר איז אים, וואוהין דער ווינט איז איצט צעווייט.

די קרעכצער, די קלאָגער, די וויינער

אוי, די קרעכצער, די קלאָגער, די וויינער!
עפּעס צו געבן נישטאָ ביי זיי קיינער, —
ווייסן בלויז מאָנען ביי יענעם!
זיי זיינען דער פלאָם פון גיהנום,
וואָס באַקט נישט קיין ברויט, —
זיי זיינען די טרעגער פון טויט,
און ווילן, אַז דאָס לעבן זאָל זיי באַלוינען
מיט קרוינען!

זייערע ווערטער, טינטלדיקע פינטעלעך אויף ווייסן פּאַפּיר,
וואָס פירן נישט צו קיין שוועל, צו קיין טיר.
זיי יאָגן זיך,
שלאָגן זיך
בלינד,
ווי דער ווינט
אַהער און אַהין,
און ווייסן נישט וואוהין,
און צו וואָס.
זיי טראַמפּלען דאָס גראָז
מיט זייערע ווינטיקע טריט,
צעוואָלגערן אַלץ, וואָס צעבליט,
און וואָס וואַרצלדיק איז!
זיי וואַרפן דעם אַקערער, און דעם זייער פון די פיס,
זיי ברעכן די פליגל פון פייגל אין פלי,
און פליוכען מיט בלאָטע אויף זוניקן גלי.
זיי רייסן, צערייסן אויף שטיקער
דעם תוכן, דעם עיקר,
כדי צו קאָנען באַווייזן דעם בראָך,
ווייל וויינען און קלאָגן איז זייער תוך.

װער עס װײסט נישט פֿון בראשית דעם טעם,
דער איז גלײַקער סם
בײַ אַ יום־טוב פֿון סיום.
זײ ליאַרעמען: „המשך" און „קיום"
און צינדן אַלײן אָן דעם פֿלאַם אויף עקדה!
זײ װײנען און קרעכצן אויף דער גרויסער אבֿדה,
װאָס גײט אויף אין רויך און אין פֿײַער,
און צינדן אַלײן אָן דעם דאָך פֿונעם שײַער,
װאו מען זאַמלט די רעשטלעך פֿאַר בײַעם פֿאַרזײ!
זײ בלאָזן מיט פֿראָסט און מיט שנײ
אויף אַלץ, װאָס צעבליט,
און שרײַען הלמאי נישטאָ איז קײן צװײַט
פֿאַר זײ אויף דער ערד!
זײ זײַנען די שאַרף פֿון דער שװערד
פֿאַר הערצער פֿון האַרעפּאַשנע מענטשן,
און ליאַרעמען, אַז נישטאָ איז צו בענטשן
מיט עמיצן דאָ אַ מזומן.

מעג די צונג צו דעם גומען
זיך צוקלעפּן בײַ אַט אַזױנעם,
װאָס פֿאַרקױפֿט אַזעלכע װערטער די קונים,
און נישט צו זיך אַלײן!
אפֿילו אַ שטײן,
אויב נאָר אײַנגעמױערטער
איז נישט פֿאַר קײן פֿאַרטרויערטער.
עס טרױערט בלויז דאָס,
װאָס איז אײנעם װינט־געבלאָז,
און װײס נישט װאוהין און פֿון װאַנען.
עס זײַנען פֿאַראַנען
אַזױ פֿיל װערטער — טינטיקע,
און װינטיקע,
װאָס נישט זײ גיבן און נישט זײ נעמען,
אַז דער רוח זאָל זײ נעמען!

דער המשך! דער קיום!
אַז װאויל איז צו דעם, װאָס פֿראַװעט אַ סיום,

ל י י ד   א ו ן   פ ר י י ד

און הויבט פון בראשית באַלד אָן אויף צוריק!
נישטאָ אַזאַ בריק,
וואָס פירט בלויז אַוועק!
זעט, זעט — עס ציט זיך געפּעק
פון דאָרט אויך אַהער.
געבענטשט זאָל זיין דער,
וואָס איז באמת צעבענקט, —
אַזוינער פירט, און ער ברענגט,
אַזוינער קומט, און ער גייט,
און אַזוי פיל פרייד,
און געזאַנג
איז דאָ אין זיין גאַנג.

אוי, די קרעכצער, די קלאָגער, די וויינער, —
זיי זיינען פאַרביינער
מיט גלאָציקע אויגן!
דערלאַנג זיי אַ רעגנבויגן,
אָדער אפילו אַ זון, אַ צעהעלטע, אַ צעפלאַמטע,
און זיי וועלן אַרומגיין פאַרסמטע,
און שרייען, און ליאַרעמען,
אַז נישטאָ איז דאָ וואָס זאָל דערוואַרעמען!

ווער צו גאָט, און ער צו געטער

גרינג, און פלינק, און זשוואַוויק,
און זיין צונג — אַ מעסער־שאַרף.
דאַרף מען, איז ער ברויזיק, לאַוויק,
לוינט זיך, איז ער קלאַנג פון האַרף.

היינט איז ער דיר אַ בעל־תפילה,
מאָרגן איז ער קעגן גאָט צערעדט.
זאָגן, זאָגט מען דאָך אפילו,
אָבער מאַלע, וואָס מען רעדט!

ווער צו גאָט, און ער צו געטער,
אָבי דער היכל איז פון גאָלד צעבלענדט.
וואו דער ביסן איז אַ פעטער,
דאָרטן זיינען זיינע הענט.

אַז מען זאָגט דיר: אַ געריבענע מטבע,
דאַרף מען דען דיר זאָגן מער?
זיינס אַ וואָרט איז אַ קמיע
צום אַהין, און צום אַהער.

צאָלסטו, איז ער אויך אַ מסור,
און אים אַרט נישט ווער און וואָס.
איז דען דאָ אַ זאַך, וואָס אסור
פאַר דעם ווינט אין בלאָז?

רירעוודיק און מיט דער מאָדע,
ווייסט אַוואו עס וואוינט די זעט.
דאַרף מען גאַרגלט ער אַן אָדע,
לוינט זיך, זינגט ער אַ סאָנעט.

ל י י ד א ו ן פ ר י י ד

גאָר פאַרגעסן צו דערמאָנען,
אַז אַ דיכטער איז ער אויך, —
קאָן באַזונגען, באַלבנהן
יעדן שטיקענדיקן רויך.

אַז מען רעדט — מיט אַלע מעלות,
און דערצו נאָך אַ פאַרשוין, —
איז אַ חתן פון אַ סטאַדע כלות,
און ביי יעדערער אַ קרוין.

וואָס־זשע טוט מען מיט אַזוינעם?
שווער איז מיר צו זאָגן וואָס!
זעט, דער מאַרק איז פול מיט קונים
אויף אַזוינס מעשטיינסגעזאָגט, ווי דאָס!

ז. ווײַנפּער

דער נישט אַבי־ווער

וואָס זאָגט ער? וואָס וויל ער?
זײַט שטיל און זײַט שטילער!
עס רעדט איצט דאָך ער? —
דער נישט אַבי־ווער!

וואָס וויל ער? וואָס רעדט ער?
וואָס מאָנט ער? וואָס בעט ער?
זײַן קול אַזוי כריפּלע און גרוי,
זײַן וואָרט אויך אַזוי.

דיך דאַכט זיך, ער וואָרנט,
דיך דאַכט זיך, ער צאָרנט, —
און פּלוצלינג — או־וואָ,
אַ שקרן, אַזאַ!

געבראַכט האָט ער גאָרנישט,
נאָר פרעגן — מען טאָר נישט, —
אַ קלייניקייט, — ער, —
דער נישט אַבי־ווער!

אַ מענטש — אַ שם־דבר, —
מען זאָגט, אַז זײַן עבר
געלויכטן האָט, ווי
די זון אין איר גלי.

אָפּנים — פּאַרלאָשן, —
אַ סימן דאָס לשון
פון צונג אין זײַן מויל, —
עס איז דאָך אַ גרויל!

זײַן עבר? — מסתמא,
נאָר איצט אַ מלחמה
מיט נעכטיקע טעג
זײַן איינציק פאַרמעג.

ל י י ד א ו ן פ ר י י ד

די וועלט איז קיין וועלט נישט,
די זון, — זי צעהעלט נישט
זיין ליכטיק געשטאַלט, —
נו, שרייט ער געוואַלד!

די האָר זיינע — ווייסע,
און מויל זיינס — אַ נעכטיקע מעשה,
דערצו נאָך אַ טרער,
דאָס איז זיין געווער.

אויף ווייגען — אַ מאָדים,
נאָר פּרוּאוו און נישט לאָד אים
צום מזרח אַרויף,
איז בעסער אַנטלויף.

אוי, שרייט ער, אוי, מאָנט ער,
מיט פּסוקים באַטאָנט ער,
אַז אַט אַזוינער, ווי ער, —
איז נישט אַבי־ווער!

די פּסוקים, — נו, מילא,
מיך באַבעניו ביילע
געזאָגט וואָלט אַזוי, —
נישט היי און נישט שטרוי.

פּרוּווט זאָגן, — זיין פּסוק
איז עפּעס נישט דאָסיק,
אַז פּוסט איז זיין דרש,
ווערט גלייך פון אייך אַש.

ער גלויבט נישט, געטרויט נישט,
ער טוט נישט, ער בויט נישט,
און פרעגט אים, איז ער
דאָך נישט אַבי־ווער!

זיין זון איז פאַרגאַנגען,
און ער נישט דערגאַנגען,
איז ליאַרעמט ער, און
פאַרשטעלט אונדז די זון.

ז. ווײַנפּער

די יחידי־סגולה

נו, יאָ, אַוודאי. אַ קלײניקײט, אַט די יחידי־סגולה, —
נישט יעדער איז דאָך זוכה צו אַזאַ גדולה!
מען זאָגט, — נישט מער, ווי בלויז אַ מנין,
נאָר האָבן האָט ער אין פּאַרמעג דעם גאַנצן קנין
פאַר עולם הזה און פאַר עולם הבא.
צו פילן איבער זיך אַמאָל דעם בליק פון גבאי
איז שוין אַליין דער גרעסטער יחוס.
אַ סברא, אַז מען זאָגט דאָרט נישט קײן סליחות,
ווײַל נישט בנמצא איז דאָך צווישן זײ קײן חוטא.
נו, יאָ, אַוודאי, — מען איז דאָך, ברוך השם, באַברויטע,
באַפלײשטע און אויך היפּש באַווײנטע,
איז וואָס־זשע איז דער חידוש? — אַז מען איז צעשײַנטע
פון בלענדיקן נר־תמיד
אויף זײער עמוד,
וואָס איז פון סאַמע שמן־זית,
וועט עמיצער פון זײ, צוליב דאָרט אַ עפּעס אַ כזית,
אַ זינדיק טאָן אין דער מחשבה דען אפילו?
און אַז נישט נויטיק איז מחילה,
איז דאָך נישט שײך גלאַט אַזוי צו זאָגן סליחות,
וואָס איז נישט מער, ווי אַ שליחות
צו עמיצן, וואָס איז נאָך גרעסער פונעם מנין!
זענט איר אַמאָל געווען אין זײער בנין?
ער גלאַנצט דאָך ממש, ווי אַ היכל!
וואָס דען, ווי דו און איך, דאָ אונטער לעכערדיקן דעכל,
אין טעג און נעכט, ווי איצטער,

ל י י ד   א ו ן   פ ר י י ד

װען הימל אַ צעדונערטער, צעבליצטער
זאָגט אָן אויף אַזאַ גרויסן שטורעם?
נו, יאָ, אַוודאי איז גרינגער זיי אין טורעם,
װאָס איז מיט אַלדעס גוטס, קיין עין־הרע,
נאָר אַז אַזאַ, װי דו און איך זיינען דאָס נישט ראוי,
איז דאָך נישט שייך זאָגן, ריידן
אויף די צדיקים אין גן־עדן,
װאָס זיינען דאָך דאָס סאַמע סולת.
בלויז דאָ ביי אונדז, װאָס איז פאַר זיי דאָס פסולת,
קאָן זיין אַזוינס, װאָס איז נאָך אסור.
אָט נעמט, למשל, דעם בלבול־פאַבריקאַנט, דעם מסור,
איז ער ביי זיי דאָך גאָר לעילא ולעילא,
צי יענעם דאָרט, װאָס איז אַ לעבערדיקע כלי,
און איז ביי זיי אַ טאָפּ דאָך אַ קאָלירטער, פאַר װאַזאַנע.
נו, און אָט די אשת חיל מיטן פּנים פון אַ פּרימאַדאָנע, —
פאַר װעלכער גרויסער זכיה
איז זי דאָרט אין עליה?
מען זאָגט, — זי האָט שוין אומעטום געדאַוונט,
און איז דערפאַר באַהאַוונט
אין „דיזעס" און אין „דאַזעס".
און יענער דאָרט, װאָס רעדט מיט עזות, —
װאָס האָט דערפירט אים צו אַזאַ גדולה?
זעט, זעט, װי די יחידי־סגולה
באַוואונדערן זיין חקירה,
אַז כשר איז דער בלבול און הייליק די מסירה
אין טעג אַזוינע, װי דאָ איצטער.
זייט מוחל, און כאַפּט אַ קוק אויף דעם — אָט זיצט ער,
פאַרטיפט אין טיפע דבקות, —
אַ סברא, אַז ער ליידט פון ספקות,
צי איז אָט דאָס, װאָס איז ביי אַלע מענטשן אסור טאַקע דאָ גאָר מותר?
נאָר אַז דאָס ברויט איז אַזוי פעט באַשמירט מיט פוטער,

ז. וויינפּער

איז דאָך נישט שייך צו דערגראָבן זיך צום שורש.
און אָט איז אייך אָט דער מיט דעם שם־המפורש,
וואָס איז דאָ אַלצדינג ביכולת, —
מען זאָגט ער איז דאָס סולת שבסולת,
און וואָרט זיינס איז דער בנין
פון גאַנצן מנין,
און ווער בעל זוכה איז ביי אים כאָטש בלויז אַביסל,
פאַרטרויעט ער צו אים אַמאָל די שליסל,
און יענער איז באַלד עולה לגדולה
צום אויבנאָן ביי די יחידי־סגולה,
וואָס זיינען אַלע דאָרט קיין עין־הרע!
איך וויים נישט אַקוראַט, ווי אייער יצר־הרע
צו אָט דעם סולת,
באַר מיינער מאַכט געוואַלדן אויף קולי־קולות,
אַז ליבער איז אים דאָך פון יענעם היכל
דאָס לעכערדיקע דעכל.

מעשטיינסגעזאָגט, אָט דער!

מעשטיינסגעזאָגט אָט דער, וואָס פלאַפּלט דאָ כסדר פון אחריות.
דאָס קול, וואָס ציט זיך פון זיין האַלדז דורך זיינע ליפּן שווערער בליי איז,
און פּרעג ביי זיינע חסידים־שוטים איז דאָס גאַלע שמן־זית.
זיי גלאָצן מיט די אויגן איבער אים און מאַכן מאַלפּישע העוויות,
און טרעפט זיך, אַז ער זאָגט אַ וואָרט, איז לויף אויף אַלע גאַסן און צעשריי עס,
אַז גרויס איז דאָס און טיף איז דאָס, אָט נעם איך איצט זיין וואָרט און איך צעקיי עס.
און מאָדנע, ווי אָרעם און ווי גאָרנישטדיק, — עס איז נאָך ווייניקער פון אַ כזית.

זעט, זעט, ער קאָרשטשעט זיך קאָנוואולסעדיק, ווי פון אַ שלאַנג געביסן,
און כאָרכלט אין דער הויך, ווי האַרץ זיינס וואָלט געווען צעריסן,
נאָר זיינע בליקן זיינען אָנגעשטרענגטע צום אַרום. נו, יאָ, ער מוז דאָך וויסן
צי די אַרומיקע באַנעמען די קדושה זיינע. דערזעט ער טרערן פליסן,
איז מזל־טוב, ווייל סימן טוב, אַז זיין השפעה וועט זיך, ווי אַ טייך צעגיסן,
און אומעטום אויף אַלע וועגן און ביי אַלע ברעגן וועט מען סוף כל סוף באַשליסן,
אַז ער, נאָר ער, איז פונעם גאַנצן דור דאָס לויטערסטע געוויסן.

נו, יאָ, אַוודאי, אַ מענטש איז דאָך אַ מענטש, און נישט קיין ווילדע, טעמפּע חיה,
האָט ער הנאה, ווען דאָס פלייש איז צוגעבראָטן, און ווען מלבושים זיינע זיינען נייע,
נאָר פרעסן פרעסט ער ביחידות און אַ פאַרפּוצטער איז ער בלויז ביי אַ לוויה.
ווען ער איז אַ גמרא־ייִנגל נאָך געווען און זיך געוויגט ביי „אמר רבא" און „אביי"
האָט ער געמאָסטן און געוואויגן יעדן טאָן פון מויל און זיין יעדע האַנט־העויה.
דער כאָר פון קולות אַלערליי צונויפגעוועבטע איז געווען פאַר אים אַ טראַלאַלייע,
און חלום זיינער — דער פויגל אין פאָראויס צו זיין, וואָס פירט אַ הינטער זיך די סטייע.

אַזוינס צו ווערן ביי דעם לעבן זיינעם איז ביי אים אויך היינט דער עיקר,
און אָט אַזוינס דאָ צו דערגרייכן איז ער גרייט דאָך שטענדיק רייסן שטיקער
פון דיר, פון מיר, פון יעדן איינעם, און זאָגט איך וואָס איר ווילט, — פאַר מיר איז ניכר,
אַז ער וואָלט צוליב דעם געוואָרן אויך פאַר תליה־שטריק אַ שטריקער.
לויט זיין מהות וואָלט ער געדאַרפט גאָר זיין אַ הינער־פליקער,
צי גאָר אין נאַכט־לאָקאַלן פאַר שכורים אַ פלינקער הינטנבריקער,
כאָטש איזן איז ער גאָר אַליין אַ היפּשער, ווערעמדיקער שיכור.

זיין שיכרות איז נישט דווקא נאָר אין שאַרפע, שוימיקע געטראַנקען, —
ער ווערט פאַרשיכורט אויך ביי אַ שיסל אָנגעפּילט מיט פעטע פלאַנקען,
נאָר מערער שיכור ווערט ער פון דער רשעות אייגענער אין די געדאַנקען.
ווי ליב איז אים צו קוקן אויף אַ ליכט, וואָס האַלט אינמיטן צאַנקען,
און פריידיק ווערט אים, ווען ער זעט אויף עמיצנס אַ האַלדז דעם חלף בלאַנקען.
דערלאַנגט אים אויף אַ טאָץ אַ גאָלדענער די זוניקסטע געשאַנקען,
ווער ער מיט חושכדיקסטע קללות און חרמות אייך באַדאַנקען.

ער ווערט אָן אויפגעלעבטער בלויז ווען בייזע ווינטן זאָגן אָן דער וועלט — סכנות.
זיין בליק פאַרוועלקט דאָס גרינס אויף גראָז און טויטלעך איז ער פאַר וואַזאָנעס.
און פרעגט ביי זיינע חסידים־שוטים, איז ער דער גרויסער בעל־רחמנות.
זיי וועלן זיך צעגלאָצן מיט די אויגן זייערע און שווערן בנאמנות,
און עדות ברענגען, — די צניעותדיקסטע גרושות און אלמנות,
וואָס טובלען זיך אין מקווה־וואַסער פון זיינע כשרע כוונות, —
און גלויבט איר נישט? — גייט קוקט אויף דער קדושה זיינער ביי דער עבודה אויף קרבנות.

אַ קברן איז ער, זעט איר, גאָר אַ וואַזשנער, דאָס וועט נישט לייקענען דאָ קיינער, —
אַז ווי איז צו דעם לעבן עמיצנס, וואָס פאַלט אַריין אין זיינע שאַרפע ציינער.
וואָס מתים וואָלטן אונדז דערציילט פון אים, ווייסט ביי אונדז נישט קיינער.
מען זאָגט אפילו, נאָר מאַלע, וואָס עס זאָגט דיר דאָ און דאָרטן איינער!
זייט שטיל, און שאַ און טראָגט נישט אָפּ, ווייל ווי וועט זיין צו אייער לייב, און ביינער, —
פאַראַנען צווישן אונדז די קרעכצער, זיפצער, קלאָגער, וויינער
אויף אָט דעם צדיק, שמן־זיתדיקן, מיט דעם סם אין זיינע ציינער!

נאָר אויסשרייען אויפן קול קלעקן נישט ביי קיינעם דאָך די כוחות, —
אַז ווי און ווינד אונדז אַלע — אַזוי פיל קלאָרע מוחות,
נאָר אַז אַ פעטע אויף דעם צדיקס טיש די יויך איז,
און אַזוי שקלאַפּישדיק דער הונגעריקער בויך איז,
פאַרציט מען מיט אַ זיידענעם פּרוכת,
די טומאה, וואָס אַ טשאַדיקער רויך איז,
און בלינדע זיינען זיי צו דעם, וואָס איבער זיי אין דער הויך איז.

ווי און ווינד

ווי און ווינד צו וואָס מיר זיינען אַלע דאָ דערגאַנגען!
נעכטן ערשט געזעסן אין מסיבה ביי די זעלבע טישן,
און געזונגען אין אַ כאָר צעלויכטענע געזאַנגען, —
איצט זינגט דאָ יעדער סאָלאָ, און לאָזט אין כאָר זיך נישט פאַרמישן.

וואָלט די סאָלאָ כאָטש געווען אַ דערהויבענע, פאַרבענקטע
צו אַ וועלט אין גאַנג זיך צו באַפרייען און באַנייען,
איז זי אָבער אין דעם האַלדז אַ נישט געוואַשענע און נישט געשווענקטע,
און זי גאַרגלט זיך צו דעם, וואָס איז ביי אונדז אַ קין.

אַ רחמנות נעבעך איז אויף פשוטן און ליבן מענטשן,
גייט אַרום מיט זוכנדיקע אויגן, — זוכט אוודאי דעם דערלייזער.
האַרץ זיינס איז צעבענקט נאָך עמיצן צו בענטשן,
און אַנטקעגן יאָגט דער ווינט, דער ברויזיקער, דער בייזער.

ווי און ווינד איז אונדז, — די משטיינסגעזאָגט סאָליסטן.
איינער רעוועט צו דעם אויער אייגענעם אויף גרילצנדיקע קולות,
צווייטער זינגט זיין סאָלאָ אין די ווינקלען אויף די מיסטן,
און ביים דריטן אַ געפרוירענע די צונג אין מויל איז.

ווער עס צילעוועט מיט שווערע, אָנגעשפּיצטע שטיינער
אויף דעם האַרץ דעם אייגענעם, וואָס הערט נישט אויף צו מאָנען,
און אַן אַנדערער פאַרבייסט די ליפּן מיט די ציינער,
ווייל ער קאָן זיין אייגן קול שוין נישט דערקאָנען.

ווער פון אונדז איז שולדיק? — שולדיקע מיר אַלע, אַלע.
שולדיקע, ווייל נישט דערהויבענע צו דער עפּאָכע.

ז. ווייננער

ווי און ווינד אונדז אַלעמען, ווייל נישט נתעלה
זיינען מיר געוואָרן אין דער שעה פון גרויסער ברכה.

אַזאַ ברכהדיקער גאַסט איז צו אונדז דאָך אָנגעקומען,
ווי און ווינד אונדז, ווי מיר האָבן אָט דעם גאַסט באַגעגנט!
אונדזער טעמפּקייט האָט די ברכה זיינע נישט באַנומען,
און מיט קללות האָבן מיר זיך איבער אים צערעגנט.

איצט באַצאָלן מיר, און די שווערע שטראָף איז אַ פּאַרדינטע,
כאָטש נישט אַלע זעען און באַנעמען דאָס אויך איצטער.
פעלדער אונדזערע אַזוינע שפּעדיקע און צעגרינטע,
ווערן אָפּגעווישטע, און דער הימל אַ צעדונערטער, צעבליצטער.

גיי פרעג זיי בחרם

וואָס שמייכל איך, פרעגסטו? איך שמייכל פון דיר איצט, מיין ליבע.
איך זע, ווי דו טרינקסט מיט די אויגן אָט די פאַררויכערטע סביבה,
און מיינסט דאָך אַוודאי, אַז לויטערקייט איז דאָ די מסיבה, —
נו, יאָ, אַזוי איז מיט אַלע, וואָס זיינען נעבעך נאַאיווע.

קוק, קוק, אָט דאָרטן ביים טישל, — די רווישיקע און די צעקאַכטע,
ווי קריגער איינמיטן די ברוויזיקסטע, בלוטיקסטע שלאַכטן!
דו מיינסט דאָך אַוודאי, — מען איז מיט אידייען באַיאַכטע?
נו, יאָ, אַז מען קוקט פון אַ זייט, קאָן זיך דאָס דאַכטן!

איך קאָן זיי די לייט! — זיי האָבן געחלומט שיינע חלומות
פון הערשעלעך יונגע און באַגילדעטע קאַיאָרן אויף גראָזן,
און זיינען פאַרגאַנגען אין נאַכטיקע וויסטע מקומות,
וואו ראַצן זיך יאָגן און גרויליקע סאָוועס זיך בלאָזן.

דו גלויבסט נישט און מיינסט? — זיי מוחל און לייג צו אַן אויער
צו יענעם אָט דאָרט מיטן ברייטן, גערינצלטן שטערן, —
זע, זע, ווי ער רייסט זיך צערייצט, ווי אַ הונט פון אַ טויער,
דאָס פּרואווט ער דאָס ליכט פון קאַיאָרן פאַרצערן.

פאַרוואָס? — גיי פרעג ביי דער קרענקלעכע קנאה,
וואָס נערט זיך פון גיפטיקע שלאַנגען און ווערעם,
און זי וועט אַ קוק טאָן אויף דיר מיט העלישער שנאה, —
פאַרוואָס און פאַרוועך? — גיי פרעג זי בחרם!

די וועלט פרעגט אַ קשיא, און בלייבט ביי דער קשיא,
ווייל שטאָלענע גראַטעס פאַרשפאַרן דעם תירוץ, —
נישט דאָסיק דער פסוק? — פאַרטייטש אים — עלהיי דו ביסט רש״י,
און דו וועסט דערזען אַ צעפויסטן דעם שרץ!

ז. ווייננער

איז דאָך נישט קיין נייעס, אַז פלאַנצער פון דערנער
ווערט שטענדיק מיט ווייצענע חלות דערנערט דאָ,
און דער, וואָס פאַרזייט דאָ די זאַפטיקסטע קערנער,
איז מערסטנס פון הונגער פאַרצערט דאָ.

אַט זיצט דאָרטן איינער, — ער שמייכלט סאַרדאָניש
מיט אויגן קאָסאָקע צו נאָז זיין פאַרשפּיצטער, —
ער לייענט לאַטייניש, סאַנקריטיש, מאַלייאיש, יוניש,
נאָר רעד צו אים יידיש, ווערט ער גלייך מיט סם אַ צעשפּריצטער.

קוק, קוק אויפן צווייטן, — ער איז דאָ דער זשאַר פון גיהינום,
דער דריטער דערביי איז אַ פליוכיקער רעגן, —
ביי ביידן נאָר טענות צו דעם און צו יענעם,
נאָר זיך רעדט מען קיינמאָל קיין וואָרט נישט אַנטקעגן.

דער פערטער, דער פינפטער, — דער עיקרשט דער אַכטער,
ער איז צווישן זיי דער גדול, הגבור והנורא, —
אַ סברה, — ער איז טאָג און נאַכט אַ באַוואַכטער,
ווי גאָר אַ באַזונדערע חשובע, קאָסטבאַרע סחורה.

און וואָס איז דער חידוש? מען דאַרף דאָ אַזוינעם צום רומל,
נישטאָ נאָך אַ מאַדים אַזאַ צו פשטלען אַ קל־וחומר,
דערצו נאָך אַ האַנט, וואָס קאָן מאַכן פון אַלעף אַ גימל,
און דאַרף מען קאָן ער אויך זיך שווערן ביי יענעמס „ויאמר".

דאָס זיינען די נאַכטיקע וואַנדלער, וואָס זופּן דעם רויך פון קאַפּייען,
און שפּייען מיט ווערטער צערייצטע איבער די טעפלעך מיט קאַווע, —
די הענט ביי אַזוינע בלויז כדי די פינגער צו דרייען,
די צינגער אין מיילער בלויז צו שפּייען מיט לאַווע.

געגנוג שוין, געגנוג שוין, — קום לאָמיר אַנטלויפן פון דאַנען, —
איך קאָן זיי די לייט, — זיי זיינען די ווינטן, וואָס מיסטן צערויען!
ווי גוט, וואָס אַזוי פיל הענט זיינען אויף אונדזער ערד דאָך פאַראַנען,
וואָס אַקערן, זייען און זינגען די ליבשאַפט ביים בויען.

כאַ! כאַ

— כאַ! כאַ! — ווער לאַכט דאָס אַזוי הילכיק דאָ
אין אַזאַ שווערער, כמאַרעדיקער שעה?

אויף וועגן אונדזערע אַ ברויזנדיקער ווינט,
און ביי די שוועלן — האַווקענדיקע הינט.

אַט דער, וואָס וועבט די פּעטליע פאַר דיר היינט,
איז נעכטן דאָך געווען דיין פריינט.

אַפּנים, אַז געגרייט האָט ער פאַר דיר דעם שטריק,
ווען ער האָט נאָך געבויט די בריק
מיט דיר אינאײנעם פון דיין חלום צו דער וואָר.
אַפּנים, אַז דער גאַנג צו דעם צעגילדעטן קאַיאָר
איז לאו כל אדם זוכה צו דערגיין.

עס טרעפט — אַ מענטש שלאָגט אָן זיך אָן אַ שטיין,
און פאַלט אַנידער אונטער שווערער משא אויפן מיטן וועג.
אַזוינער לאָזט דאָך הינטער זיך געפּעק,
וואָס אַז דו פּאַקסט דאָס אויס צעשיינט די זון זיך אויף דיין ברעם
פון דער ירושה, וואָס אין דעם.
אַזוינער לאָזט דאָך צייכנס הינטער זיך פון טריט,
וואָס זינגען פאַר דעם נאָכקומער דאָס ליד
פון הייליקער עקשנות אין דעם גאַנג.
אַזוינער איז נר־תמידדיק, צעשיינט געזאַנג
פאַר אַלע דורות, וואָס נאָך אים.
נאָר דער, וואָס גייט, ווי אַן אַקטיאָר אין גרים,

און שפּילט דעם קדוש, װען ער איז טמאדיק און טריף,
װעט אים נישט העלפן שוין קיין װאַסער און קיין זייף
זיך אָפּצװואַשן פון די זינד, —
פאַרמשפט איז ער צו דעם װינט,
אַ פאַדלע װעט ער זיין אין פעלד פאַר קראַ.
— כאַ! כאַ! — װער לאַכט דאָס אַזוי הילכיק דאָ?
זאָל זיין, אַז טומאה אין איר זיג,
איז איצט אַזוי צעלאַכט פון גליק?
ניין! ניין! — דער טומאה לאַכט זיך נישט
מיט אַ געלעכטער, װאָס דערמוטיקט און דערפרישט.
— כאַ! כאַ! — דאָס לאַכט דער האַלדז זיך אויס פון שטריק, —
זע, זע, — אַזוי פיל ליכט אין קרבנס בליק!

זע, זע!

מיר זיינען טיפער דאָך פון אַלע טיפן,
און העכער פון די העכסטע הויכן,
נאָר אונדזערע מטושטעשע באַגריפן
זיך פּלאָנטערן אין שווערע רויכן
פון קרענקלעך־טשאַדעדיקע קוימענס.

עס טרעפט, און הלוואי זאָל אָפטער טרעפן, —
מיר רייטן אויף די רוקנס פון חלומות,
און טירן טוען ברייט זיך אַ צעעפן
צו זיך אַליין, און מען בלייבט געפּלעפּטע!

זע, זע, אַזוי פיל אוצרדיקע ריינקייט
פאַרפּלאָנטערטע און אומזיניק־באַהעפטע
אין נעצן פון דער ברודיקסטער געמיינקייט,
און דעמאָלט גייט אויף דער בזיון
פאַר שוואַכקייט קעגן אייגענעם נסיון.

אַ ווינט אויפֿן וועג

איך אַליין איז ער עוסק,
אויף אַלצדיק — אַ פּוסק,
נאָר אומעטום — דרויסיק —
אַ ווינט אויפֿן וועג!

זע, זע, ווי ער יאָגט זיך!
זע, זע, ווי ער טראָגט זיך!
ער רייסט און ער שלאָגט זיך, —
אַ ווינט אויפֿן וועג!

וואוהין? און פֿון וואַנען?
פֿון דאָרט און פֿון דאַנען
צו אַלץ, וואָס פֿאַראַנען, —
אַ ווינט אויפֿן וועג!

אַ שטוב אויפֿצוראַמען?
אַ גאָרטן פֿאַרצאַמען?
ווי קאָן זיך פֿאַרזאַמען
אַ ווינט אויפֿן וועג?

וואָס לויפֿט ער? וואָס יאָגט ער?
וואָס ברענגט ער? וואָס טראָגט ער?
וואָס וויל ער? וואָס זאָגט ער?
אַ ווינט אויפֿן וועג!

ער האָט נישט, פֿאַרמאָגט נישט,
ער ברענגט נישט, ער טראָגט נישט,
ער ברומט בלויז און זאָגט נישט, —
אַ ווינט אויפֿן וועג!

די הײנטיקע באַדינער

אַן אָפֿענע וועראַנדע פֿון אַ קלײנעם זומער־האָטעל אין די בערג. אַ לבנה און שטערן. די פֿענצטער פֿון האָטעל זײַנען אָפֿענע, און באַלויכטענע צו דער וועראַנדע צו, מען זעט דאָרט אַ מענטשן־באַוועגונג.

אַ קול:

אין אַ זומער־האָטעל איז רו און פֿאַרגעניגן.
ווען עס איז ליב אויפֿן ווײכן גראָז צו ליגן
אין אַזאַ אָוונט, ווי הײַנט מיט לבנה און שטערן.
און ביי ווען גאָר אַנדערע באַגערן,
וואָס מען קאָן אין שטאָט זיך נישט פֿאַרגינען.
אַז די הימלען זײַנען בלויע און די בערגלעך גרינען
חלומט זיך אַ פֿאַווע, צי אַ גאָלדן פֿישל, —
סײַדן, אַז מען איז פֿאַרנומען ביי דעם קאָרטן־טישל.
אָבער, אַז אין אונדזער חשובער עדה
איז דאָ אַזאַ מין גאַסט, וואָלט געווען דאָך אַן אבדה
דורכצולאָזן אָט אַזוינעם צווישן זיך.
אַזאַ גאַסט, פֿאַר וועלכן אַזאַ ווי איך
האָב גאָרנישט דאָס וואָרט, וואָס זאָל . . .

עס באַווײַזן זיך אויף דער וועראַנדע כאַסיע דאָס קאַמער־מײדל און נאָטע דער קעלנער.

כאַסיע:

זאָגן דעם אמת? מען דאַרף זײַן פֿון שטאָל
איבערצוטראָגן יעדן אײנעמס קאַפּריז:
פֿון אין דער פֿרי ביז איך אויף די פֿיס.
אויפֿגערוימט, זיך אָפּגעפּאַרטיקט, דאַכט זיך,
אָבער יעדע רגע עפּעס אַנדערש מאַכט זיך, —
דעם פֿעלט זײף און יענער וויל אַ האַנטוך נאָך אַ פֿרישן!

נאָטע:

ווען איז גרינג? סערווירן אָט אַזוינע ביי די טישן?

עס באַווײַזט זיך אַ קאָפּ דורכן פֿענצטער.

דער קאָפּ:

ששש! ווער גראָגערט דאָרטן אויפֿן קול?

נאָטע:
קום, כאַסיע, עס וואַרט אויף אונדז דאָס גראָז אין טאָל,
און דער כוואַליענדיקער זילבער־וואַסער־פאַל!

כאַסיע:
דענקסטו, אַז איך זאָל מיטנעמען מיט זיך אַ שאַל?
עס באַווייזט זיך ווידער דער קאָפּ דורכן פענצטער.
ששש... ווער גראַגערט עס אַזוי אָט דאָ?

נאָטע:
יעדן טאָג וואַרט איך אויף דער אונטיקער שעה
דיך צו באַגעגענען און זיך אָפּפרישן לעבן דיר.

אַ קול:
עס איז דערפאַר אַ גרויסער כבוד היינט פאַר מיר
פאַרצושטעלן דאָ דעם גרויסן גאַסט, וואָס וועט...

כאַסיע:
מען זאָגט, אַז אָט־דער גאַסט איז אַ געוואַלדיקער פּאָעט!

נאָטע:
המם... יאָ, געוואַלדיק מיטן אָנשטעל פון זיין וואָרט!
עס באַווייזט זיך ווידער דער קאָפּ דורכן פענצטער.

דער קאָפּ:
ווער־זשע רודערט עס אַזוי איצט אויף קולי־קולות דאָרט?
שטיל זאָל זיין! צו אַלדי שוואַרצע יאָר!

כאַסיע:
אויף זיין קאָפּ אַזעלכע שיינע, שוואַרצע, קרייזלדיקע האָר,
און די אויגן זיינע קוקן אין דער וייט!

נאָטע:
נו, מסתמא צו דעם וועג, אויף וועלכן עס רייט
דער משיח זיינער אויפן אייזעלע דעם ווייסן, וואָס...
עס דערהערן זיך שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטן דורכן פענצטער.
הער נאָר, הער נאָר, סאַראַ רוישיקער אַפּלאָז!

עס ווערט שטיל. ביידע הערן זיך איין צו דער שטיל־קייט. נאָטע וויל עפּעס זאָגן, אָבער כאַסיע פאַרשטעלט אים מיט דער האַנט דאָס מויל.

דער גאַסט:
זע, און הער, ווי אין דער טיפסטער פּיין אפילו, וואָס אין מיר,
קער איך זיך נישט אָפּ פון דיר!

נאָטע:
ווער־זשע זאָל זען? ווער־זשע זאָל הערן?
אָט־די פּוסטע דאַמען דאָרטן און די הערן?

כאַסיע:
ששש . . . שלאָג נישט איבער,
ליבער!

דער גאַסט:
כאָטש דיין טויער איז פאַרשלאָסן,
און קיין שליסל האָב איך נישט צום שלאָס,
שטיי איך אינעם רעגן אָפּגעגאָסן,
ווי אין פעלד דער בוים, דאָס גראָז.

נאָטע:
היינט פרי, ווען עס האָט גערעגנט,
האָב איך אים באַגעגנט
מיט אַ רעגנשירעם איבער זיך.

כאַסיע:
ששש . . . איך בעט דאָך דיך!

צוויי קעפּ בויגן זיך אַרויס דורך די פענצטער.

ערשטער קאָפּ:
ווער־זשע פאַרט טומלט עס דאָרטן אַזוי?

צווייטער קאָפּ:
ווייסט די שוואַרצע יאָר; עפּעס אַ מאַן מיט אַ פרוי!

דער גאַסט:
דורכגענעצט פון קאַלטן, נאַסן רעגן
בויג איך זיך און הויב זיך אויף, —
כאָטש דו קומסט מיר נישט אַנטקעגן,
קוק איך אַלץ צו דיר אַרויף!

נאָטע:
ראָמעאָ צו דזשוליעטן אין דער קרינאָלינע
גיסט מיט טרערן, לייענענדיק אַ תחינה!

דער גאַסט:
ווילסט פאַר מיר דעם שלאָס פון טויער
איצט נישט אויפשליסן — איז ניין! איז ניין!
איך האָב אין מיין וויסטן טרויער
סיי ווי סיי דאָך נישט וואוהין צו גיין!

נאָטע:
נעכטן באַנאַכט האָט די יונגע אַלמנה
מיטן בלייכן פּנים פון אַ באַנע
אויפגעמאַכט פאַר אים איר טיר שטילערהייט.

כאַסיע:
באָטע, נאָטע, פע, וואָס איז דאָס פאַר אַ רייד?

עס הערט זיך אַן אַפּלאַז, וואָס ציט זיך אַ ווייל און שטילט זיך איין.

דער גאַסט:

נידעריקער פונעם גראָז
אונטער ווינטל־בלאָז
איז דער מענטש אויף אונדזער ערד.
אַלצדינג צערט, פאַרצערט, —
איז דען נישט בראשית שוין דער סוף?

כאַסיע:

הער נאָר, הער . . . ער איז אַ פילאָזאָף!

נאָטע:

שפּרייטן גרויל
נאָך פעטער קאַטשקע — אַי ווי וואויל
איז צו הערן אַט אַזעלכע רייד!

דער גאַסט:

לעבן איז סוד, וואָס האָט נישט קיין באַשייד,
נאָר דאָס זוכעניש איז שיינקייט דאָך פאַר זיך אַליין...

כאַסיע:

אומפאַרשטענדלעך, אָבער שיין!

נאָטע:

איצט באַגעם איך, פאַרוואָס עס פליאַדען זיך, ווי מיסט
אַט־די אָנשטעלער, די ליגנערישע! נישט אומזיסט
זיינען זיי אַזעלכע פאַרריסענע, אַז אויך אַזאַ, ווי דו...

דער גאַסט:

חלום איז אַאַזיס, אין חלום איז די רו,
וואָס צערטלט, גלעט, בענקט איר נאָך דער פרייד —
גייט צום חלום, ווייל בלויז ער פאַרשפּרייט
מנוחה, ליולעט דיך, און וויגט דיך איין . . .

כאַסיע:

אָבער כדי צו קאָנען חלומען, באַדאַרף מען זיין
ליידיקגייער, פּוסט־און־פּאַסניק, ווי אַט־אָ די . . .

נאָטע:

בראַוואָ, מיידל מיינס, ביסט ענדלעך שוין צוריק דאָ הי!
זאָג מיר, מיידל מיינס, וויפל בעטן האָסטו היינט פאַרבעט?
צווישן זיי געווען איז אויך געלעגער פון געוואַלטיקן פּאָעט,
וואָס מאַכט גימנאַסטיק איצט דאָרט אויפן רוקן פונעם ווינט...

דער גאַסט:

דאָס וועלקן איז דאָך שוין אין דעם, וואָס בליט און גרינט.
צוזאַמען מיט געבורט קומט טויט אויך אָן, —
דאָס לעבן — אַ פאַרשפּילטער קאָן!

נאָטע:
דו הערסט? כאַטש נעם און לאָז די הענט אַראָפּ!
וויפל, זאָג מיר, קריגט ער היינט פאַר אַט־די רייד פּער קאָפּ?
וועלט באַנייט זיך, רייסט זיך צו דעם באַרג פון טאָל,
יידיש פאָלק באַפרייט זיך אין דעם לאַנד ישראל,
און דער דיכטער שפּילט זיך מיט אַ זייפן־בלאָז!
פלאַפּלעריי פון אויסגעטראַכטן שליסל צו אַ שלאָס,
חנדל בלויז אַזאַ ביי אים און גאָרנישט מער!

כאַסיע:
זיינען דאָ אַ סך אַזעלכע, ווי אַטאַ דער?
עס באַווייזן זיך צוויי קעפּ דורכן פענצטער.

ערשטער קאָפּ:
וועד־זשע פּאַרט קודאַכעט דאָרטן, ווי די הינער?

צווייטער קאָפּ:
דאָס זיינען, דאַכט זיך, אונדזערע באַדינער!

נאָטע:
איך קען זיי אַט־די לייט מיט די רויכיקע רייד.
חידות געבן זיי דעם פאָלק, — נאָר אַ באַשייד?
פרעג בחרם צי זיי ווייסן דאָס אַליין!

כאַסיע:
ווי־זשע, אַז מענטש האָט טאָקע נישט וואוהין צו גיין?

נאָטע:
מאַכט מען זיך אַ וועג, און מען גייט!
פאַראַן אַזוי פיל פרייד,
אַזאַ אַפּערדיק געזאַנג
אין גאַנג!
דאָס לעבן איז קיין שפּיל דיר נישט!
היינט פרי האָט ער ביים טייך געוווישט
זיך נאָכן באָדן מיטן האַנטוך, און דערביי
נישט אויפגעהערט צו קלאָגן הלמאי
דאָס וואַסער איז נישט ריין גענוג.
ביים פרישטיק איז דער קאַווע־קרוג
קילבלעך אים געווען.
פלוצלינג האָט ער גאָר דערזען
אויף צווייטן טיש דעם פוטער־קוכן צוגעפרישט,
האָט ער זיך אויפגערעגט הלמאי איז זיינער נישט?
איך קען זיי, אַט־די לייט, ווילן דווקא אַלץ, וואָס דאָ,
נאָר עפּעס טאָן דערפאַר איז מען אין דער היים נישטאָ!
זיין גיין? עס גייט אַזאַ, ווי ער, — ער ווייסט וואוהין,

אָט איז ער דאָ צווישן די, וואָס זיינען דאָך זיין מין.
מען פרעסט, מען טרינקט, און מען קלאָגט זיך, אַז נישטאָ
קיין זין אין אונדזער לעבן דאָ.

כּאַסיע:

ווי שאַרף דו ביסט, ווי ביטער,
עס גייט מיר דורכן לייב אַ ציטער.

נאָטע:

איך קען זיי אָט־די לייט, מיט די פנימער פאַרטראַכטע,
ווי הילצערנע טירן, פאַרמאַכטע
פון ליידיקע שטיבער.
די בליקן ביי זיי — יעדן מענטשן אַריבער,
די נעזער פאַרריסענע.
די מיילער פאַרביסענע
פון רשעות און גדלות.
זיי זיינען די קראָען, וואָס לעבן פון פאַדלעס.
זיי זיינען די שונאים פון אַקערער, זייער און בויער.
זיי זיינען די שונאים פון אַקערער, זייער און בויער
זיי זיינען דער טרויער
פון וואָיענדיקע הינט צום שיין פון לבנה,
ווייל שיין איז פאַר זיי אַ סכּנה.
זיי זיינען די וואָגלער אויף שיפן, וואָס ציען נישט צו קיין האַפן,
זיי זיינען די אייביקע שקלאַפן
צום שקר, וואָס רייט אויפן רוקן פון רזין דרזין.
איך קאָן זיי די לייט, — די צעשראָקענע האָזן
ביים מינדסטן גערויש פון אַ ווינטל.
זיי זיינען בלינד צו דער זון, נאָר שאַרף צו דערשנאַפּן אַ פינטל
פון כמאַריקן שוואַרץ אויף מייליקע ווייטן.
זיי זיינען טויב צו דעם יובל אין לאַנד דעם באַפרייטן,
נאָר וואַכיק איז ביי יעדן פון זיי דאָך דער אויער
צום כאָרכלדיקן טרויער
פון מענטשן ביים שטאַרבן.
זיי זיינען די קראָען, וואָס אַרבן
די פרוכט פון דער טויטלעכסטער שנאה,
און קראַקען דערביי מיט צעפרעסענער קנאה
צו יעדן מין לעבעדיק לעבן,
וואָס וויל זיך דעם טויט אין די אַרעמס נישט געבן!

ל י י ד א ו ן פ ר י י ד

עס באַווייזן זיך ווידער די צוויי קעפּ דורכן פענצטער.

ערשטער קאָפּ:

אפשר וואָלט מען שוין אויפגעהערט קודאַכען, ווי די הינער?

צווייטער קאָפּ:

אַ חוצפה דאָס איז פון געמיינע באַדינער, —
מען האָט גאָרנישט קיין רעספּעקט!

כאַסיע און נאָטע לאָזן זיך אַרונטער פון די טרעפּ.

כאַסיע:

העי, ווי פריש עס איז די לופט, — עס שמעקט!

ביידע גייען אַפּ אַרומגענומען אונטערן שיין פון
דער העל־צעזילבערטע לבנה.

כ ד א י !

א קול:

מענטש אין זיך — אַ גאַנצע וועלט, —
אַט פאַרכמאַרעט, אַט צעהעלט, —
גוטס און שלעכטס אין אים איז דאָ!
אַט אַ טויב און אַט אַ קראָ, —
ביידע נעסטלען זיך אין אים!
אַט אַקטיאָר אין שווערן גרים,
באַלד די פּשוטקייט ביז גאָר, —
וואָס איז פאַלש און וואָס איז וואָר?

פּאָעט:

מאָדנע, מאָדנע, ווי מחשבה איז,
טוט דיך אין דער לופט אַ ריס!
אָונט שפּרייט זיך, טאָג גייט אויס,
און פאַרשאַרט זיך, ווי אַ מויז,
ווייסט דיין האַרץ איצט, וואָס עס וויל?
גייסט און גייסט, און נישט קלאָר דער ציל!
אז עס טונקלט, זעט מען נישט
וועג פון פינצטערניש פאַרווישט.

א קול:

צינד דעם לאָמפּ אָן, — שיין וועט דיך
פירן אויפן וועג צו זיך.

פּאָעט:

אויפן וועג צו זיך אַליין
ליגט אַ שווערער, האַרטער שטיין!

א קול:

טו, וואָס יעקב האָט געטאָן
ביי דעם ברונעם אין חרן!

פּאָעט:

ברונעם מיינער — לאַבירינט,
טונקל איז ער, ווי דער טינט,
פון מיין סקריפּנדיקער פּען.

א קול:

ציגד דעם לאָמפּ אָן, וועסטו זען!

פּאָעט:

וועט מיט לאָמפּ דאָ גרינגער זיין?

א קול:

וואונדערלעך איז לאָמפּן־שיין,
ווען עס טונקלט פאַרן בליק,
און דער טראָט איז וואַקלדיק.
זע, דער לאָמפּ דאָס ליכט באַנייט.

פּאָעט:

אָבער לאָמפּ, — ער שיינט נישט וויט!
בלויז דעם טיש, פּאַפּיר און פען, —
וואָס־זשע איז דאָ איצט צו זען?
הערן אויך נישט, — סיידן בלויז
טיף אין זיך אַ קול אין ברויז.

א קול:

אָונט שפּרייט זיך, איז צעיאָגט,
וואָס געזאָגט נאָך נישט דערזאָגט.
אָונט שפּרייט זיך, באַלד איז נאַכט,
וואָס פאַרטראַכט איז נישט דערטראַכט.
אָונט שפּרייט זיך, נאַכט קומט אָן,
האָסט געטאָן און נישט דערטאָן!
אָונט שפּרייט זיך, דו ביסט מיד,
און אינמיטן איז דיין ליד!

פּאָעט:

אָונט שפּרייט זיך, — מילא, נו,
זאָל דער סוף זיין — אַליע־ליו.

א קול:

אַליע־ליו? נאָך פרי! נאָך פרי!
זע, דער לאָמפּ אין פולן גלי!

פּאָעט:

אָבער נאַכטיק איז די שעה!

א קול:

נאַכטיק, ווען אַ לאָמפּ איז דאָ?
זע, די שיין איז העל צעבלענדט!

פּאָעט:

שיינדל, שיינדל צווישן ענגע ווענט!

א קול:
אין ליכט איז דאָ די טרייסט.

פּאָעט:
אָפּטמאָל טרעפט זיך — אויפגעלייזט
ווערט אין מיר דער ביז־אַהער,
און איך ווייס נישט ווער איז ווער,
און איך ווייס נישט וואָס איז וואָס.
פּלוצלינג, ווי אַ שופר־בלאָז,
וועקט מיך אויף, צעוועקט, צעוועקט,
און אַזוי פיל ווערט אַנטפּלעקט!

א קול:
דעמאָלט זינגסטו העל, צעהעלט
צו דער גרויסער, ברייטער וועלט!
אויג דיינס ברייטער, זעסט די ווייט,
און עס ווערט באַהעלט, באַנייט
אַלץ, וואָס וועלקט און אָפּגעלעבט!

פּאָעט:
אָבער ווען אַ וואָלקן איז צעשוועבט?

א קול:
מיינט עס, אַז די ערד איז הייס,
אָטעמסט שווער און טיף דורך שווייס
אין דער הויכער הויך אַרייך.

פּאָעט:
גרויסער שטורעם וועט דאָ זיין!

א קול:
גייט מען קעגן שטורעם, און
מען דערגרייכט די העלע זון
אין איר אויפגאַנג אויף דער וועלט!

פּאָעט:
נאַכטיקייט פאַרשטעלט! פאַרשטעלט!

א קול:
רייס פונאַנדער זי אויף שטיק,
און פאַרוואַרף אַהין אַ בריק,
וועט זי פירן און זי וועט.

פּאָעט:
מיד, אַ, מיד, איז דער פּאָעט!

א קול:

מיד? דאָס וואָרט באַקאַנט, באַקאַנט,
שוואַכט אָפּ יעדע האַנט,
וואָס פאַרמעסט זיך אויף דער ערד!

פאַעט:

שוין געהערט! געהערט! געהערט!

א קול:

וויפל מענטשן איז דער מענטש?
זע, אָט שטייט ער ביים פארענטש
אויף אַ שיף אינמיטן ים,
און אין תוך איז ער גאָר שטאָם,
ציענדיק דעם זאַפט פון טיף.
אָפטמאָל איז ער אַ באַגריף, —
לויטער און העל־זעעריש.
מענטש איז אַלץ נאָך אין געמיש,
טייג פון הייוון און געיער.
איז קיין חידוש נישט, וואָס ער
איז קיין פאַרטיקער נישט נאָך.

פאַעט:

מיד בין איך פון שווערן יאָך
אויף די אַקסל פון מיין דור.
חלום אויפן וועג צו וואָר
ברעקלט זיך, צעפאַלט אויף שטיק.
וועלט אויף הענגענדיקער בריק
איז אין שטענדיקער געפאַר.
הער, עס וויינט דער צער
אויפן קול פון אונדזער דור?

א קול:

ווערט דער חלום איצט נישט וואָר?
שווערער צער? זיכער, זיכער יאָ!
שווער איז נאָך פאַר אונדז די שעה.
אָבער חלום וואָריק ווערט
איבער אונדזער ערד.
חלום נעכטיקער איז איצט
אין דער וואָר שוין איינגעקריצט.
נעכטן האָפענונג, פאַרלאַנג,
היינט שוין טראָט אין פולן גאַנג
צו אַ נייעם, העלן ציל.
פרעג דעם חלוץ אין גליל,

וואָס האָט חלום פון זיין דור
איינגעוועבט אין העלע וואָר,
און ער וועבט אים נאָך און נאָך.
גרינגער ווערט דער שווערער יאָך,
ווען מען זעט פאַר זיך דעם ציל.
חלוץ, אויף זי זאַמדן פון גליל!
טראָגט דעם חלום צו דער וואָר!

פּאָעט:

גרוי שוין זיינען מיינע האָר,
גלידער מיינע זיינען שווער,
אָבער ווען איך הער, דערהער,
פיל איך אַזאַ ליד אין זיך!

אַ קול:

אויסגעטאָן האָט זיינע שיך
משה ביי דעם פלאַם פון סנה,
קוק צום לאָמפּ, אָ, קוק און זע,
ווּעסטו ווערן אויפגעוואַכט.
זע, דער לאָמפּ, איז העל צעבלענדט,
ליכט צעעפנט דיינע ווענט,
קוק זיך איין, און זע, און זע, —
לאָמפּ, נישט לאָמפּ, נאָר ליכט אויף סנה,
און פון ליכט אַ קול צעהעלט
זינגט דאָס לעבן אויף דער וועלט,
מיט אַזאַ מין יובלדיקער פרייד.
זע, די נאַכט פאַרגייט, פאַרגייט,
און אַ נייער טאָג קומט אָן, —

פּאָעט:

האַרץ מיינס, — פלאַטערדיקע פאָן,
פלאַטער, פלאַטער אויף דאָס ניי, —
לעבן איז כדאַי! כדאַי! כדאַי!

כל זמן מען לעבט

אַ דיכטער און זיין מיידל. אַ האַרבסטיקער אָוונט קוקט אַריין דורכן איינציקן פענצטער. אַ קליין אַבאַזשורט לעמפל אויפן טישל. דאָס מיידל ליגט אויסגעצויגן אויפן בעטל. דער דיכטער זיצט לעבן איר ביים טישל, רויכערט אַ לולקע. איבערן קאַמין — אַ זייגער, וואָס גייט נישט.

מיידל:

ווי גוט, וואָס דער זייגער איז נישט אָנגעדרייט.
אַ זייגער, וואָס גייט,
דערמאָנט כסדר, אַז . . .

דיכטער:

אפשר זאָלן מיר אַרונטערגיין אין גאַס?

מיידל:

גענעצט און ציט די גלידער.

די אַרבעט האָט זיך היינט געצויגן,
ווי אַ וואָלקן פאַר די אויגן,
וואָס דראָעט מיט אַ רעגן.

דיכטער:

לאָזט דעם רויך פון מויל.

און איך בין אַ גאַנצן טאָג געלעגן
פאַרשטאַרט אויף מיין געלעגער,
ווי אַ פגר.

מיידל:

און דאָך איז אומעטיק, ווען עס שטייט אַ זייגער
און די ווייזערס רוקן זיך נישט פאַראויס.

דיכטער:

פאַראויס צום ווילדן מאַרק־געברויז?

מיידל:

אַ מאָדנע בענקשאַפט נאָך אַ הויז
איז היינט אין מיין געמיט, —
קאַמין צעגליט,
און קינדער . . .

דיכטער:

כדי דערנאָך, ווי רינדער
זיי פירן אין דער שלאַכט?

מיידל:

איך האָב היינט אַ סך געטראַכט
פון אונדזער לעבן, וואָס איז
אַ שיינער מלבוש מיט אַ ריס,
אַ שיינע כלי, נאָר צעבראָכן.
אַ מאָדנע טראַכטעניש ביי דער מאַשין.
איך האָב געטראַכט פון טאַטע־מאַמעס הויז אין וואָלין,
פון היימישקייט און שבת־יום־טובדיקע טישן.
דו ווייסט, ווי שווער עס איז זיך אָפּצואווישן
ביי דער אַרבעט די טרערן פון די אויגן?

ווײנענדיק.

אַ וויסטער שטורעם אָנגעפלויגן,
און אַלץ איז אויס אין רויך און פלאַמען.

ווישט די טרערן.

געטראַכט אויך פונעם איבערבלייב אַריבער ימען,—
אַ ברודער ערגעץ־וואו אין אַרגענטינע,
אַ שוועסטערל אין פּאַלעסטינע,
און איך? . . . און איך? . . .
איך האָב מסתמא דעמאָלט אויפן קול גערעדט צו זיך,
ווייל אויפן קול האָט זיך צעלאַכט מיין שכן, —
געווען איז דעמאָלט, ווען איך האָב אַ פינגער זיך צעשטאָכן.

דיכטער קושט אירע פינגער.

האָב נישט קיין פּאַראיבל,
איך האָב זיך היינט צעבענקט נאָך אַ שטילן שטיבל,
נאָך גערטנדל, אַ בלימל.

דיכטער:

טרויעריק.

אונטער אַט אַזאַ מין הימל?
אונטער אַט אַזעלכע וואָלקנס שווערע?

ברויזנדיק.

די ערד איז קראַנק איצט אויף כאָליערע! —
הער, הער, ווי קאָנוואולסנדיק זי איז!
אַ שיכורטע, וואָס פאַלט פון אירע פיס!
דער מענטש? — ער צאַפּלט זיך אויף זיינע פיס, די מידע.
ווי נעבעכדיק דער מענטש איז איצט אין זיין ירידה!
וואָס איז ער קעגן מינדסטן ריר באַהאַלטענעם
פון דעם אַטאָם צעשפּאַלטענעם?

ל י י ד   א ו ן   פ ר י י ד

מיידל:

רואיק און באַטראַכט.

דער הימל וועט זיך לייטערן,
די וואָלקנס זיך דערווייטערן,
די ערד וועט אויסהיילן אירע וואונדן.
ווען מענטש האָט צום ערשטן מאָל פייער אָנגעצונדן
האָט ער פון שרעק צעפיבערט זיך מסתמא, —
איצט וואַרעמט אַט דאָס פייער אָפּט אונדז, ווי אַ מאַמע.

דיכטער:

און וואָס איז מיט די חורבות איבער אַלע וועגן?

מיידל:

עס וועט זיי אָפּוואַשן דער רעגן,
און זיי צעמישן אין די ימען.

דיכטער:

דאָס בלוט אויך פון מיין טאַטע־מאַמען?
די ביינער זייערע צעאַשטע און צעקוילטע?
די יסורים זייערע צעגרוילטע?

מיידל:

פון אַלע טאַטעס, מאַמעס, שוועסטער, ברידער!
דאָס לעבן אָנהויבן וועט זיך ווידער,
און ציען זיך און ציען, ציען,
אַזוי איז דאָס פון אייביק. שטראַלן גליען און פאַרגליען,
און גליען נאָכאַמאָל זיך העל פאַנאַנדער.
דאָס לעבן איז כסדרדיקער וואַנדער,
פון אויפגאַנג און פאַרגאַנג.
עס איז דאָס פיינלעכע און פריידיקע געזאַנג
פון טענער אָן אַ צאָל.

דיכטער:

צו זיך.

ווי ליב און נאָענט עס איז דאָך אַזאַ קול
צו מיין געהער, צו מיין געמיט.
איך הער אין זיי דעם עכאָ פון די טריט,
וואָס האָבן מיך אַרומגעפירט,
ווען וועלט
איז נאָך געווען באַטירט,
באַשוועלט.
אָ, וויפל מאָל האָט אַזאַ ליד
אין מיין געמיט
זיך אומגעשפילט,

און אומרו מיינעם איינגעשטילט.
מיט אַט אַזוינס האָב איך די רו געפונען,
געזען וועלטן זיך צעגרינען,
און איצט? — רואינען און רואינען!
מיידל:
עס וועלן איבער די רואינען נייע וועלטן זיך צעגרינען
דיכטער:
ווי וואויל איז דיר, וואָס טראַכסט אַזוי.
מיידל:
איך בין די פרוי,
און פרוי איז ווי די ערד,
וואָס יערט, געבערט,
און מערט, פאַרמערט.
דיכטער:
כדי דערנאָכדעם צו פאַרצערן.
מיידל:
ניין, ניין, כדי נאָכאַמאָל געבערן.
זעצט זיך אויף.
צי זעסטו נישט איבער די רואינען מענטשן,
וואָס קריכן אום אויף אַלע פיר און בענטשן
גומל פאַר דעם ביסל לעבן, דעם געשענקטן?
מען וויינט, מען קלאָגט אויף דעם פאַרשווענקטן,
דאָך זוכט מען אום סימנים פונעם איבערבלייב.
גלויביק.
העי, דיכטער מיינער, נעם שרייב, פאַרשרייב
דעם אומקום פון דיין טאַטע־מאַמען,
באַוויין, באַקלאָג צעדריבלטקייט פון שטאַמען,
נאָר דו אַליין צעדריבל זיך נאָר נישט אויף שטיקלעך.
פאַרבינד צעבראָכנקייט מיט שטריקלעך,
דערמוטיק צוויגן דאָ פאַרבליבענע שטאַמיקע צו ווערן,
וועק אויף, גלי אויף אין זיי באַגערן
צום ווייטערדיקן וואַרצלען זיך, — צום לעבן!
דיכטער:
לאָזט שווער דעם רויך פון לולקע.
גיי וועק... גיי גלי פאַנאַנדער... וואָס קאָן איך געבן,
אַז איך בין אויסגעלאָשן.
וואו נעמט מען גאָר אין זיך דאָס לשון,
ווען וואָלקנס איבער דיר געדיכטער און געדיכטער,
וואָס לייגן זיך, ווי טאַניקע געוויכטער

אויף מידן שולטער.
די גאַנצע ערד איז איצט אַ מולטער
אויף ברויזנדיקן ים.
צעדריבלט איז דער שטאַם,
בלויז צווייגן איינגעדאַרטע דאָ און דאָרט געבליבן,
וואָס ווערן פון די ווינטן אומגעטריבן,
און קאָנען צו קיין ברעגן זיך נישט מער דערשלאָגן.

מיידל:

די ווינטן טרייבן נישט, — זיי טראָגן!
זיי וועלן ברענגען, און דעמאָלט!

דיכטער:

ווי ער וואָלט נישט געהערט.

וואָלט ערגעץ־וואו אַ פלעמל כאָטש געפלעמלט!
וויי, וויי, מיר די פאַרבליבענע, —
מגילות נישט דערשריבענע,
וועלן מער זיך נישט דערשרייבן.
שווערע ווינטן טרייבן, טרייבן,
און מישן אינעם שטויב איצט די יריעות.
די ווערטער אונדזערע האָבן מער נישט קיין עליות,
זיי ווערן מער נישט אויפגענומען, ווי קיין תפילות.
עס וויינען עלנטע דאָ אונדזערע מגילות. . .

פאַרטראַכט.

אַן אות בליצט אויף, — וואָס וויל עס?
עס וויל אַן אָרט
אין וואָרט,
וואָס אייביקט זיך אין לעבן.

טרויעריק.

אַזוי פיל שווערע וואָלקנס שוועבן, —
עס רעגנט אַזוי שטאַרק דער הימל
אויף אונדזער אלף, בית און גימל,
אַז עס שרייבט זיך שוין נישט מער דער דאַלעד.

מיידל:

אין צעבראָכנקייט.

אָפּגעחתנט! אָפּגעכלהט!
און נישט זיין וועט קיין משפחה!

וויינט.

דיכטער:

גיי מאַך אַ ברכה
אויף אונדזער פינצטערער עפּאָכע,

אַז נישטאָ איז ווער זאָל ענטפֿערן אַן אָמן.
שוין לאַנג דאָ נישט געבענטשט דאָך קיין מזומן,
אָפּגערעדט פֿון דאַווענען במנין.
אײַנגעפֿאַלן איז דער בנין,
פֿונדאַמענט, — קוים, קוים, ער האַלט זיך,
נאָך אַ ריר און ער צעפֿאַלט זיך.

צו זיך.

נו, איז וואָס־זשע? נו, איז וואָס־זשע?

מיידל:

בייז.

אַ דראַמע אויף דער בינע, און דו זיצסט זיך אין דער לאָזשע!

מיט צער צו זיך.

אָפּגעאַרבעט דורכן טאָג אויף דער מאַשין,
געחלומט פֿון אַ שטיבל מיט אַ גערטנדל, וואָס גרין,
געחלומט פֿון אַ מאַן... אַ קינד...
קומט דער אָונט, בלאָזט אַ ווינט...

דיכטער:

צערטלעך צום מיידל.

איז דיר קאַלט?

מיידל:

שפּרינגט אויף.

איך וועל שרייען געוואַלד! —
אַ גאַנצן טאָג מאַשין! מאַשין!

שפּרייט אויס די הענט.

און אין די אָונטן וואוהין?

דיכטער:

צו מיר, פֿאַרשטייט זיך!

מיידל:

שוין בעסער — מען צעגייט זיך!

דיכטער:

דאָס לעצטע שטראַלעכל, וואָס שוועבט נאָך?

מיידל:

דאָס איז פֿאַר דעם, וואָס לעבט נאָך!

דיכטער:

און איך?

מיידל:

דו טראָגסט דעם טויט אין זיך!

ל י י ד   א ו ן   פ ר י י ד

דיכטער:

ציטערט אויף.

דעם טויט . . . איך ? . . . אין זיך ? . . .

פאַרטראַכט.

נו, יאָ, איך פיל אים אין די גלידער,
ער פראַסטיקט זיך אין מיינע לידער,
און מיר איז קאַלט . . . איך וועל דערפרוירן.

מיידל:

געדירט, צערטלט אים.

דו האָסט זיך אויפן שווערן וועג פאַרלוירן,
און מוזסט זיך באַכאַמאַל געפינען.

דיכטער:

אין אַ וועלט פון רויכיקע רואינען ?

דערזעט איר באַנדאַזשירטן פינגער.

אין אַ וועלט פון שטעכיקע מאַשינען ?

קושט איר פינגער.

מיידל:

אַז דו קושסט אַזוי מיין פינגער,
ווערט דער ווייטיק מיר דאָך גרינגער.

דיכטער:

פאַלט צו מיטן קאָפּ צו איר.

דו ביסט דאָס לעצטע שטראַלעכל, וואָס שוועבט.

מיידל:

קושט אים.

כל זמן מען לעבט . . . כל זמן מען לעבט . . .

דיכטער:

שטיל.

כל זמן מען לעבט . . . כל זמן מען לעבט . . .

מיידל:

באַדאַרף מען לעבן, לעבן,
פעדעמל צו פעדעמל פאַרוועבן,
און אָנהויבן אויפסניי — בראשית!

דיכטער:

דיין לייב אַן עמוד־אש איז,
דיין וואָרט איז אַ דערקוויקונג.

מיידל:

און דו ביסט דאָך אַנטציקונג, —
זע, זע, די נאַכט הויבט אָן צו העלן,
און טירן פראַלן אויף ביי שוועלן.

(נעמען זיך אַרום, אַ שיין פון אַנטקעגנאיבערדיקן פענצטער באַלייכט זיי).

ז. ווײַנפּער

אַ שײנער זון־פאַרגאַנג

אויף דער װעראַנדע פון הויז פאַר אַלטע קינסטלער רוען איבער ליג־שטולן צװײ זקנים און אַ זקנה. עס איז האַרבסט. דער גאָרטן אַרום איז גאָלדיק־געל, די זון פאַרגײט אַ גאָלדיקע ביים האָריזאָנט.

דיכטער:

װי שײן די זון פאַרגײט!
עס איז, װי לויטערע פרײד,
װאָס איז מיד, שױן מיד.
עס איז, װי אַ דורכזיכטיק ליד,
װאָס האַלטן שױן ביים סוף.
עס איז, װי דער אָטעם פון שלאָף,
װאָס זינגט שיר־השירים דער אײביקײט.

שױשפּילער:

נו, יאָ, עס איז דער גאַנג, װאָס גײט
צום אײגענעם אונטערגאַנג.

טענצערין:

און איך? איך הער דאָס געזאַנג
פון אַזאַ לויטערן, ליבן געמיט.

שױשפּילער:

די עכאָס פון שװערע טריט,
װאָס ברענגען אונדז אַ טרויעריקע בשורה.

דיכטער:

פאַראַן איז אַן ענלעכע שורה
און מײנט אַ יוגנטלעך ליד.
(ציטירט)
פון פריש, שמעקנדיקן צװײט
דערשפּיר איך דעם צער פון פאַרגײן.

טענצערין:

וי וואונדערלעך, וואונדערלעך שיין!

(צום דיכטער)

און אייך, ליבער, איז דאָך אזוי גוט, —

אַט זיצט איר און איר רוט

אויף אייערע לאָרבער־בלעטער.

שוישפּילער:

אַקטיאָר איז פּונקט ווי דאָס וועטער,

מען בייט זיך,

צעבייט זיך

ביז...

טענצערין:

און וואָס איז געוואָרן פון מיינע פיס

און אַלע מיינע גלידער?

אָ, וויפל וואונדערלעכע לידער

האָבן זיי דאָס אויסגעזונגען דורך די יאָרן!

און וואָס איז איצט פון זיי געוואָרן?

מיינע לידער זיינען דאָך נישט קיין אויפגעשריבענע

און דאָס פאַרבליבענע?

ווי גאָרנישט, גאָרנישט וואָלט געווען!

נישט געהערט און נישט געזען!

געטענצלט און זיך געצויגן,

אַזוי ווי אַ פייל פון בויגן;

די פייל איז פאַרפלויגן,

פאַרפאַלן געוואָרן.

(וויינט שטיל)

אַ פלאַטערל איבער זאַנגען פון קאָרן

האָט זומערדיק, זוניק געזשומעט,

און איצט איז דער האַרבסט מיט זיין אומעט.

(ווישט די אויגן)

זעט, זעט, מיינע פיס, — געטראָטן, געטראָטן,

און איצט? עס איז, ווי דאָס זאַמד וואָלט פאַרשאָטן

די צייכנס פון אַלע מיינע טריט.

דיכטער (רחמנותדיק גערירט):

נו, יאָ, אַזוי איז דאָך אויך מיטן ליד

פון דיכטער און פאַרעלטערטע ביכער.

די צייט איז ווי אַ ווינטיקער וויכער, —

זי מישט און פאַרמישט און צעמישט.

נישטאָ גאָר אַזוינס, וואָס ווערט נישט אָפּגעווישט

אין גאַנג פון דער צייט אויף דער ערד.

טענצערין (צום דיקטער):
ווי גרויס און ווי וואונדערלעך שיין איר ווערט,
ווען איך הער איך רעדן אַט אַזוי וועגן זיך.
שווישפּילער:
און איך? מעשטיינסגעזאָגט, איך!
אַ פּאָר אָפּגעטראָגענע שיך
פון פרעמדע פיס.
(צעשרייט זיך)
אָ, בראַוואָ! ביס! אָ, בראַוואָ! ביס!
געלעבט מיט דער שעה,
און איצט וואָס איז דאָ?
אַן עכאָ פון פרעמדע רייד,
פון פרעמדער פרייד,
פון פרעמדן צער.
דיכטער:
(גוטמוטיק צום שוישפּילער):
ביסט אַן אַלטער, אַלטער נאַר!
גלייך יענעמס צער,
און יענעמס פרייד
איז נישט אינעם אייגן איינגעווייד!
טענצערין:
(גערירט, צום דיכטער):
ווי אמתדיק עס זיינען אָט־די רייד!
די פּיין און די פרייד פון יעדן, וואו ער איז,
איז שטענדיק דאָך אין מיינע פיס,
אין אַלע מיינע גלידער.
(פאַרבענקט צו זיך)
ווען איך וואָלט זיך געקאָנט באַוועגן ווידער,
וואָלט איך... וואָלט איך...
דיכטער:
אַרויסגעטאַנצט פון זיך
די מוראדיקע וואָר
פון אונדזער דור
מסתמא.
טענצערין:
געטאַנצט וואָלט איך מלחמה
קעגן יעדן רשעותדיקן מעסער־שאַרף,
און אויך די טרייסט, וואָס מען דאַרף
אין אָט די איצטיקע שווערע טעג.

שווישפּילער:

אַלץ, אַלץ איז איצט אויפן וועג!
עס איז, ווי יעדערער וואָלט איצט געגאַנגען
די זון צו דערלאַנגען,
און איך בין אַלט און שוואַך,
איז וואָס־זשע איז דאָ צו רעדן אַ סך?
(דעקלאַמירט)
און אויפגיין וועט אַ נייער דור
מיט גאָר אַ נייער וואָר,
און נאָך אים וויטערדיקע דורות,
צעשיינטע, ווי מנורות!
(צו דער צענצערין)
און וועמענס, מיינט איר, איז דאָס, האָ?

דיכטער:

(צום שווישפּילער):
נו, שאַ זאָל זיין, נו, שאַ!

שווישפּילער:

ווי דען? ווי איך?
מעשטיינסגעזאָגט, וואָס איך וועל איבערלאָזן דאָ נאָך זיך!
(קלאָגנדיק)
אַ טענצער, אַן אַקטיאָר, —
אַ חלום אויף דער וואָר,
אַט דאָאיק,
שוין נישטאָאיק!
אַ ווינטל־בלאָז
אויף גראָז,
אויף בוים,
אַ טרוים,
נישט אָנצוכאַפּן,
נישט אָנצוטאַפּן.

דיכטער:

און אַז מען וויל, זיינען מיר אַלע טריט,
וואָס ווערן אָפּגעהיט, באַהיט
אין גאַנג, וואָס ציט זיך וויטער.
מיר אַלע זיינען פונקען פון אַ שייטער,
וואָס ציען זיך אַרויף, אַרויף.
מיר זיינען אויך דאָס האַלץ, וואָס לייזט זיך אויף
אין גליענדיקן זשאַר.
מיר זיינען טיילן פונעם צער
און אויך דאָך פון דער פרייד.
מיר זיינען אַלע אין דער אייביקייט,

וואָס גייט און איז נאָך נישט דערגאַנגען.
מיר זיינען אין די זון־פאַרגאַנגען,
כדי דערנאָכדעם אויפצוגיין אַלץ ווידער.
טענצערין:
איך פיל אַ מידקייט אין די גלידער,
נאָר אומרו איז נאָך אַלץ דאָ אין מיין ווילן,
און אים באַרואיקן, פאַרשטילן
האָב איך נישט מיט וואָס.
שווישפּילער:
פאַרוויאַנעט גראָז
מוז פילן פונקט אַזוי.
דיכטער:
איך האָב אַמאָל פאַרשיכורט זיך מיט ליבשאַפט צו אַ פרוי
מיט אויגן, ווי בלוי־באַטויטע טרויבן.
שווישפּילער:
(צו דער טענצערין):
איר מעגט אים גלויבן.
אַ, סאַראַ ברען
ער איז געווען!
נישט נאָר די פען
געווען איז דימענט אין זיין קרוין,
נאָר אויך דער מאַנספאַרשוין
פאַר וועמען יעדע פרוי...
שווישפּילער:
(שלאָגט אים איבער):
אַזוי...אַזוי....
אַ שאָד, וואָס איך בין דעמאָלט נישט געווען די זי.
דיכטער:
געווען איז זי דער גלי
פון זוניקסטן פרימאָרגן,
וואָס טראָגט אין זיך פאַרבאָרגן
דעם אָנזאָג פאַר...
שווישפּילער:
(שלאָגט אים אימער)
און איצט ביסטו אַן אַלטער, אַלטער נאַר!
געהערט אַ מעשה? אַ פרוי איז פרוי
און נישט קיין טוי,
און נישט קיין גלי, —
אַ פרוי איז בלויז אַ זי!

טענצערין:
(בייז, צום שוישפּילער):
פֿאַר איך געמוזט האָט זיין
דער בלויזער זשליאָקע פּונעם ווייִן
און נישט דער שפּיגלדיקער שיין
פון ליכט אויף גלאָז, איך בעט איך איבער.
(אָנווייזנדיק אויפֿן דיכטער)
ער איז דאָך אַזאַ ליבער,
און מיר איז גאָרנישט שווער
צו טראַכטן איצט, אַז ער
מיט זיינע וואונדערלעכע רייד . . .
(צו זיך)
ער איז, ווי ווינטעלע צעווייט,
וואָס ברענגט צוריק
דאָס דורכגעלעבטע גליק.
(צום דיכטער)
דערציילט, דערציילט, מיין ליבער,
איר טראָגט מיך איבער
אויף צוריק,
צום דורכגעלעבטן גליק.

דיכטער:
(צו דער טענצערין):
אַ דאַנק! אַ דאַנק!
עס איז דאָך, ווי געזאַנג
די רייד, וואָס איר האָט ערשט גערעדט.
אָט פיל איך דעם פּאָעט
אין זיך איצט ווידער.
אַבי איך האָב אין מיינע לידער
געוויינט, אַז אַלץ איז אויס.
(פֿאַרטרויערט צו זיך)
ווען זי איז פון מיין שטוב אַרויס,
האָב איך געמיינט, אַז לעבן וועל איך ווייטער בלויז מיט טרוימען.
זעט, זעט, אָט הענגען איבער מיר די אויגן אייערע, ווי פלוימען.

טענצערין:
(גערירט):
ווי ליב איר זענט צו רעדן צו אַזאַ, ווי איך, אַזוי.

שוישפּילער:
נו, יאָ, אַ שיינע פרוי
איז שיין אויך אויף דער עלטער.

דיכטער:
וי ווייַן אין קעלטער
דורך יאָרן אויסבאַהאַלטן,
האָט איר דערהאַלטן
אין זיך דעם אַראָמאַנט.

טענצערין (הויבט זיך אויף פון דער שטול און נעמט
זיך באַוועגן אין אַ פּאָמעלעך־ריטמישן טאַנץ):
אַ בלאַט
אויף בוים,
אַ טרוים
אין ציטער,
געוויטער!
(פאַלט צוריק אויף דער שטול אַ פאַרמאַטערטע)
געוויטערדיק
און ציטערדיק
איז איצט אין מיין געמיט,
און אין מיין יעדן גליד.
נאָר מיינע טריט?
זיי דינען שוין נישט מער.
געוועזן איז מיין געווער
אין מיינע טאַנצנדיקע גלידער.

דיכטער (אין עקסטאַז):
וויבּרירנדיקע לידער
און ציטערדיקע שימערונג,
אפילו פון פאַרגליווערונג
שלאָגט אויף פון זיי מיט פרייד.

שוישפּילער:
רייד! רייד! רייד!

דיכטער:
פאַראַן אַזוי פיל פרייד
אין אָט אַזעלכע רייד, —
זעט, זעט, די זון פאַרגייט.

שוישפּילער (בייז):
אַזוי פאַרגייט דאָך אַלץ, וואָס לעבט!

דיכטער:
אַ פעדעמל אין אַ געוועב פאַרוועבט
איז דאָ, כאָטש מען באַמערקט דאָס קוים.
איז דען דער בלעזלדיקער שוים
פון ים־כוואַליע נישט דער ים אַליין?

און איז דער האַרטסטער שטיין
נישט טייל פון אונדזער ערד ?
שטעלט אַן די אויערן און הערט !
שטעלט אַן דעם בליק און זעט !
עס איז נישט בלויז נאָר דער פּאָעט
מיט זיין געזאַנג.

טענצערין:
אַ דאַנק ! אַ דאַנק !

דיכטער:
אַלצדינג איז דאָך אין גאַנג
אין אונדזער אוניווערז.

שוישפּילער:
אַ שיינער, קלינגענדיקער פערז
ביי אַ נאַאיוון פּאָעט.

טענצערין:
אַ ליבע האַנט, וואָס גלעט,
כאַפּט אויף דאָס פאַרלוירענע, —
ירושה פאַר די ניי־געבוירענע.

דיכטער:
אַזוי פיל יאָרן
אין מיין זכרון
זיי זיינען שווייגנדיקע און פאַרקלערטע.

שוישפּילער:
זיי זיינען מיסט פון בעזעמער פאַרקערטע.

טענצערין:
פאַרוואָס נישט צירונג אָפּגעטראָגנס אונטער גלאָז געהאַלטן ?

דיכטער:
די נייקייט וואָרצלט שטענדיק אינעם אַלטן,
די אַלטקייט איז אויך אין דער נייקייט העל צעגלאַנצט.

טענצערין:
איך האָב אַן אייניקל, וואָס טאַנצט,
גאָר אַנדערש...גאָר אַן אַנדער מין...

שוישפּילער:
איך האָב אַ טאָכטער און צוויי זין,
איז מיר אַ חרפּה און אַ בושה,
מעשטיינסגעזאָגט — ירושה,
וואָס וועט זיי פונעם טאָטן בלייבן !

דיכטער (מיטפילנדיק, צום שוישפּילער):
דערציי֯ל און איך וועל דיין ירושה איצט פֿאַרשרייבן.

טענצערין:
און אַז זי וועט נאָר בלייבן,
וועט עמעצער מיט איר זיך צירן.

שוישפּילער (סאַרקאַסטיש):
מיט מיינע קרוינען פֿון קאָלירקע פּאַפּירן?

דיכטער:
איז דען אין זיי קיין שיינקייט נישט פֿאַראַן?

טענצערין:
איך האָב אַמאָל געטאַנצט אַ שוואַן,
וואָס האָט אַ פֿליגל זיך צעבראָכן...

שוישפּילער:
איך האָב אַמאָל געשפּילט די ראָלע פֿון בטחון.

דיכטער (נעמט אַרויס אַ נאָטיץ־ביכל מיט אַ בלייער):
דער קינסטלער אויף דער בינע
איז אין דער בחינה
פֿון אַ דערהויבענער שליחות.

שוישפּילער:
אַן אַנדערש מאָל האָב איך געשפּילט דעם יחוס
פֿון אונדזער יידישער עקשנות.

טענצערין:
מיר, יידן, גייען דורך שטענדיקע סכנות
צום פֿאַראויס.

דיכטער:
דאָס איז שיין! דאָס איז גרויס!
(צו דער טענצערין)
און אייער שוואַן? געווען איז זי אַ ווייסע?

שוישפּילער:
הער אַ מעשה!
איז דען פֿאַראַן
אַזאַ מין שוואַן,
וואָס איז אַ רויטע?

טענצערין (פֿאַרטראַכט):
געווען איז זי אַ האַלב שוין טויטע,
און אַזאַ רויטע,
מיט בלוט פֿאַרגאָסן.

דיכטער:
מסתמא האָט אַ רשע אין איר האַרץ געשאָסן.

שווישפּילער (הויבט זיך פּאַמעלעך אויף פון שטול):
ווען איך האָב אין אַ מאָנאָלאָג
געטאָן אַזאַ מין זאָג:
(דעקלאַמירט)
און ווער עס שניידט די ערד
אויף שטיקער,
פאַרצערט
דעם עיקר.
(צו דער טענצערין)
ביי אַט די ווערטער
האָבן מענטשן פון די ערטער . . .

טענצערין (הויבט זיך אויף און נעמט זיך באַוועגן):
און ווער עס שניידט די ערד
אויף שטיקער,
פאַרצערט
דעם עיקר.
(פאַלט צוריק צום שטול)
דער ווילן איז דאָ,
נאָר קיין כוח נישטאָ.

שווישפּילער (צוריק אויף דער שטול):
אַ שוואַן מיט אַ צעבראָכענעם פליגל.

דיכטער (פאַרחלומט):
ווען איך בין געווען אַ קינד אין וויגל,
פלעגט מאַמע מיינע מיר פאַרוויגן
מיט אַזאַ מין ניגון.
הויבט אָן ברומען, די איבעריקע ברומען מיט.)
געווען איז דאָס אַ וואונדערלעך געזאַנג.

ברומען מיט געשלאָסענע אויגן. די זון זעצט זיך באַלדיק ביים האָריזאָנט. באַדינער קומט אַריין מיט בלעזער מילך אויף אַ טאַץ, קוקט אויף די דרימלדיקע זקנים, דערנאָך צו דער זון, וואָס פאַרגייט.

באַדינער:
אַ שיינער זון־פאַרגאַנג!

אינהאַלט

זייט

מיין טיפסטן דאַנק — 5
צו זיטאָן — 7
אין אַ מנוחהדיקער שעה — 9
מיט אַ באַנייטער פרייד — 11
מיר, פרייע יידישע אַמעריקאַנער — 13
אַ יורש עצר ווערט געבוירן — 16
דאָס ליד פון קאַיאָר — 19
עס שוועבט נאָך די פּאַווע — 20
די מעשה אינעם עראָפּלאַן — 21
פרעגט ביי די, וואָס גלויבן — 22
לעבעדיקע מענטשן — 24
למנצח — 25
אַ וואָרט האָט אויפגעטויכט — 26
זינג, זינג, פּאָעט! — 28
מאַמעשע גוטסקייט — 30
שליחות אין וועג — 31
בן־יקיר — 35
וויפל וואונדער — 37
וואַש די הענט אין טוי — 38
פּלוצלינג אַזאַ בשורה — 40
אַזאַ פרייד אין גייענדיקן טראָט — 41
די זון באַהאַלט נישט איר פּנים — 43
בטחון — 45
מה טוב — 46
אַזוי פיל וואונדער — 49
דער בייזער שכן מיינער — 51
אין מיין גאַנג — 53
קליינע לידער מיינע — 56
דורך די אַגדן — 57
אָבער די מעשה? — 59
טוריסטן און טוריסטקעס — 61
סאַן־פראַנציסקאָ — 63
אָבער דער מענטש? — 65
פּאָול ראָבסאָן — 67

זייט

גייער גייט דורך שטורעם — 69
יצחק לייבוש פּרץ — 71
זיי להכעיס — 76
לידער צאַפּלדיקע, שטילע — 77
חלומדיק, שלומדיק — 78
איך וויים — 79
לולקע־רויך — 80
אייזיק ראַבאָי — 81
געקומען אַ מענטש — 84
דער עכאָ פון מיין ליד — 86
וואויל איז מיר — 88
שלום — 89
די בשורה — 91
זה היום — 93
אייביק פּאָלק — 95
דאָס פּלעמל — 98
כל דור ודור — 99
אַ גוטער פריינט — 101
ששים שנה — 103
גוט, וואָס חלום — 105
טאָכטער מיינע — 106
ביי מיינע זעכציק — 107
פרייד צו דער וועלט — 108
קלמן מרמר — 113
דאָס ליד פון פיניעס האַרבסט — 115
ווערטער זיינען שליחים? — 119
פאַרוואָס? פאַרווען? — 120
מיר וויסן, נו, יאָ — 122
רואיק, קאַלט און זיכער — 124
ביים אוהל לזכרון — 126
דערלויבט — 128
שדים האָבן די נקמה — 130
אלה תולדות נוח — 131
אויל פאַר דעם נר־תמיד — 133

א י נ ה אַ ל ט

	זייט
מיינע טעג, מיינע נעכט	134
עס שרייט געוואַלד	136
גאָט פון מיינע אבות	137
בדמיך	139
קדוש, קדוש, קדוש!	141
אַ, יידיש ליד מיינס!	143
גאָט, מיין גאָט!	145
א תפילה	146
וואוהין און ביז וואנען?	147
פּיקאַסאָ	148
האַרץ, מיין האַרץ	149
די ווייסקייט פון פּאַפּיר	150
נו, מילאַ	153
יוער נאָך, ווי מיר?	155
געבענטשט זאָל זיין דאָס ליד	157
מענטשן	158
גאַפער, גאַפּיקער	159
אויסטערליש	162
א קאַיאַר ביים האָדסאָן	165
אונדזער לאַנד אַמעריקע	166
יהי רצון	168
על חטא	173
שווער	175
וואָרט	176
און איך זינג	177
ווי דער דור המדבר	179
מען איז אָוועקגעפאָרן	181
טויטשטראָף	182
זיי פאַרזיכטיק	183
אַ, שנאה נישט שפּרייט	184
איך גלויב נאָך אַלץ	186
אַן ענטפער אויף אַ בריוו	188
די ליבשאַפט אונדזערע	190
אַפּנים	192
מיין ליד — מיין לאַמטערן	193
און גיין וועל איך	195
זכיה	198
נו, יאָ	199
אזא צער	200
ווער האָט פאַרצערט?	201
זינגער מיטן בלוט	202
דער דאָרן	203
שרעק	204
פאַרמאַך דאָס מויל	205
זינג, זינג דיין ליד!	206
אַ, וואָרט מיין צעשייטערטסט!	209
די אַזוינע און אַזעלכע	212
ולמלשינים	215
דיינע בעלי־טובות	216
אין די איצטיקע טעג	218
דער פּסיכיאַטאָר	220
לעקיש בער	222
אַ, צוטרוי!	224
דער רשע	226
משיח אויף אַן אייזעלע	228
דער עסטעטיקער	230
איך קאָן זיי, אָט די לייט	232
זיי	233
רשעים	234
דער כוהן פון בזיון	235
דער מאַרק — דער קונה	236
דער זייטיקער	237
די קרעכצער	239
ווער צו גאָט, און ער?	242
נישט אַבי־ווער	244
יחידי סגולה	246
מעשטיינסגעזאָגט	249
ווי און ווינד	251
פרעג זיי בחרם	253
כאַ! כאַ!	255
זע, זע!	257
אַ, ווינט אויפן וועג!	258
די היינטיקע באַדינער	259
כדאי	266
כל־זמן מען לעבט	271
א שיינער זונפאַרגאַנג	278
אינהאַלט	289
ביישטייערער	291

יובילײ־קאָמיטעטן און בײשטײערער
פֿאַר ז. װײנפּערס 3 יובײײ־ביכער

ניו־יאָרק יובילײ־קאָמיפּעט

איקוף־פּרעזידיום
רעדאַקציע „יידישע קולטור"
שטאָט־קאָמיטעט
שרייבער־פאַראיין
קונסט־סעקציע
פּרויען־צענטראַלע
לייען־קרייז

א. אַבראַמאָוויטש
א. גאָלדבערג
אבא גאָרדין
ש. דעמבּוס
וועלוול און באלשי וואולקאַן
ג. הייקין
ר. זאַלצמאַן
נחמן מייזיל
יעקב מעסטל
שרה קינדמאַן
קלמן מרמר
פּ. נאָוויק
גדליה סאַנדלער
פילים סאַנדלער
טאַניאַ און מ. פּראגער
י. פּריד
משה פּעדער
ראָז זשעליזע
אַדעלאַ און קלמן פרידמאַן
אלבערט קאַן
אהרן קורץ
ראז און פּרענק קוירק

מאניא קליינבערג
ראשי און יוסף שאַפּיראָ
מאָריס שאַפּעס
דר. ל. שאַצאָוו
אידא און אהרן וויניק
ליובאַ און ד. שעפּקאָוויטש
ברכהקע פּערלשטיין
דר. י. אייזענבערג
יעקב קליימאַן
מינאַ סמאָלאַר
דאָראַ און שמעון לייב שאַפּיראָ
בראַניע און ח. ש. נאַגאָשינער
אסתר און זאַקי זאַכאַריע
עלסי און דוד מינץ
אידל מאַרקוס
דזשוליוס באַרנבוים
סאול און בעסי סטאַר
פּאָלי און אברהם גאָלדבערג
אברהם שענאַק
דר. מאַקס שיין
רעי קאַפּלאַן
מאיר באַריטאַן
קלאַראַ און ה. דוליצקי
אהרן און אַדעלאַ שעק
רבקה און וואָלף וויים
בעסי שיינהויז
יעקב דאָראשקין
ה. רייבינס
הערשל קעסלער
פייגל און ב. קאָהן
דוד שקליאר
ג. מאַגידסאָן

לאָס-אַנדזשעלעס

שטאָטישער איקוף
שרייבער-פאַראיין
קאונסיל פרויען לייען-קרייזן

ראָזע און סעם סטעפּקין
ליובאַ און נייטן האָראָוויץ
גאָלדע און יעקב טשערניצקי
יוסף קאַראַבעלאָ
לאה און זלמן קלאָפּערמאַן
בוזי און ש. סעקולער
חנה פרימאַן
קלאַראַ און אַל. ראָער
מ. ראַטינאָף
משפחה פרימאק
מעימי יאַשאָן
רעגינאַ גאָלדראַט
חיים קאטיליאַנסקי
א. גאָרעליק
אַנאַ גארקער
אסתר מילער
אדעל און יהושע אַלקאָן
דאָראַ פּאַינס
ל. נאָוויקאָוו
ה. גאָלדשטיין
מ. רעלין
ה. זאַרבין
יודצי מאָרדען
משה קאַפּלאַן
משפחה וועבער
וויליאַם קעסנער
שרה און עד האַן
נאַדיא און יעקב לון
משפחה דאבושינסקי
נייטן קרעמער
רפאל פּאָזנער
משפחה האָפּמאַן
מאַלי און סעם ראסין
ס. אַגראַנסקי
בעקי און מענדל קאַנטאָר
א. ראַטבלאַט
משפחות גאָלדין
שייע בראון
אַנאַ און נייטן גאַרפּיעלד
משפחה אב. קאָרן
משפחה ריטשמאַן
משפחה דעגלין
משפחה רומאַק
משפחה גרינשפּאַן
משפחה געלער
משפחה נעמסאָן
משפחה סענטנער
רחל ליסט
שפרה ווייס
ה. לאנין
ל. פרענק

ש י ק אַ ג ע

שטאָטישער איקוף
קאונסיל לייען-קרייזן
מענדעלע לייען-קרייז
ז. וויינפּער לייען-קרייז
כאָוער-פּאַוער לייען-קרייז

מאָטל, בראָניע און סידני גאָלדין
הערמאַן בוש
מאָריס און מאניא פליישמאַן
לאה און משה סאַטין
משפחה דאָרינסאָן
ביילע און ליאָן יאַשאָן
קונצע וואַרשאָ
קאָרל סעדאָוו
דר. ה. לובין
דר. י. טאַלמי
כייקע קאָטלער
שרה פּאַט
לזכרון אברהם פּאַס

מרים און זוסיע חפץ
מאַקס טאַרג
משפחה מעלניקאָוו
זכריה גאָלדמאַן
עטל רעזניקאָוו

דעטראָיט

שטאָטישער איקוף

לייען־קרייזן

פלארא און אייזיק קעסלער
שיע און שפרה קעסלער
נעלי און אב. בערניקער
ראָז און משה ציטרין
משפחה רובין
ל. גרעי
נינא און ה. בלאָך
ראָז און מאַקס סאַבאַראָוו
קלאַראַ ראָמאַן
משפחה לעטווין
אַנאַ פישער
דאָראַ פישהאָף
רבקה שויכעט
חוה גאָלדע און מענדל עסטרין
רבקה און ישראל האַנדלמאַן
חברים פ. סעגאל
ס. קראַפט
ריסי און מאָטל שניידערמאַן
חנה און משה אָקרענט
שרה און רפאל בלומער
גאָסי און אהרן דיסטעל

קליוולאַנד

שטאָטישער איקוף

לייען־קרייזן

יוסף מאָרגנשטערן
שרה און ב. גאגאָליק
ב. קרעמער
פעסיע באָך
העלען ליכטנשטיין
ב. סימאָן
ס. אייזענדאָרף
סאניא טשערסקאָוו
ג. בראון
פ. טראַכט
דאָראַ און מ. בייער
א. ראָטנאָף
ס. סענדין
פ. אַקערמאַן
א. יאפע
ס. קושנער
מ. ראַדין
ע. שטורמאַן
ש. ראָטמאַן

פילאַדעלפיע

די דאַווידמאַנס
די טראַכטנבערגס
די בראָנשטיינס
די גאדיקס
די טאַבאַקמאַנס
די סילווערמאַנס
די סאבאלס

באָסטאָן

שטאָטישער איקוף

לייען־קרייזן

באַסיע שאַפּיראָ
ביילע לאַן
רחל און שמואל וועסטלמאַן
א. באָרנשטיין
נעמי און ס. בער
חיים עפשטיין
מ. לובין
לייבל סילווערמאַן

ביילע און דוד קרעטשמאַר
ה. פּאָלאַק
פאַניא און נחום ווינשטיין
אידיט קאָהן

וואַשינגטאָן

גינאַ מעדעם לייען־קרייז
משפחה איילין
משפחה ריטשמאַן
חנה און חיים לייב
קלאַראַ און מאיר שולמאַן

מ י אַ מ י

י. ל. פּרץ לייען־קרייז
דוד עדעלשטאַט לייען־קרייז
לאה און יצחק סטענדער
פראַדל פרידמאַן
ג. ווינקלער
משפחה דראַבקין
הערשל, כאַסיע און מרים קאַרט
ליבע און מרדכי יהודה מאס
משפחה טאָבי

פּאַל־ריווער

דאָראַ און מאיר קאַנאָוויץ
סלאַווע און אייזיק סורקעס

מ י ל ו ו אָ ק י

אידיט און יאַנקל מייסטער
שייוקע און הילצע

מעדיסאָן

אסתר און יעקב פעלדמאַן

סאַן־פראַנציסקאָ

משפחה געווירץ

אוקלאַנד

לייען־קרייז
די פרידמאַנס

פעניקס

פרידמאַ נעלסאָן
חברטע רעמרעז

לאָנג־ביטש

יוסף ראַבינס

סאַן־פעדראָ

די קאַניסטערס

אַטלאַנטאַ

מרים און בערל ראַנין
גוירדי און מ. מערלין
אַנאַ און נחמיה כ״ץ
אַנאַ און ד. נאָרוועל
שרה און מ. פיליפּס
די דייוויס

נאָרפאָלק־פּאָרטסמוט

די דוברינסקיס
די סיידמאַנס
די סאָטיצקיס
לזכרון
דוד שלויץ

מינעאַפּאָליס

משפחה סופּאַק

מ ע ק ס י ק אָ

לייען־קרייז
יוגנט־גרופּע

פראָגרעסיווע פּרויען

בערטאַ און איסאַק סטאָליאַר
אידאַ און סעמועל סטאָליאַר
סוני מושינסקי
אברהם העלפמאַן
בעריש ראָזען
דר. י. אסטריאַק
כילקע און ל. גרינבערג
אסתר וואַרמאַן
פאַניאַ ראַבעל
דר. איסאַק און סאָניא אויניק
בערל און אסתר בערקאָוויטש
כעליאַ און איסאַק וואַרמאַן
רבקה און משה הייבלום
לאה און ישראל מארגאַן
שרהקע און ש. מאַגידין
ש. און חיים מעלצער
יוסף פשישווע
הערמאַן און ראַ פאגל
געניאַ און לעאַן לובינסקי
לייזער מאַזאַיקאַ
סוני סיגאַל
בעטי און לעאָ ראַבינאָוויטש
ברײנע לעווין
מ. ביאַלאַס
צבי קעסעל
בנציון גאידזינסקי
ז. נאַכלין

מאָנטרעאָל

שטאָטישער איקוף
לייען־קרייזן
שלום שטערן
שלום קרישטאַלקאַ
כאַיקאָבאַ
די פלימושנערס
מאַקס האַס
משפחה בילד

רחל און פּ. פּרעסמאַן
משפחה רעזניק
משפחה לאַפּיצקי
משפחה הירשביין
מיני און הערשל
אילאַי קאהן
י. בעקער
חיים גרינשפּאַן

טאָראָנטאָ

שטאָטישער איקוף
לייען־קרייזן
ישעיה לאַכאָווסקי

לזכרון זיין פאָטער און מוטער
זעליג מרדכי
און אסתר רוט־עטל

דר. ראָזע בראָנשטיין
א. גיסנעוויטש

וויניפּעג

די לייען־קרייזן
משפחה שעימס
משפחה באַסמאַן

קאַלגערי

משפחות:
י. סטיין
זיסל שיינען
ה. שיינען
די שווייצערס
ב. סמעכאָוו
ז. פרידמאַן

וואַנקאָוווער

לייען־קרייז
די קאַפּלאַנס
די חיינס
די ערנבערגס